STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06196

MOSHEH HES

Abraham Bick

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ביק

משה העס

אַ פּאָרטרעט

איקוף פאַרלאַג

דאָס בוך־איז אַרויס מיט דער הילף פון
מאָריס גיסנעט
(מיאַמי, פלאָרידע)
אין אָנדענק פון זיין פאָטער
שלמה גיסנעט,
געשטאָרבן אין עלטער פון 94 יאָר
דעם 27טן אָקטאָבער, 1944

MOSES HESS

Historical Novel

By Abraham Bick

Published by YKUF
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

Copyright, 1949, by
ABRAHAM BICK

שער־בלאַט געצייכנט פון י. זעלדין

געזעצט פון י. בוראַקאָוו אין דער פראָמפט פרעס, 113 פערסטע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.

PRINTED IN THE U.S.A.

209

דער ווידעראויפגעלעבטער משה העס

(אַריינפיר)

משה העס

דאָס באַוואוסטע וואָרט „דור דור ודורשיו, דור דור וסופריו" דאַרף מען אָננעמען ניט נאָר פשוט, אַז יעדער דור רוקט אַרויס זיינע דענקער, זיינע שרייבער. מ'דאַרף עס אויך פאַרשטיין אין דעם זינען, אַז אין יעדן דור וועקט זיך אַ נייער אינטערעס צו די פריער־דיקע דענקער־שרייבער און אַז יעדער דור נעמט אַרויס פון די פריער־דיקע תקופות וויכטיקע גייסטיקע פירער און באַלעבט זיי פונדאָסניי. די נייע און באַנייטע פאַראינטערעסירונג און באַלעבונג פון פאַרצייטיקע פערזענלעכקייטן ווערן שטענדיק דיקטירט פון די אַרומיקע באַדינגונגען און פאַרהעלטענישן, וואָס פירן און ברענגען צו דער ווידעראויפלעבונג פון אָפטמאָל־פאַרגעסענע היסטאָרישע פיגורן. און דאָס נעמלעכע געשעט אויך מיט ווערק, וואָס אָט ווערן זיי אין לויף פון אַ לענגערער צייט פאַרגעסן, און אָט ווערן זיי ווידעראויפגעלעבט.

מיט משה העס און מיט זיין לעבנס־ווערק „רוים און ירושלים" איז

געשען און געשעט דאָס זעלבע. זינט ער איז באַקאַנט געוואָרן אין דער גרויסער וועלט, זינט ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט „רוים און ירושלים“ און זינט ער איז געשטאָרבן, איז ער און זיין ווערק אין משך פֿון יאָרן געווען אָפּגערוקט אָן אַ זייט און דערנאָך פֿונדאָסניי אַרויסגערוקט געוואָרן אין פֿראָנט און ווידער אָנגעהויבן צוציען צו זיך מוחות און הערצער.

משה העס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1812 אין באָן, דייטשלאַנד. זיין ערשטע יוגנט־שריפֿט, „די הייליקע געשיכטע פֿון דער מענטשהייט“, געשריבן „פֿון שפּינאָזעס אַ תּלמיד“, איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין 1837. פֿון זיינע יונגע יאָרן האָט ער זיך געפֿונען צווישן פֿאַרשיידענע קעגנזעצלעכע און ווידעראַנאַנדיקע כּוחות און השפּעות. ער איז געווען אַריינגעצויגן אין די אויפֿטרייסלענדיקע פֿאַסירונגען פֿון יענע גורלפֿולע יאָרן פֿאַר דער מענטשהייט און פֿאַרן יידישן פֿאָלק. ער האָט זיך באַטייליקט אין פֿיל פֿון די רעוואָלוציאָנערע קאַמפֿן און שטרייטן, און גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין די פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס, וואָס זיינען דאַן אויפֿגעקומען צוזאַמען מיט די גרויסע געשעענישן. ער ווערט געיאָגט פֿון איין לאַנד אינעם צווייטן, ער מאַכט אַדורך פֿאַרשיידענע האַסטיקע גייסטיקע, אידייאישע איבערוואַנדלונגען, וואָס רופֿן אַרויס באַגייסטערונג און אָפּטמאָל פֿאַרביטערונג ביי זיינע מיטקעמפֿער און מיטציייטלער. אין יאָר 1862 גיט ער אַרויס זיין באַרימט־געוואָרן ווערק „רוים און ירושלים“, וואָס איז אַ לעגנגערע צייט ביי אים פֿאַמעלעך אויסגעצייטיקט געוואָרן. דעם 6טן אַפּריל, 1875, אין עלטער פֿון 63 יאָר, שטאַרבט משה העס, און אויב ניט זאַט אין יאָרן, איז זאַט און אָנגעזעטיקט מיט איבערלעבענישן, יסורים, פֿאַרפֿאָלגונגען און אויך מיט ניט־וויניק מיספֿאַרשטייענישן.

משה העס איז געווען טיף־פֿאַרוואָרצלט און ער איז אַרויסגעוואַקסן פֿון זיין צייט, אָבער אייביקע פֿון זיינע אַרויסזאָגונגען און אידייען זיינען געווען גאַנץ פֿריצייטיק. ער איז געווען דער פֿירזאָגער פֿון טיפֿע באַטראַכטונגען און הנחות, עס איז אָבער נאָך ניט געווען די פּאַסיקע סביבה און באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיינע ווערטער ווי געהעריק אויפֿנעמען און רעאַליזירן זיי אין לעבן. ער איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון זיין אומרואיקער צייט, ער האָט אָבער אין זיין צייט ניט געקאָנט, ניט געהאַט דעם כּוח צו רעאַליזירן די טרוימען און פּראָיעקטן, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן פֿאַרן וואוילזיין פֿון דער מענטשהייט און פֿאַרן גליק פֿונעם יידישן פֿאָלק. ער איז דעריבער פֿאַרבליבן אַ טרוימער, אַן אָנזאָגער. ער איז פֿאַרבליבן אַן אויפֿשיין און אויפֿבליץ, וואָס האָט קיין פֿולע ליכט און קיין העלן טאָג נאָך ניט געקאָנט ברענגען.

די זעלבע יידישע טרוימען און אידייען — אין אַ מער־קאָנקרעטער פאָרם — זיינען מיט יאָרן שפּעטער אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך דר. לעאָן פּינסקער אין זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע״, וואָס איז אַרויס אין בערלין, אויך אין דער דייטשער שפּראַך, אין 1882 — מיט 20 יאָר נאָכן דער־שיינען פון משה העס׳ „רוים און ירושלים״, און דורך טעאָדאָר הערצל אין זיין „יודענשטאַט״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1897 — מיט 35 יאָר נאָך „רוים און ירושלים״. אָבער ביידע, ניט פּינסקער און ניט הערצל, בעת זיי האָבן געשריבן זייערע ווערק, האָבן ניט געוואוסט וועגן זייער פּירגייער און פּירזאָגער. אין יאָר 1898 האָט הערצל גענומען לייענען „רוים און ירושלים״, אָבער ער האָט קיין צייט ניט געהאַט עס צו פאַר־ענדיקן און צו פאַרטיפן זיך אין אים. ערשט אין יאָר 1901 פאַרצייכנט הערצל אין זיין טאָגבוך: „איך בין באַגייסטערט און דערהויבן געוואָרן דורך ׳רוים און ירושלים׳. וואָס פאַר אַ דערהויבענער יידישער גייסט! אַלץ וואָס מיר האָבן פּרובירט, עקספּערימענטירט, איז שוין געשריבן געוואָרן דורך אים.״

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס יעדעס מאָל קומט מען מיט אַ נייעם הייסן ווילן אַרויסצוברענגען אין אַ וואָס־קלערערן ליכט דעם מענטש און דענקער משה העס און אַרויסווייזן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט משה העסן צו די געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען, וואָס האָבן אין זיין צייט געקלונגען פרעמד און ווייט סיי פאַר די פירער און סיי פאַר די מאַסן.

אין 1912, צום 100סטן געבוירנטאָג פון משה העס, האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן „משה העס, דער סאָציאַליסט, דער פילאָסאָף, דער ייד״ (אָפּגעדרוקט אין 3טן באַנד פון דר. ח. זשיטלאָווסקיס שריפטן, ניו־יאָרק, 1912). דר. ח. זשיטלאָווסקי זאָגט אין אָנהויב פון זיין אָפּהאַנדלונג: „אין דעם אָנהויב פון די 70ער יאָרן פונעם פאָריקן י״ה — אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט — איז משה העס געווען כמעט אינגאַנצן אַ פאַרגעסענער. ערשט זיין טויט האָט ווידער דער־מאָנט דער וועלט אָן דעם איינזאַם־פאַרשטאַרבענעם דענקער און קעמפּער...״ די נעקראָלאָגן נאָך זיין טויט „זיינען געווען ווי אַ בליץ, וואָס האָט נאָר אויף אַ רגע פאַרטריבן די געדיכטע פינצטערניש, וועלכע האָט אַרומ־געקליבן זיין נאָמען.״ „ערשט אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן האָט די פינצטערניש גענומען ביסלעכווייז ווייכן. מען האָט זיך גענומען אינטערע־סירן מיט דער פריערדיקער געשיכטע פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — מיט דער עפּאָכע פאַר לאַסאַלן — און דאָ האָט מען זיך אָנ־געשטויסן אויף דער ווירקונג און דער באַדייטונג פון משה העס״, און

מען האָט אויך איינגעפונען, אַז דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס „האָט זיינע טעאָרעטישע וואָרצלען אין יענער גייסטיקער באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דירעקט פון משה העס.“ (ז׳ 195).

דר. ח. זשיטלאָווסקי פאַרענדיקט זיין וויכטיקע אַרבעט איבער משה העס מיט די ווערטער: „מוסטערט מען נאָך אַמאָל דורך די אַנשויאונגען פון משה העס, דעם פילאָסאָף, דעם סאָציאַליסט, דעם ייד, וועלכע מיר האָבן געפּרואווט (צו) שילדערן אויף דעם גרונד פון זיינע אייגענע רייד, האָט מען געוויס אַ רעכט צו באַטראַכטן אים, ווי דעם וויכטיקסטן פאָר־לויפער פון דעם מאָדערנעם יידיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק: אַ פאָרלויפער, וואָס איז דורכגעלאָפן זיין גאַנצן געביט און האָט ריכטיק פעסטגעשטעלט זיינע וויכטיקסטע טעאָרעטישע יסודות.“ (ז׳ 230).

אויך דר. נחמן סירקין, וועלכער האָט איבערגעזעצט „רוים און ירושלים“ אויף יידיש, שרייבט אין זיין לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן „משה העס, זיין לעבן, זיין ווירקן און זיין פילאָסאָפיע“ (דער אַריינפיר צו דער איבערזעצונג, ניו־יאָרק, 1916): „עס איז קיינמאָל אפשר ניט געווען אַזוי נויטיק אויפצולעבן דאָס בילד פון מאָזעס העס, דעם גרויסן אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליסט, דעם געניאַלן יידישן געשיכט־פילאָסאָף און דעם אָנזאָגער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, ווי אין דער איצטיקער צייט... די נאַציאָנאַלע און ליטעראַרישע שעפּפונג [שאַפונג — נ. מ.] פון מאָזעס העס שטייט אין טיפער און אינעווייניקער שייכות מיט אונדזער געגנוואָרט און אירע פּראָבלעמען, מיט די פּראָבלעמען פון סאָציאַ־ליזם, פון יידנטום און יידישן פאָלק.“ (דאָרט, ז׳ 7). „דאָס ווערק ׳רוים און ירושלים׳ איז ניט געווען דער אויסדרוק פון יענער צייט, נאָר עס איז דער נבואהדיקער אָנזאָג פון אונדזער געגנוואָרט און אירע פּראָבלעמען.“ (ז׳ 9).

און באמת נביאיש זיינען די ווערטער, וואָס משה העס גופא שרייבט אין זיין קורצן פאָרוואָרט צו „רוים און ירושלים“: „די שטימען, וואָס לאָזן זיך היינט הערן פון אומעטום פאַר דער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט פון דעם פאָלק, זיינען קודם־כל באַרעכטיקט דורך דעם יידישן קולט, דורך דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון יידנטום. אָבער אויך די אַלגעמיינע אַנט־וויקלונג פון דער וועלט־געשיכטע און איר רעזולטאַט: די געגנוואָרטיקע לאַגע, פירט צו דער יידישער אויפלעבונג.“ (ז׳ 69, אין דער יידישער איבערזעצונג פון דר. נ. סירקין.)

און נאָך און נאָך זייער וויכטיקע געדאַנקען און אַרויסזאָגונגען, וואָס זיינען געווען ביז גאָר ניי פאַר זיין צייט און האָבן ביז איצט ניט אָנגעוווירן

זייער באַטייט, געפינען מיר אין דעם ספרל „רוים און ירושלים", וואָס פאַר־מאָגט טיפע געדאַנקען און רירנדיקע פּאָעטישע שטעלן. אָט זאָגט משה העס, ווען ער גיט זיך איבער דעם טרוים, אַז יידן וועלן צוריקאויפשטעלן ירושלים: „אָבער איר דאַרפט וויסן, דאָס פון אַלע אמתן און אויסגעטראַכטע טובות [אפשר ריכטיקער: נוצן — נ. מ], וועלכע די יידן האָבן אין גלות געבראַכט דער ציוויליזירטער וועלט, וועט קיינע ניט גיין לאיבוד, ווען עס וועט זיין אַ יידישע מלוכה. וואָרים אַזוי ווי אין בית שני זיינען ניט אַלע יידן צוריקגעקומען אין ארץ־ישראל, נאָר דער גרעסטער טייל איז געבליבן אין דעם דעמאָלטיקן גלות, אַזוי קאָנען מיר ניט דערוואַרטן ביי דער צוקונפטיקער אויפלעבונג אַזאַ וואונדער." (ז' 115).

אויף וויפיל משה העס פון יאָר 1862 איז רעאַלער און וויטזעעוודיקער ווי פיל, פיל פון די איצטיקע ציוניסטישע פירער און טוער!

משה העס איז געווען אַ גרויסער וויזיאָנער, אָבער אַלע זיינע טרוימען און וויזיעס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דעם קאָנקרעטן געראַנגל פון די אַרומיקע כוחות, מיט וועלכע ער איז געווען מיט לייב און לעבן פאַרבונדן. ער איז אַרויסגעוואַקסן פון די שטרייטנדיקע וועלט־כוחות און ער האָט טיף באַגריפן און געפילט, אַז יידן זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון די וועלט־קאַמפן. ער איז דורך די דעמאָלטיקע אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע געשעענישן גע־טריבן געווען פון דייטשלאַנד קיין פּאַריז, און ווי קאַרל מאַרקס און אַנדערע זיינע מיטצייטלער, די רעוואָלוציאָנערע קעמפער, ווערט ער אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך. די פילאָסאָפישע און ליטעראַרישע אַרבעטן גייען ביי אים, ווי ביי די אַנדערע דענקער־קעמפער, האַנט אין האַנט מיט די רעוואָ־לוציאָנערע בונטאַרישע רופן און אויסרופן. משה העס לעבט אָבער אויך כסדר מיט די זכרונות, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין אייגענער היים און וואָס ער האָט פאַרהיט פון דער רייכער פאָלקס־פאַרגאַנגענהייט. וואָר און טרוים, ווירקלעכקייט און לעגענדע פאָרן זיך אָן אויפהער אין זיין מוח און אין זיין ספר. ער איז באַזונדערס טיף דערשיטערט געוואָרן פון דעם באַרימטן עלילת־דם אין דמשק (אין 1840) און לאַנגע יאָרן ניט געקאָנט קומען צו אַן אינעווייניקסטן גלייכגעוויכט, פּונקט ווי דער דמשקער בלוט־בלבול האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפעה אויך אויף דעם יונגן פערדינאַנד לאַסאַל, משה העס' נאָענטער פריינט.

אַ גאַר אינטערעסאַנטער קאַפּיטל אינעם לעבן פון משה העס — מיט פיל ליכטיקע און טונקעלע מאָמענטן — איז זיין טיפע פריינטשאַפט און פאַרבינדונג מיט קאַרל מאַרקס. די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן אָט די צוויי גרויסע דענקער און קעמפער הערן ניט אויף צו רייצן די פאָרשער.

העס און מאַרקס זיינען געווען פיל נעענטער און צוגעבונדענער איינער צום אַנדערן, ווי עס ווייזט זיך אין פלוג אויס.

אין זיין „רוים און ירושלים", וואָס איז אַ וואונדערלעכער געמיש פון קלאָרע לאָגישע באַטראַכטונגען, אַרויסזאָגונגען, און פון לירישע, האַרציקע אויסגוסן, האָט משה העס באַרירט און באַהאַנדלט, אַנאַליזירט און געמאַכט טיפע ווייט־גייענדיקע פאַראויסזאָגונגען איבער פאַרשיידענע פראַגן פון אונדזער יידישן זיין און פון אונדזער ווייטערדיקן גאַנג אין דער וועלט.

אייניקע שטעלן זיינען נאָך ביז איצט געווען אַקטועל און באַלערנדיק. אָט למשל: „ניט געקוקט אויף פאַלשער אויפקלערונג און אָרטאָדאָקסיע, האָבן דאָך די יידן צופיל געזונטן פאַרשטאַנד, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן רעליגיעזע פאַנטאַזיעס, וועלכע האָבן קיין באָדן ניט אין דער געגנוואַרט." (ז' 150). און ווייטער: „אין דער ערשטער שיכרות פון דער מאָדערנער אויפקלערונג האָט מען געקאָנט אַריינפאַלן אין דעם טעות צו פאַרפרעמדן דאָס יידישע פאָלק פון זיין נאַציאָנאַלן קולט דורך כלומרשטער הומאַניטעט, אין וועלכער דאָס יידנטום האָט געזאָלט אונטערגיין מיט זיין גאַנצן באַזונדערן לעבן. היינט קאָן אַפילו דער אויבערפלעכלעכער ראַציאָנאַליסט ניט גלויבן אין דער פילאַנטראָפּישער אילוזיע." (ז' 151). און מיט וואָס פאַר אַ פּיעטעט אָט דער דעמאָלטיקער מערב־ייד האָט זיך באַצויגן צו די יידן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס „האָבן בעסער אויפגעהיט דאָס לעבעדיקע קערנדל פון יידנטום, די יידישע נאַציאָנאַליטעט". (ז' 91). ס'איז באַזונדערס אינטערעסאַנט זיין באַזונדערע באַגייסטערונג פאַר דער יידישער יוגנט אין מזרח־אייראָפּע און זיין אָריענטירונג אויף זייערע שאַפערישע כחות.

און דורכאויס ריכטיק זיינען די ווערטער פון דר. ח. זשיטלאָווסקי: „וויפיל מיר זאָלן קריטיש ניט אָראָפּדינגען פון זיינע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען, בלייבט נאָך געניג, וואָס וואָלט געגעבן משה העסן דאָס רעכט צוצולייגן צו זיין שטאָלצן טיטל 'אַלט־פאָטער דעם דייטשן קאָמוניזמוס' דעם טיטל 'טעאָרעטישער פאָטער פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג'." (ז' 231).

עס איז גוט, וואָס אברהם ביק האָט זיך גענומען אויפצולעבן פאַר אונדז דעם מענטש און דענקער משה העס אויפן הינטערגרונט פון זיין צייט און אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן, דאָקומענטן און ידיעות, וואָס ער האָט באַוויזן מיט אַזאַ פלייס פון דאָ און דאָרטן אויפצוזאַמלען און פאַרגעשטאַלטיקן זיי אין זיין היסטאָרישער דערציילונג, אָדער ווי ער רופט אָן זיין בוך — אין דער „כראָניק".

די רשימה פון אונדזער היסטאָרישער בעלעטריסטיק איז ניט קיין לאַנגע און ניט קיין גענוג־רייכע. הגם מיר זיינען געבענטשט מיט אַ רייכער יידישער פאַרגאַנגענהייט און מיר פאַרמאָגן אַ געוואַלדיק־רייכע גאַלעריי פון אויסערסט־אינטערעסאַנטע און מערקווירדיקע געשטאַלטן, פערזענלעכקייטן, וועלכע קאָנען דינען ווי שטאָף פאַר היסטאָרישע ראָמאַנען און דערציילונגען, האָבן מיר דאָך אַ קליינע צאָל היסטאָרישע ראָמאַנען. אונדז איז שוין אויסגעקומען אין פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען זיך אָפּצושטעלן אויפן פאַקט, וואָס אונדזערע קינסטלער האָבן ביז מיט אַ פאָר יאָרצענדליקער צוריק וויניק געלייגט אַכט און אויפמערקזאַמקייט אויף די גרויסע,ווירקלעכע געשיכטלעכע פאַסירונגען און פיגורן. דער היסטאָרישער ראָמאַן און די היסטאָרישע דערציילונג ווערט אָבער וואָס־ווייטער אַן אַלץ־מער פּאָפּולערע און באַליבטע קינסטלערישע פאָרם סיי פאַרן שרייבער און סיי פאַרן לייענער ביי אַנדערע פעלקער און ביי אונדז יידן.

דער גאון־קינסטלער ל. נ. טאָלסטאָי האָט אין זיין גרויס ווערק „קריג און פרידן" (אין דעם באַרימטן נאָכוואָרט) געגעבן אַ ברייטע אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונג וועגן דעם אונטערשייד פון אַ היסטאָריקער און אַ קינסטלער, וואָס באַהאַנדלען און באַאַרבעטן אַ געוויסע תקופה אין דער פאַרגאַנגענהייט: „פאַר דעם היסטאָריקער — שרייבט טאָלסטאָי — ביים אַרויסברענגען אַ וואָסער ס'איז אויפגאַבע, וואָס די פערזאָן האָט געהאָלפן צו לייזן און צו רעאַליזירן, עקזיסטירן העלדן; פאַר דעם קינסטלער, כדי צוצופּאַסן די פערזאָן און אירע טואונגען צו אַלע זייטן פונעם לעבן, קאָנען ניט און טאָרן ניט זיין קיין העלדן, נאָר עס דאַרפן זיין מענטשן." און נאָך אַ טיפער אונטערשייד: „דער היסטאָריקער האָט צו טאָן מיט די רעזולטאַטן פון די פאַסירונגען, און דער קינסטלער — מיט די עצם פאַקטן פון די פאַסירונגען."

מיר לעבן איצט איבער אין אונדזער יידישן לעבן וויכטיקע געשעענישן פון אַ גרויסן היסטאָרישן באַטייט, און דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, וואָס מער ווי ווען עס איז ווענדן מיר אונדזערע אויגן צו אונדזער רייכער מאַרטיראָלאָגישער געשיכטע. מיר קאָנען איבערחזרן די ווערטער פון דעם גרויסן רוסישן קריטיקער־דענקער וו. ג. בעלינסקי (וואָס ערשט ניט לאַנג האָט מען געפייערט זיין 100טן יאָרצייט): „נאָך קיינמאָל ניט האָט די פאָרשונג פון דער רוסישער געשיכטע ניט געהאַט אַזאַ ערנסטן כאַראַקטער ווי ס'האָט אָנגענומען אין דער לעצטער צייט. מיר בעטן זיך און מיר פרעגן אויס ביי דער פאַרגאַנגענהייט, זי זאָל אונדז איצט דערקלערן דאָס היינטיקע לעבן און אונדז אָנדייטן אונדזער צוקונפט."

די געשטאַלט פון משה העס האָט צוגעצויגן צו זיך ניט נאָר יידישע דענקער, נאָר אויך יידישע קינסטלער. י. אָפּאַטאָשו האָט געפּרואווט אַרויסברענגען משה העסן אין זיין „1863“ אין דער פּאַריזער סביבה. ער האָט אָבער געבראַכט בלויז איין עפּיזאָד פון זיין לעבן. עס זיינען דורך פאַרשיידענע שרייבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביאָגראַפישע שילדערונגען און אָפּשאַצונגען. אויסער די דערמאָנטע דר. ח. זשיטלאָווסקי און דר. נ. סירקין, אויך דורך טעאָדאָר זלאָציסטי (אין יאָר 1905), נחום סאָקאָלאָוו, שמריה גאָרעליק און פיל אַנדערע. זיי האָבן, ווי ביאָגראַפן, געהאַלטן זיך מער ביי אויטענטישע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. אברהם ביק, ווי דער לייענער וועט זען, מאַכט דעם פּרואוו אין זיין בוך, וואָס ער רופט אָן גאַנץ־באַשיידן „אַ כראָניק“, דערציילעריש און קינסטלעריש אַרויסצוברענגען די מערקווירדיקע און רירנדיקע געשטאַלט מיט אַלע זיינע ווידעראַנאַנדן. משה העס איז געווען דער פּראָדוקט פון זיין צייט, פון זיין סביבה, אַ קינד און אַ יורש פון זיין משפּחה, פון זיינע עלטערן. ער איז פון זיי אַרויסגעוואַקסן און ווייטער געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט. און די צייט, די סביבה, די קאַטאַקליזמען פון זיין תקופה האָבן זיך אַריינגעריסן און אַריינגעשניטן אין זיין כאַראַקטער, אין זיין גאַנצן וועזן. כדי פולער צו פאַרשטיין, כדי ברייטער צו באַנעמען און באַגרייפן די משה העס־געשטאַלט, באַמיט זיך אברהם ביק קינסטלעריש אויפצושטעלן די אַרומרינגלונג, שאַפן דעם הינטער־פאָן, אויפלעבן מענטשן, סיטואַציעס, שילדערונגען, וואָס זאָלן אונדז אויפקלערן און באַלויכטן טואונגען און טראַכטונגען פון דעם אויסטערלישן מענטש און דענקער משה העס, וואָס זיינע ווערטער האָבן אין זיין צייט אויפגעבליצט, צוריק פאַרלאָשן געוואָרן און איצט שיינען זיי ווידער אויף די הימלען פון אונדזער ניי און באַנייט יידיש לעבן.

דאָס בוך פון אברהם ביק וועט זיכער דערוועקן אַ נייע פאַראינטערעסירונג צו דער מערקווירדיקער געשטאַלט משה העס, וואָס האָט געלעבט און געווירקט, געליטן און געקעמפט, געטרוימט און אָנגעצייכנט וועגן און וויזיעס מיט הונדערט יאָר צוריק. א. ביק האָט עס פריער געטאָן מיט דער קנאַישער געשטאַלט ר׳ יעקב עמדין, און אין אַ מער־פולקומענעם אופן טוט ער עס אין זיין בוך מיט דער דענקעריש־קעמפערישער געשטאַלט משה העס. ס׳קומט אים דערפאַר אַ דאַנק און אַ יישר־כוח.

30טן מערץ, 1949 **נחמן מייזיל**

פון דעם מחבר

דאָס בוך פּרעטענדירט ניט צו זיין אַ דורכאויס־ביאָגראַפיש ווערק. זיין מעטאָד באַזירט זיך אויף היסטאָריש־ביאָגראַפישן אמת. די סביבה, די פּערסאָנאַזשן, ווי אויך די אידיי זיינען פאָרמירט לויט קאָנקרעטע היס־טאָרישע געשעענישן און אויפן סמך פון פאַקטישע דאָקומענטן. און ניט נאָר אויפן סמך, נאָר איך האָב זיך באַנוצט מיט זיי גופא. און דערפאַר זיינען אָנגעגעבן די ווירקלעכע נעמען און צונעמענישן.

מען קאָן דערפאַר פון קאָנטעקסט אַרויסנעמען אַ צאָל שורות און זאַצן, וואָס זיינען איינגעראַמט אין גענדזן־פיסלעך: אויטענטישע היסטאָרישע דאָקומענטן. דאָס גאַנצע ווערק איז אַזוי אַרום אַ טריי־איבערגעגעבענע לעבנס־כראָניק פון משה העס. די רעפלעקסיעס און אימפּרעסיעס העלפן בלויז סומירן די כאַראַקטער־שטריכן און וויכטיקסטע מאָמענטן פון משה העס' לעבן און דענקען.

די ציטאַטע פון העס' „רויטן קאַטעכיזם" איז גענומען פון דר. חיים זשיטלאָווסקיס „מאָראַל און סאָציאַליזם" (ניו־יאָרק, 1938).

די אויסצוגן פון „רום און ירושלים" זיינען לויט דער העברייאישער אויסגאַבע, איבערזעצט פון דוד צמח (פאַרלאַג „תושיה", וואַרשע, תרנ"ט, 1899).

די פראַגמענטן פון העס' בריוו וועגן קאַרל מאַרקסן צו בערטאָלד אויערבאַך און פון היינריך גרעצס בריוו צו מאַרקסן — פון די „היסטאָרישע שריפטן" (ייוו"אָ, באַנד 2, 1937). די ציטירטע שטעלע אין קאַפּיטל „דער נביא און דער סוחר" — פון דר. א. קאַראַלניקס „ווידערקלאַנגען" (וואַרשע, 1928).

דער גרעסטער טייל פון בוך איז געדרוקט געוואָרן ווי אַ היסטאָרישער ראָמאַן אין ניו־יאָרקער „טאָג" און אין „דאָס נייע לעבן" פון וואַרשע. פערצן קאַפּיטלען זיינען נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרן. דאָס געדרוקטע איז אויך טיילוויז באַאַרבעט געוואָרן פונסניי.

פאַר אייניקע אָנווייזונגען און באַמערקונגען בין איך שולדיק אַ דאַנק די ה"ה משה כץ און נחמן מייזיל.

ניסן, תש"ט, אַפּריל, 1949. **א. ב.**

א

קינדהייט

ביים רהיין

אַלט זיינען די יידישע קהילות ביים רהיין. יאָרהונדערטער האָבן דאָרטן די יידן געלערנט תורה, געפלאַנצט וויינגערטנער און געפירט מסחר מיט ווייטע מדינות.

איבער דעם וועג, וואָס פירט פון קעלן קיין מאַנהיים, פון טייך רהיין צום טייך מיין, טרעפט מען אַלטע בית־עולמס, מיט גרויסע מצבה־שטיינער. די שטיינער זיינען צעשפּאָלטן, די אותיות אויסגעלאָשן פון ווינט און פון רעגן. לעבן די בית־עלמינס געפינען זיך די רהיינישע וויין־פעלדער, וואָס שפּרייטן זיך איבער טויאיקע בערגלעך און לאָזן זיך אַרונטער צו די טאָלן. אין פריען האַרבסט, ווען דער ווייַן ווערט רייף, ווערט די געגנט באַגאָסן מיט אַ האַרבסטיקער רויטקייט.

און הינטער די וויינגערטנער ליגן די שטעט, וואו עס שאָטענען גרוי די ווענט פון זייערע שולן און גרין־פאַרלעגערטער מאָך עלטערט זיך אויף די געזימסן פון צעבויגענע, אָפּגעריבענע מויערן.

קעלן, קולוניה — די שטאָט, וואָס האָט נאָך אין פערטן יאָרהונדערט אַריינגענומען די יידן פון גלות־רוים. דאָ האָט מען אין ערשטן און צווייטן קרייץ־צוג געשאָכטן יידן אין נאָמען פון געקרייציקטן גאָט. דאָ האָט דער פייטן ר׳ יואל ב״ר יצחק הלוי, פון דער דערבייאיקער שטאָט באָן, געשריבן זיינע קינות, און דאָ האָט געוואוינט דער מהרי״ק, דער מחבר פון „אור זרוע״.

און די אַלטע באַיאָרנטע גאַסן דערציילן, אַז דאָ זיינען אַמאָל געגאַנגען שתדלנים, משיחישע טרוימער און געזאָלבט מיט זייער אָטעם יעדע גאַס און געסל, מויער און טויער. יוזלמאַן פון רוסהיים, שלמה מולכו, אשר לעמליין און ר׳ פתחיה פון רעגענסבורג — זייערע טריט זיינען נאָך קאַנטיק אין די יידן־גאַסן פון קעלן, פון באָן, פון מאַנהיים. — — —

• • •

עס איז פרילינג אין יאָר 1797.

איבער דער „יידן־גאַס“ פון באָן ציט זיך אַ פּראָצעסיע פון די רעפּוב־ליקאַנער. די איינוואוינער פון דער נייער מדינה פון יענער זייט רהיין באַווייזן היינט פאַר דער עפנטלעכקייט, אַז מענטשלעך איז זייער געפּעכט פאַר ברידערלעכקייט און זיי גייען צעוואַרפן דעם „טויער פון דער געטאָ“.

איבערן ברייטן רהיין הויבן זיך די הימלען אין דינע, העלע וויטן. יידן הויבן זייערע הענט מיט אַ פולן גוט־מאָרגן. פון צופיל הימל, בלעטער, גראָזן און טוי ווייסן זיי אַזש ניט ווי אַזוי צו לויבן גאָט פאַר דער רחבות, פאַר דער פרייהייט. מען פאַרפלאַנצט דעם „בוים פון פרייהייט“ — אַ צייכן, אַז פון היינט אָן וועט דער פרייהייט־גייסט פון דער רעפּובליקאַנער רעוואָ־לוציע זיך צעוואַקסן פאַר אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון רעליגיע און שטאַנד.

מען צעוואַרפט דעם „טויער“ און דער בירגערמייסטער פון באָן דער־קלערט פייערלעך: „דער געטאָ־טויער, וואָס איז יעדע נאַכט פאַרשלאָסן געוואָרן, כדי ניט צו באַליידיקן די געפילן פון די קריסטלעכע בירגער, ווערט היינט צעוואָרפן, אַלס סימבאָל, אַז פאַרן געזעץ זיינען אַלע בירגער גלייך...“

אַ תשובה פון טריער

דער אַלטער ר׳ דוד טעוועלע העס, דער רב פון דער יידישער געמיינדע אין מאַנהיים, האָט זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט פון נאָכמיטאָגדיקן שלאָף, ווען ער האָט דערהערט טריט אויף יענער זייט טיר. ער האָט זיך אויפ־געהויבן און דערזען דעם שמש שטיין מיט אַ בריוו אין האַנט.

— האָב איך דעם רבין אויפגעוועקט? איך האָב אַ בריוו — האָט אים דער שמש דערלאַנגט אַ דיקן בריוו־פּאַקעט.

דער רב האָט צוגענומען דעם בריוו און איז אַריין אין קיך, זיך לאַנג־זאַם אָפּגעגאָסן די הענט מיט אַ פולער קוואָרט וואַסער, ניט ווי אַלעמאָל ווען ער שטייט אויף פון נאָכמיטאָג־שלאָף, נאָר ווי ער וואָלט זיך מכין געווען צו אַ הייליקער עבודה, און איז אַרויף צו זיך אין אויבער־שטיבל.

ר׳ טעוועלע איז געווען אַ הויכער און אַ דינער, מיטן אַן איידל פּנים. זיין באַנעמען זיך מיט מענטשן איז געווען געלאַסן. ווען ער איז אָנגעקומען קיין מאַנהיים, איז ער אַלט געווען אַ יאָר פערציק, אָבער ער איז געווען דערפאַרן אין זיינע פירעכצן, ווי אַ זקן, אַ מופלג.

זיין קליינער קאָפּ מיטן פאַרשפּיצטן ווייסן בערדל — האָט אים צו־געגעבן עפּעס קינדישעס. זיינע מילדע אויגן, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף עמעצן, האָבן זיי געבראַכט רו. דערצו איז ר׳ טעוועלע אויך געווען היפּש רייך. ער האָט געירשנט אַ פאַרמעגן פון זיין פאָטער און האָט פאַר־מאָגט אַ צוקער־געשעפט אין מאַנהיים, וואָס זיין יינגסטער זון מנחם האָט געפירט. ער פלעגט ליב־האָבן דערציילן, אַז ביי זיינעם אַ זיידן, אַ גביר און אַ ראש־ישיבה אין ווירצבורג, פלעגט תמיד אויפן טיש דאַרפן שטיין אַ שיסעלע מיט גילדענע רענדלעך, ער זאָל זיך שפּילן מיט זיי, פאַר־טראַכטערהייט, בעתן לערנען.

אָבער די שטאָט האָט געשעצט ר׳ טעוועלען ניט צוליב זיין רייכקייט, נאָר צוליב זיין פרומקייט און תמימות.

ער האָט קיינמאָל ניט געפירט קיין וויכוחים מיט אַנדערע רבנים און

האָט זיך שטענדיק באַמיט שלום־מאַכן צווישן מענטשן. בלויז איינמאָל האָט ער זיך אַריינגעמישט אין אַ מחלוקת וועגן אַ גט, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין דער דערבייאיקער שטאָט קלעווע. ער האָט געאַסרט דעם גט, קעגן דער דעה פון זיינע עלטערע חברים־רבנים, ווי ר׳ יחזקאל לאַנדוי פון פראָג און ר׳ יהושע העשיל לבוב פון טריער. שפּעטער האָט ער חרטה געהאַט און אָפּגעמאַכט, זיך ווייניק אָפּגעבן מיט גיטין.

אַז עס האָט זיך יאָ געמאַכט אַ גט, האָט ער זיך נוהג געווען אין דעם טאָג ניט טועם זיין קיין עסן.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער געזעסן וואַך איבער אַ שטויס ספרים און האָט עוסק געווען אין די האַרבע הלכות און דינים פון גט. פון זיינע אויגן האָבן דערביי געפלאָסן טרערן אָן אַן אויפהער. ר׳ טעוועלע האָט געוואוסט, אַז די קדמונים זיינען מחולק וועגן גט. די בית שמאי, למשל, האַלטן, אַז אַ מענטש מעג אָפּ׳גטן זיין ווייב, אַפילו אויב נאָר זי האָט אים צוגעברענט ס׳געקעכטס; און אַנדערע האַבן, פאַרקערט, דעם ענין גט געמאַכט גאָר האַרב.

ר׳ טעוועלע איז געבויגט געווען צו האַלטן מיט ר׳ אליעזרן, וואָס האָט געדרונגען פון אַ פסוק, אַז ווען איינער גט ס׳ערשטע ווייב, לאָזט דער מזבח אַ טרער. ניט אומזיסט — האָט ער אַמאָל געזאָגט אין בית־מדרש — רופט מען אַ גט „ספר כריתות״ — איין נשמה ווערט אָפּגעשניטן פון דער צווייטער אויף אייביק... פלעגט ר׳ טעוועלע אויף־זיין אַ גאַנצע נאַכט פאַרן גט און מיטוויינען מיטן מזבח...

אינדערפרי, ווען מאַן און ווייב זיינען געקומען, איז שוין ר׳ טעוועלע געזעסן אין טלית אַן אויסגעוויינטער. פון וויינען זיינען ביי אים די אויגן טיפער געוואָרן און באַקומען אַ מראה, ווי די שוואַרצקייט פון אַ ברונעמשן דנאָ — פון אַ ברונעם, וואָס מען האָט אויסגעשעפּט ס׳וואַסער.

אַז ר׳ טעוועלע איז אַלט געוואָרן, האָט ער זיך כמעט אינגאַנצן אָפּ־געזאָגט פון רבנות און געלעבט פון צוקער־געשעפט. מערסטנטייל האָט ער פאַרבראַכט אין אויבערשטיבל, וואָס איז געווען אַרום די ווענט פאַר־שטעלט מיט שאַפעס ספרים. אינדערוואָכן האָט מען אים אַרויפגעבראַכט דעם מאַלצייט אין אויבערשטיבל, כדי ער זאָל ניט פטרן זיין צייט און ניט געשטערט ווערן אין זיין לערנען. בלויז שבת איז ער אַראָפּגעקומען אין דער אונטערשטער דירה און האָט געגעסן צוזאַמען מיט דער משפחה.

אַז יידן האָבן באַקומען דאָס רעכט צו וואוינען מחוץ דער געטאָ, האָט זיין זון, דער פּאַרוואַלטער פון צוקער־געשעפט, געוואָלט קויפן אַ קליין פּאַלאַצל, וואָס האָט פריער געהערט צו אַ פּאַראַדעמטן קריסט אין דרום־זייט פון מאַנהיים, אויף קאַבלענץ־שטראַסע. דער פּאַלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט מיטביימער און בלומען, און ווען ר׳ טעוועלע וואָלט זיך אַהין אַריינגעצויגן, וואָלט ער געווען דער איינציקער ייד אין דער קריסטלעכער געגנט.

ר׳ טעוועלע האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייגט דאָס קויפן. ער האָט ביי זיך ניט געקאָנט פועלן צו קויפן אַ נחלה אין אַ קריסטלעכער געגנט. אים איז ניט קלאָר געווען, צי מעג אַ פרומער ייד בכלל קויפן הייזער אין חוץ־לאַרץ. דאָס מיינט דאָך, אַז מען האָט בדעה אויף אייביק זיך איינוואָרצלען אין חוץ־לאַרץ, ניט האָפן אויף דער גאולה.

ווען זיין זון איז אָבער צוגעשטאַנען, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער האָט וועגן דעם אָנגעפרעגט ביי זיין עלטערן חבר, דעם רב פון טריער, דעם גאון ר׳ יהושע העשיל לבוב. דער טריערער איז אַ שאַרפער למדן, ער ענטפערט קורץ און שאַרף און אויף זיין וואָרט מעג מען זיך פאַרלאָזן ווי אויף די אורים און תומים. — האָב נאָר געדולד, מיין קינד, ביז די תשובה וועט אָנקומען, — האָט ר׳ טעוועלע געזאָגט דעם זון און זיינע אויגן האָבן מילד געשמייכלט.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען ר׳ טעוועלע איז אַרויף אין זיין אויבערשטיבל און גענומען לייענען דעם בריוו, וואָס איז געווען געשריבן אין לשון־קודש, מיט קליינע רבנישע אותיותלעך אויף אַ געלבלעכן פּאַפּיר, און געחתמעט מיט אַ געציקלטער חתימה. דער בריוו האָט זיך געלייענט בזה הלשון:

„און דוד איז געווען קלוג אין אַלע זיינע וועגן און גאָט איז מיט אים. שלום און ברכה אין געצעלט פון דעם ליכט פון די יידן, דעם רעכטן זייל, דעם גיבור, וואָס צעברעכט אַ לייב אין אַ שנייאיקן טאָג, זיין נאָמען איז ווי אַ גוטער בוימל וואָס טראָגט זיך אין דער ווייט, דער וואונדערלעכער און דער מופלג און נאָך און נאָך, דאָס איז ר׳ דוד טעבעלי העס דער ראש־בית־דין און ראש־ישיבה פון דער הייליקער קהילה מאַנהיים, דער אויבערשטער זאָל זי גרונדפעסטיקן,

אָמן! זיין בריוו פון פרידן האָט ווי מיט באַלזאַם דערקוויקט מיין געמיט און גלוסטיק האָב איך געטרונקען דאָס לעבעדיק וואַסער — די תורה — וואָס פליסט פון זיין הייליק מויל. דער הויכער כבוד פון זיין תורה וואַגט צו פרעגן אַזאַ מינדערווערטיקן ווי איך בין, צי מעג מען קויפן אָדער בויען אַ הויז אין חוץ־לארץ, איצט, ווען מלכות האָט דערלויבט די מענטשן פון אונדזער בונד צו וואוינען וואו זייער האַרץ גלוסט. ווער איז דער גראָז אין דער וואַנט אַז צעדער פון לבנון זאָל זיך צו אים ווענדן? דאָך וועל איך ניט אומקערן זיין פנים ליידיק און זאָגן מיין חוות־דעת: צוגעקוקט האָב איך זיך און געזען, אַז די נייע רעכטן, וואָס אונדזערע ברידער האָבן באַקומען פון מלכות, קאָנען חס ושלום גורם זיין זיי זאָלן אָפּווייכן פון הייליקן וועג און פאַרגעסן ציון און ירושלים. אויף דעם קלאָגט מיין האַרץ און טרויערט, וואָס אויך אין מיין זונס משפּחה האָט זיך באַוויזן אַן אָפּנויג און מיין אייניקל שטודירט די חכמה פון זייערע געזעצן אין דעם בית־מדרש פון עבודה־זרה, וואָס מען רופט בלע״ז: אוניווערסיטעט. דאָס קאָן, חלילה, גורם זיין צו פאַרהאַלטן די טריט פון משיחן. אַ פּשיטאַ, אַוודאי געוויס, דאַרפן מיר זיך אָפּלערנען פון אונדזערע זקנים — די פאַרטריבענע אין בבל — ניט צו בויען קיין הייזער און ניט צו פלאַנצן קיין וויינגערטנער. ווייל דער וואָס בויט אַ הויז פון געהאַקטן שטיין, אָדער פאַרפלאַנצט אַ וויינגאָרטן, כדי צו פאַרפעסטיקן זיין מנוחה אין גלות, ווייזט אַז ער איז זיך מייאש פון דער גאולה און זיין גאַנצער בנין איז אין געפאַר. קום און הער: אויב עס איז אַ מצווה צו בויען הייזער אין ארץ־ישראל, מער ווי פלאַנצן טייטלביימער, איז עס פונקט פאַרקערט אין חוץ־לארץ, און מער איז ניט מאריך צו זיין. זאָל ער אַכטונג געבן אין די תשובות פון מיין עלטער־פעטער דעם רמ״א, וואָס אַלע יידן פירן זיך ווי ער הייסט. דאָס איז מיין אָנצוהערעניש און אָנווייז באַהיט מיך גאָט פון אַ טעות און אַ שטרויכלונג, און ווייל די צייט איז צו קורץ, טו איך דערמיט מאַכן אַ סוף צו מיינע רייד. פון מיר דעם שפל'ן, דער נישטיקער פון די נישטיקסטע, אַ מינדסטער קנעכט צו מיין הייליקער עדה, אַ שאָלעכל פון קנאָבל, שטויב פאַר די פיס פון די חכמים. מאָנטיק, עלף טאָג אין חודש אלול, פון יאָר זעקס הונדערט זעקס און פופציק לויט דער קליינער יאָרן־ציילונג, וואָס באַטרעפט

די צאָל פון די אותיות: פאַר ציון וועל איך ניט שוויגן און וועגן ירושלים וועל איך ניט רוען. זאָל גאָט אויפשטעלן די געפאַלענע סוכה פון דוד'ן, אָמן! יהושע העשיל לבוב, וואָס רוט אין דער הייליקער קהילה טריער און זיין נעץ איז פאַרשפּרייט אויף גאַנץ מדינת אַנסבאַך, גאָט זאָל זיי גרונדפעסטיקן, מחבר פון ספר 'דאָס פּנים פון דער לבנה', שאַרפע חידושים אויף ש"ס און פוסקים."

ווען ר' טעוועלע האָט אוועקגעלייגט דעם בריוו, איז אַריינגעקומען זיין זון מנחם. פאָטער און זון האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. ר' טעוועלע האָט אויפגעהויבן די אויגן און אים דערקלערט, אַז אַנשטאָט קויפן ס'הויז טראַכט ער אינגאַנצן פאַרלאָזן מאַנהיים און זיך איבערציען קיין קעלן נאָך איידער עס וועלן איבערגיין די גוטע צייטן און דער גורל פון יידן וועט זיך פאַרקערעווען אויף צוריק. פון קעלן וועט ער אפשר פאָרן קיין ארץ-ישראל.

מנחם האָט ניט געוואָגט אַנטקעגנצוריידן דעם פאָטער און אים צוגעזאָגט נאָך די וואָך צופאָרן קיין קעלן, צו זען איינאָרדענען אַ וואוינונג פאַר אים.

• • •

נאָכן פאַלעאָנס גרויסע מלחמה-יאָרן זיינען שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. אויף האַרבסטיקע שליאַכן טראָגן זיך אין גאַלאָפּ זיינע זעלנערישע רייטערס. אַ טרויעריקער צווײט פאַרוויט די פרילינג-טעג. אויף די יידישע קהילות ביים ברייטן רהיין יאָגט זיך אַן אימה.

די ווילדע יידן-שנאה האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דייטשלאַנד. גערמאַנען מיט געפעכט אין די הענט גייען אַנטקעגן דער פרייהייט. אויף די גאַסן פון דייטשע שטעט הויבן זיך ווידער אָן אָפּצושפּיגלען מיטל-אַלטערלעכע סצענעס.

פרידריך ווילהעלם דער דריטער האָט דערקלערט, אַז דער נצחון פון פרייסן מאַכט אים פריי פון אַלע ליבעראַלע הבטחות, וואָס ער האָט געגעבן דעם פאָלק אין די שלעכטע יאָרן פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט. באַלד האָבן יידן דערפילט דעם צווייפאַכן יאָך פון רעאַקציע: ווי יידן און ווי פרייסישע אונטערטעניקע. עס איז קלאָר געוואָרן: דאָס געפאַלענע פרייסן האָט דערהויבן יידן צו דער מדרגה פון בירגער; דאָס זיגרייכע פרייסן

שטרעבט צו דערנידעריקן די יידן צו דער מיטלאַלטערלעכער מדרגה פון רעכטלאָזיקייט.

איבער די גאַסן פון פראַנקפורט, פון קעלן, פון באָן טראָגן זיך די ווילדע אויסגעשרייען: „העפּ, העפּ! יודע, פערעק!" דערצאָרנטע פרייסן רייסן זיך אַריין אין יידישע הייזער, שלאָגן, פאַרניכטן האָב און גוטס.

בײם װיגל

זבולון, דער קורצװאָקסיקער שמש פֿון דער אַלטער שול אין באַן, איז געשפּרונגען פֿון איין באַנק צו דער צװײטער און האָט מיט אַ חלבן ליכטל, װאָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, אָנגעצונדן די מעשענע הענג־לײַכטער. דאָ האָט ער אָפּגעשװירן אַן אָפּגעסמאַליעטן קנױט און דאָ אױס־געגליכן אַן אָפּגעברענטן שנױץ, װאָס האָט זיך אױסגעבױגן אין אַ זײַט.

דורך די פענצטער האָט מען געזען אַ לאַנגן פּאַס רהײַן, װאָס האָט זיך געבלױט אױפֿן האָריזאָנט. די זון האָט זיך געזעצט און איר העל־בונטער אָפּשײַן האָט געפֿלאַמט אױף די קרומע פענצטער און קאַרניזן פֿון דער געמױערטער שול.

אינמיטן אָנצינדן די ליכט האָבן זיך באַװיזן די מתפּללים. יעדער אײנער האָט פֿאַרנומען זײַן אָרט לױט זײַן חשיבֿות. אין מזרח־װאַנט, לינקס פֿון אָרון־קודש, איז געשטאַנען דער אַלטער רבֿ פֿון דער באַנער קהילה, ר׳ אליעזר זעליגמאַן, און לעבן אים דער פּרנס און נגיד ר׳ מאיר צונץ, אַ בײַכיקער ייִד מיט אַ גאָלדענער קײט אױפֿן סורדוט.

רעכטס איז געשטאַנען בײַם שטענדער דער אַלטער און געבױגענער תּלמיד־חכם ר׳ נתן העס און זײַן בליק איז געװען צוגעשמידט צום אָפֿענעם ספֿר, װאָס איז געלעגן פֿאַר אים.

דער חזן איז צוגעגאַנגען צום עמוד און מען האָט זיך געשטעלט מקבל שבת זײַן.

ס׳איז שױן אינגאַנצן פֿאַרלאָשן געװאָרן די אָװנטיקע רױטקײט אין הימל און די לבֿנה איז געשװאומען איבער דער שול, װען דער חזן האָט געענדיקט „עלינו“ און דער לעצטער קלאַנג פֿון „קדיש“ איז פֿאַרשטומט געװאָרן. זבולון דער שמש איז צוגעגאַנגען צום אַלטן ר׳ נתן און אים עפּעס אײַנגערױמט אין אױער. דער אַלטער האָט אים געענטפֿערט מיט אַ קאָפּ־שאָקל.

באַלד איז דער שמש אַרױף אױף דער בימה און אױסגערופֿן מיט אַ יום־טובֿדיק קול:

— ר׳ נתן און זיין זון ר׳ דוד׳ן קומט היינט אַ מזל־טוב. זיי פאַרבעטן קהל צום „שלום זכר״!

ביי דוד העס אין הויז. די ליכטלעך אין די זילבערנע לייכטער אויפן ווייס־געדעקטן טיש האָבן באַלויכטן דעם גרויסן זאַל, וואָס איז געווען דאָס עס־צימער, וואו מען האָט אויפגענומען געסט. אין שלאָף־צימער דערנעבן איז די קימפעטאָרין הינדל געלעגן ווי אַ קעניגין אונטער אַ ווייסן באַל־דאַכין, וואָס איז באַהאַנגען מיט זיידענע טיולן. דאָס זיידנס האָט געשאַפן אַ יום־טובדיקן אָפּשייד צווישן איר און דער אַרומיקער וועלט.

לעבן איר בעט שטייט אַ קליין טישל, אויף וועלכן עס ברענט אַ ליכט און עס ליגט אַ סידורל מיט עלפּענביין־טאָוועלעך. לעבן בעט זיצט אויך די שכנה פרומלין ניימאַרק, אין אַ יום־טובדיק קלייד. דער ניי־געבוירענער דרימלט אין אַ קישן. דער עלטערער זון פּנחס דרייט זיך פון גרויסן זאַל אין שלאָף־צימער און דער לאַנגער שאָטן, פון זיין יונגן קערפּער, אויף דער וואַנט, גייט אים נאָך.

באַלד האָבן זיך באַוויזן אין זאַל די ערשטע געסט. עס איז אַריינ־געקומען דער אַלטער ר׳ נתן, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטאָן, ווי זיין מנהג איז געווען, אין אַ ווייסן זיידענעם כאַלאַט און ווייסע זאָקן, און נאָכדעם איז געקומען דער אַלטער און געבויגענער רב; געפירט האָט אים דער שמש זבולון.

מען האָט אַוועקגעזעצט דעם רב אויבנאָן לעבן עלטסטן פון דער משפחה, ר׳ נתנען, און ביים לאַנגן טיש, אויף וועלכן עס זיינען שוין גע־שטאַנען די גלעזער פאַרן ביר און די טעלער פאַר כיבוד, האָבן זיך אויס־געזעצט די איבעריקע געסט: די ראשי־קהל, יידן סוחרים מיט בלאָנדע און שוואַרצע בערד, געקליידט אין גרינע געהאַקטע סורדוטן און קאַפּע־ליושן. נאָכדעם האָבן זיך באַוויזן עטלעכע יונגעלייטלעך מיט בלאָנדע בערדלעך. דאָס זיינען געווען קרובים פון פאָטערס צד, וואָס זיינען גע־קומען פון פראַנקפורט באַגריסן מיטן ניי־געבוירענעם.

זיי האָבן זיך געהאַלטן אינאיינעם און איבערדערציילט אין אַ פּאָר־דייטשטן יידיש זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט אין דער פרומער קהילה פראַנק־פורט. בעיקר האָבן זיי גערעדט וועגן דעם באַרימטן רב פון פּרעשבורג, ר׳ משה סופר, אַ געבוירענער אין פראַנקפורט, וועמענס נאָמען עס האָט

געקלונגען איבער גאַנץ דייטשלאַנד, עסטרייך און מעהרין.

איינער פון זיי, אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט צווי פלאַמענדיקע אויגן, האָט געריידט מיט גרויס התלהבות וועגן דעם קריג, וואָס ר' משה פירט מיט די אַפּטריניקע יידן, די רעפאָרמער, וועלכע האָבן אויסגעמעקט פון זייערע סידורים די ווערטער ציון און ירושלים און איינגעפירט אין זייערע שולן דעם אָרגל.

איציק נייבערג, אַ יונגערמאַן, געקליידט ווי אַ דייטש, וואָס האָט זיך אָנגעקערט אַ קרוב צו דער מוטער פון ניי־געבוירענעם, האָט איבערגעהאַקט אין מיטן דערציילן:

— אָבער דער פּרעשבורגער ראַבינער איז ניכט נאָר קעגן רעפאָרם, זאָנדערן אַאוך קעגן דער עמאַנציפּאַציאָן, דאָס הייסט קעגן פרייהייט און רעכט פאַר די יודען? ניכט וואָר?

— ווייסט איר פאַרוואָס? — האָט אים דער בלאָנדער יונגערמאַן גלייך געענטפערט, — אָט וועל איך אייך איבערדערציילן אַ משל פון ר' משהס אַ דרשה, און איר וועט אַלץ פאַרשטיין...

— דערציילט, דערציילט, — האָבן די זיצנדיקע געזאָגט.

„אַמאָל איז געווען אַ בן־מלך, איז ער אַראָפּ פון גלייכן וועג, זיך פאַרזינדיקט קעגן פאָטער, דעם קעניג. האָט אים דער מלך פאַרטריבן פון זיין פּאַלאַץ אין אַ וויטער מדינה. דאָרט האָט דער פּרינץ געלעבט אין אָרעמקייט און נויט. דער מלך האָט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל זיך צו־געוואוינען צום האַרטן און שווערן לעבן, צו עלנטקייט און הונגער, כדי ווען די צייט וועט קומען זאָל ער ראוי זיין צו זיצן אויפן כסא־מלוכה. דער פּרינץ האָט אַלץ מקבל באהבה געווען, ווייל אין זיין האַרץ איז ניט פאַרשוואונדן די האָפענונג אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דער פאָטער וועט נאָך אים שיקן און וועט אים צוריקקערן צו זיין פּאַלאַץ.

„אין איין שיינעם טאָג האָט דער פּרינץ דערזען, אַז אַנטקעגן זיין וואוינונג בויט מען אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ. — פאַר וועמען בויט מען אַזאַ פּראַכטפול הויז? — האָט ער געפרעגט.

„— דאָס האָט דער מלך באַפוילן מען זאָל אויפבויען פאַר זיין זון אַ פּרעכטיקע היים, — האָבן די אַרבעטער געענטפערט. האָט דער פּרינץ אָנגעהויבן קלאָגן און יאָמערן. — געפעלט אייך ניט דער באַקוועמער און שיינער פּאַלאַץ? — האָבן אים די אַרבעטער געפרעגט, און דער פּרינץ

האָט געענטפערט:

„— כל זמן איך האָב זיך געוואָלגערט אין דער פרעמד, אין הויז פון אָרעמען פויער, געאַרבעט שווער און געגעסן אָרעם ברויט, האָב איך געהאָפט, אַז דער טאָג פון מיין דערלייזונג וועט שנעל קומען. איצט, אָבער, אַז מען בויט מיר דאָ אויס אַ פּאַלאַץ, ווער ווייסט ווי לאַנג מיין פאָטער וויל נאָך אַז איך זאָל בלייבן אין דער פרעמד, אין גלות...״

דער יונגערמאַן האָט אַ זופּ געטאָן פון זיין ביר־גלאָז און ווייטער גערעדט:

— אַלע האָבן פאַרשטאַנען דעם משל, אָבער ר׳ משה האָט צוגעגעבן: „אין משך פון דער פינצטערער גלות־נאַכט, פלעגט אונדז אַרויסלויכטן די האָפענונג, אַז מיר וועלן בקרוב זיין צוריק אין אונדזער היכל, אין אונדזער לאַנד. איצט, אָבער, אַז גאָט אַליין וויל אונדז געבן אַ זיכערן פּלאַץ אין דער פרעמד, דורך די נייע רעכט־געזעצן וואָס פראַנקרייך האָט פראָקלאַמירט פאַר יידן, ווער ווייסט ווי לאַנג אונדזער גלות וועט זיך נאָך ציען...״ ר׳ משה האָט זיך צעוויינט און דער עולם מיט אים. —

אַז דער יונגערמאַן האָט פאַרענדיקט, האָבן זיך אָנגעהויבן שפּרייטן טרויער־שאָטנס אויף די פּנימער פון די זיצנדיקע, ווי זיי וואָלטן געפילט די נייע צרות וואָס קומען אָן אויף די דייטשע קהילות...

באַלד איז אַוועק אַ שמועס וועגן דער יידן־שנאה, וואָס האָט זיך פונ־דאָסניי אויפגעוועקט אין דייטשלאַנד. מען האָט גערעדט וועגן די באַ־גרענעצונגען אויף יידן אין פראַנקפורט, אין מאַנהיים און אין קעלן, וועגן רציחהדיקע אויסברוכן אין מעץ, אין טריער ביים טייך מאָזעל.

ר׳ נתן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשוויגן, האָט אויפ־געהויבן זיינע גרויע אויגן, וועלכע האָבן געבלאַנדזשעט אין חלל, און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שוואַך קול:

— און איר דאַרפט וויסן, מיינע פריינט, אַז יידן־שנאה אין אונדזערע מקומות איז קיין נייעס ניט. אין אַן אַלטן פּנקס, וואָס איך האָב בירושה פון מיינעם אַ זיידן, האָב איך ערשט די טעג געלייענט אַ מעשה־נורא וועגן די קרייץ־צוגן:

„פּאַסירט האָט עס אין דער שטאָט טריער בימי הצלב, אין די טעג פון צווייטן קרייץ־צוג. נאָכדעם ווי די קרייץ־טרעגער האָבן דורכגעפירט די שחיטה, זיינען יידן, געשאָכטן און ניט־דערשאָכטן, געלעגן קופּעסווייז אויף

די גאַסן. און מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן וועלף. זיי זיינען אומגעקראָכן און געגנישטערט צווישן די קופּעס און געלעקט די הרוגים, און וואו זיי האָבן געטראָפן אַ מענטש, וואָס האָט זיך נאָך געצאַפּלט אין די לעצטע יסורים און ניט געקאָנט שטאַרבן, האָבן זיי אים דעם האַלדז איבערגעביסן און פאַרענדיקט די גסיסה. קינדער און זקנים זיינען אַזוי־אַרום דורך די וועלף אויסגעלייזט געוואָרן פון פאַרצויגענע יסורים, פון טויט־מאַטערניש.

„און אַז אַ וואָלף האָט זיך דערנענטערט צו ר' יוזפאַן, איינעם פון די בעלי־תוספות, האָט זיך דער גוסס אָנגערופן: — געבענטשט זיי, וואָלף פון וועלפנלאַנד! ווער געלויבט, מתיר־יסורים, אויסלייזער פון פּיין, און דיין שטאַם זאָל דערפאַר אייביק לעבן.“

ר' נתן האָט זיך ווידער פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויפצופלאַנטערן אין געדאַנק, און באַלד פאַרענדיקט:

— יאָ, די ברכה איז מקוים געוואָרן. אונדזער דייטשער שכן איז ניט איינמאָל געוואָרן אַ וואָלף צו זיין ברודער־מענטש, צו זיין שכן, דעם יידן...

ביז האַלבע נאַכט האָט זיך געצויגן דער שמועס, און די רייד האָבן אַריינגעשוועבט אין דעם צווייטן חדר, אין דעם בעט, וואו די מוטער איז געלעגן מיט איר ניי־געבוירן קינד אונטער די ווייסע ליילעכער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער שלאָפנדיקער טרינקט זיי איין מיט דער מילך פון דער מוטער...

זי האָט מיט פרײדיקן נחת געקוקט אויפן ניי־געבוירענעם ביי איר ברוסט און האָט מיט דער האַנט איבער זיין שטערנדל איבערגעפירט און אים געפּליסטערט אין אויערל:

— מיין קינד, דו זאָלסט זיין אַ טרייער זון דיין פאָלק!

• • •

שבט תקע״ב. יאַנואַר 1812. עלנט און פאַרהאַקט שטייט דאָס הויז פון באַנער סוחר דוד העס. אַ געדיכטער שניי פאַלט אויף די שויבן. אין לאַנגן צימער, וואָס טונקלט אינעם צאַפּל פון מאַטן ליכט, וויגט אַ מוטער איר צוויי־וואָכיק קינד:

— אַלמעכטיקער, טו דיין אויג פון מיין קינד ניט אָפּ!

אַנטקעגן וויגל ביים ספרים־אַלמער שטייט אַ זקן פון הויכן וואוקס, מיט אַ ווייסער, וויכער באָרד; די מילדע ברעמען איבער די גרויע אויגן קוקן מיט תפילה. ער שעפּטשעט הייסע פּסוקים תהילים.

די משפחה העס

דוד העס, זיין פאָטער ר׳ נתן און זיין זיידע ר׳ טעוועלע העס, דער רב פון מאַנהיים, ביזן פערטן דור, זיינען אַלע געבוירן געוואָרן ביים רהיין.

דוד העס׳ ווייב, הינדל, איז געווען די טאָכטער פון ר׳ משה פלאָרסהיים, רב פון בוקהיים.

דער למדן און סוחר ר׳ נתן, כאָטש ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, האָט ער זיך מיט רבנות ניט אָפּגעגעבן. ער איז געווען אַ שונא פון יעדער מין רעפאָרם אין יידישקייט און האָט זיך געגרויסט מיט זיין יחוס. פון זיין מוטערס צד האָט ער געשטאַמט פון מהרי״ק, וואָס איז אין זעכצנטן יאָרהונדערט, נאָך די גזירות ת״ח ות״ט, געקומען פון פוילן קיין דייטשלאַנד.

ר׳ נתן איז געווען אַ נגיד, און מען האָט גערעדט, אַז ווען ער וואָלט געוועזן פאַרלאָזן באָן און זיך באַזעצט אין לייפּציג אָדער האַמבורג, וואָלט ער גאָר נתעשר געוואָרן. ער האָט אָבער געוואָלט זיין נאָענט צו פראַנקפורט, וואו זיינער אַן עלטער־פעטער איז געווען רב.

ר׳ נתן פלעגט יעדן יאָר פאָרן קיין דויטץ, ביי קעלן, אויפן קבר פון זיין פאָטער, ר׳ טעוועלע. און אַז עס איז אויסגעקומען, אַז אַ פוילישער ייד פלעגט קומען קיין באָן, פלעגט אים שוין ר׳ נתן פאַרבעטן צו זיך, צונויפרופן די פרימסטע יידן פון שטאָט און זיי לאָזן הערן פון אורחס מויל די שבחים פון זיינעם אַן עלטער־פעטער, וואָס האָט געשטאַמט פון וואָלין און איז געווען אַ בן־דור פון די גאונים ר׳ יונתן אייבשיצער און ר׳ יעקב עמדין.

ר׳ נתן האָט נאָכדעם דערציילט די פרומע באָנער באַלעבאַטים ווי זיין פעטער האָט געקעמפט קעגן נייעם השכלה־גייסט, וואָס האָט אין זיין צייט, מיט אַכציק יאָר צוריק, אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די קהילות פון פראַנקפורט און האַמבורג, און ווי ער האָט געאַסערט מענדעלסאָנס „ביאור“, און די באַלעבאַטים, וואָס האָבן פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ, האָבן זיך צוגעהערט און באַוואונדערט די מערקווירדיקייט פון חסידיזם, פון אָט דעם סאָרט יידישקייט, וואָס ציט זיין יניקה ניט נאָר פון קאָפּ, נאָר אויך

פון האַרץ, און האָבן אין זייערע געדאַנקען געפּרואווט פאַרגלייכן אָט די רעליגיע — מיט דער שטיפער יידישקייט אין די יידישע קהילות ביים רהיין און ביים מיין...

• • •

הינדל העס, אין אַ ווייסן זיידענעם טיכל, איז געזעסן אַ האַלב־אויס־געטאָנענע אויפן בעט און שטיל געוויינט. אַנטקעגן, אויף אַ שמאָלן שראַנק, האָט געברענט אַ ליכט אין אַ זילבערנעם לייכטער און קוים באַלויכטן דאָס גרויסע שלאָפצימער. פון צופיל וויינען איז ביי איר דאָס פּנים געווען בלאַס און די אויגן פינקלענדיק. דאָס זיינען ניט געווען קיין טרערן פון צער, נאָר פון תחינה און געבעט, אַז איר ניי־געבוירענער זון משה זאָל וואַקסן אַ גוטער ייד.

אין דער פייער־קאַסע, וואו עס ליגן אַ סך באַנקנאָטן, איז געלעגן אַן אַלטער יחוס־בריוו, אַ ירושה פון איר טאַטן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין זין. זי פאַרשטייט אין דעם ספר קיין וואָרט ניט, ווייס אָבער, אַז זי שטאַמט פון גרויסע רבנים און צדיקים. זי האָט זיך אויך געגרויסט מיט דער משפּחה פון איר מאַן, צומייסטנס מיט דעם עלטער־זיידן, דעם מהרי״ק. זי איז געווען זיכער, אַז ער איז ביי גאָט מער חשוב ווי די אַנדערע. ניט בחינם איז ער אַנטלאָפן צוריק פון פּוילן קיין דייטשלאַנד. אַז כמעלניצקי האָט חרוב געמאַכט די שטאָט אין וואָלין, וואו ער איז געווען רב, אַרומ־גערינגלט די שול, וואו די איבערגעבליבענע יידן האָבן זיך באַהאַלטן, און געפּאָדערט, אַז אַלע זאָלן זיך שמדן, אַז ניט צינדט ער זיי אונטער — איז דער מהרי״ק אַרויף צום אָרון־קודש און געוואָרנט די יידן זיי זאָלן זיך לאָזן שעכטן און ניט קומען צום שמד. ער אַליין איז ניצול געוואָרן דורך אַ נס.

מיט דעם מהרי״ק אין הימל, האָט זיך הינדל געפילט שטאַרק ביים רבונו של עולם.

מיט איר שווער, ר׳ נתן, האָט זי קיינמאָל ניט איינגעטענהט. פון גרויס דרך־ארץ האָט זי געציטערט פאַר אים. אַ קליינינקייט, ר׳ טעוועלע מאַנהיימערס זון! ר׳ יעקב עמדין איז דאָך געווען זיינער אַ חבר, געווען פאַרמישט אין דער גרויסער מחלוקת וועגן קלעווער גט. דערפאַר האָט זי ליב געהאַט איר פעטער ר׳ יוסף הורוויץ פון פראַנקפורט, וואָס איז איר געווען ווי אַ פאָטער.

תיקון־חצות און משיח

ר׳ נתנס וועלט איז געווען צעטיילט אין צווייען. איינע אַ וואָכעדיקע און אַ נישטיקע, אין וועלכער ער האָט געלעבט ווי אין אַ „פעדערהויז״ און זי באַטראַכט ווי אַ מיטל צו אַ העכערן ציל. די צווייטע — אַ יום־טובדיקע און אַ חשובערע, וואָס איז געווען זיין אמתע וועלט, האָט זיך געפונען אין די אותיות פון די ספרים.

אַ גרויסן חסד האָט גאָט געטאָן מיט די יידן, וואָס ער האָט זיי געגעבן די תורה. בייטאָג גיט זיך ר׳ נתן אָפּ מיט זיינע געשעפטן, קויפט סחורות, לייט אָביסל אויף פּראָצענט, וואָס איז מותר על פּי תורה, לויט אַ שטר־עיסקא, און אין די נעכט זיצט ער און לערנט. פּאַרנאַכט, ווען די שאָטנס פאַלן געדיכט, זיצט שוין ר׳ נתן איבער ספרים ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אין די ניין טעג פלעגט ר׳ נתן אינגאַנצן ניט גיין אין געשעפט און איז אויך בייטאָג געזעסן און געלערנט. אָפט פלעגט ער אַרייגרופן זיינע אייניקלעך, משהן מיט זיין עלטערן ברודער פנחס, און זיי דערציילן וועגן חורבן בית־המקדש, וועגן משיחן וואָס זיצט ביי די טויערן פון רוים צווישן קרעציקע און אָרעמע לייט און וואַרט ביז די רשעותדיקע שטאָט וועט חרוב ווערן, ביז אירע מויערן וועלן פאַלן און ער זאָל באַפרייען די יידן און זיי אומקערן צוריק אין הייליקן לאַנד.

משה האָט ליב באַקומען דעם זיידן, ליב געהאַט צו זען דעם אַלטן זיצן און זיך שאָקלען איבער דער גמרא. ער פלעגט זיך צוהערן צו זיין טרויעריקן ניגון, פאַרשפּיצט די אויערן און זיך באַמיט אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אָבער געוואוסט, אַז עס איז הייליק. אין דער האַלב־טונקלקייט פון שטוב האָט זיך משהן געדאַכט, אַז די ווערטער וואָס פליען אַרויס פון זיידנס מויל לייכטן, שימערן אין דער זומערדיקער נאַכט ווי גלי־ווערעמלעך און פליען גלייך אין הימל אַריין.

איינמאָל, אין מיטן נאַכט, ווען דער קליינער האָט זיך אויפגעכאַפּט

פון שלאָף, האָט ער דערזען אַ בלאַסע שיין אין גרויסן צימער. ער איז אַראָפּ פון בעט, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און געזען דעם אַלטן זיצן אויף דער ערד אין ווייסן כאַלאַט, דעם טלית־קטן פאַרבויגן, זיין שטערן אויסגעשמירט מיט אַש. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ליכטל און אין דער צווייטער אַ פאַרגעלט ספרל. פון זיינע אויגן האָבן גערונען טרערן און ער האָט געזאָגט שטיל אָבער מיט ברען.

ס'ייִנגל האָט געזען ווי דעם זיידנס וואַקסן פּנים מיטן גרויסן צע־אַקערטן שטערן צעשטראַלן זיך, ווען ער זאָגט אַרויס ס'וואָרט ציון. ער איז געשטאַנען אַ באַרוועסער און גרויס רחמנות געהאַט אויף עמעצן, אויף וועמען — האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

דעם צווייטן אויפדערנאַכט, ווען דער קליינער איז אַריין צום זיידן, האָט ער אים געפרעגט:

— זיידע, פאַרוואָס ביסטו נעכטן געזעסן אויף דער ערד? פאַרוואָס האָסטו געוויינט?

— כ'האָב געזאָגט תיקון־חצות, זון. אַ ייד דאַרף טרויערן אויפן חורבן, בעטן אַז משיח זאָל קומען. יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, זיך אומקערן קיין ציון.

דער קליינער האָט זיך צוגעהערט צו די סודותדיקע ווערטער, זיך פאַרגעשטעלט ווי אַזוי משיח וועט אויסזען.

— גיי שלאָפן, זונעלע, און פאַרגעס ניט לייענען קריאת־שמע, — האָט אים דער אַלטער אַ קוש געטאָן אויפן שטערן.

נאָך קיינמאָל האָט משה אַזוי פרום ניט געלייענט קריאת־שמע, ווי דאָס מאָל. ער איז געלעגן אויפן בעטל לעבן עלטערן ברודער און ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער קוקט אין טונקעלן חלל און זעט משיחן זיצן ביי די טויערן פון רוים. דאָס קלייד, אין וועלכן ער איז איינגעהילט, וואַרפט פון זיך פלאַקערנדיקע שטראַלן, וואָס פאַרניכטן אַלץ. אָ, ער האָט אַזויפיל געוואָלט וויסן וועגן משיחן, פון וועלכן דער זיידע האָט אים דערציילט, אַז ער האָט אויפגעוועקט דעם עלטערן ברודער:

— פּנחס, פּנחס!

— וואָס ווילסטו?

— משיח וועט פירן מלחמות מיט רוים?

— האָסט דאָך געהערט. ער וועט חרוב מאַכן די ״קרתא דמחייבא״, די שטאָט פון בייז, רוים.

משה האָט זיך פאַרטראַכט.

— מיט שווערד? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, מיטן גייסט פון גאָט.

— אָ!

און ער איז רואיק אַנטשלאָפן געוואָרן.

פון צפון קיין מזרח

. . . איינמאָל, שבת אויפדערנאַכט, נאָך הבדלה, ווען דער קליינער משה איז אַריין אין גרויסן צימער, האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ פרעמדן ייִדן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער און געהאַט עפּעס אַ ווייסן גלאַנץ, וואָס האָט זיך געצויגן פון זיין ווייסן טלית־קטן אונטער דער קאַפּאָטע, פון זיין ווייסן גאַרטל איבער דער קאַפּאָטע און פון זיין ווייס, קליין בערדל און די גרויע, שפּיציקע אויגן.

ר׳ נתן האָט אָנגעצונדן אַ גראָבן ציגאַר, אים אַריינגעשטעקט אין זיין בורשטינען ציגאַרן־שפּיצל און פאַרפירט אַ שמועס מיטן אורח.

— ווען זייט איר געקומען קיין אַלטונאַ? האָט איר נאָך געקענט דעם רבי ר׳ יהונתן, ר׳ יעקב עמדין?

— קיין אַלטונאַ בין איך געקומען עטלעכע חדשים פאַר ר׳ יעקבס פּטירה. — האָט דער אַלטער אָנגערירט דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס געוואָלט דערמאָנען, — און די פּטירה? שייך צו רעדן, פּלאי־פּלאים!

— אַ קלייניקייט! ס׳איז גאָרנישט משיג צו זיין, — האָט ר׳ נתן אַרויס־געלאָזט אַ וואָלקן רויך און זיך געמוח׳ט. — ר׳ יעקב איז דאָך געווען אַן אמתער גאון. זיין שאַרפער, קלאָרער מוח. הייַנט זיין אמת? דאָס אמתע וואָרט האָט דאָך שטענדיק געברענט אויף זיינע ליפּן. ווייסט איר, אַז ער האָט געשריבן וועגן ציון, אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף יעדן ייִדן צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד; נביאות געזאָגט, אַז אין די „קאַלטע" צפון־לענדער וועלן ייִדן קיין תקומה ניט האָבן?

— טאַקע וועגן דעם האָט ער גערעדט פאַר זיין פּטירה. ייִדן, וואָס זיינען דעמאָלט בייגעווען, האָבן מיר אַליין דערציילט. —

משה איז געזעסן צעמישט. האָט פאַרמאַכט די אויגן און געזען אויף

מיילן. געווען בכוח אין זיין מחשבה איבערצושטעלן מענטשן, הייזער, גאסן. ער האט געזען די אלטונער גאס, דעם צוויי־גארנדיקן מויער מיט א מעקה אויפן דאך. ער איז געזעסן און געהערט ווי דער אלטער דער־ציילט:

„דריי וואכן פאר דער פטירה איז דער גאון ניט אראפ פון בעט. חוץ דער רביצין, בתיה־צביה, און דוד גאנדזן, האט ער קיינעם ניט געוואלט זען. דאנערשטיק בייטאג, א טאג פאר זיין פטירה, ווען דוד גאנדז איז אריינגעקומען, האט ער זיך פאמעלעך אויסגעגלייכט און אן אויסגעמאטער־טער, אן כוחות, געשאקלט צו אים מיטן קאפ, ווי ער וואלט זיך געוואלט פארענטפערן, פארוואס ער איז אזוי שוואך. ער האט גערעדט מיט א ציטערדיק קול:

„— אז איך האב שוין לאנג געוואלט פארלאזן און אויפגיין קיין ארץ־ישראל, האבן זיי גערופן, די פרנסים, געוואלט אוועקגעבן מיין הויז פאר האלב אומזיסט.

„בשעתן רעדן זיינען ביי אים ארויס טראפנס שוויס אויפן שטערן. ארום די צעקארבטע שלייפן האבן זיך באוויזן ווייסלעכע אנגעלאפענע אדערן, ווי שלענגלעך נאך א רעגן. די ברעמען האבן פארדעקט די אויגן. ס׳פנים איז געווארן געל, באקומען די מראה פון אן אתרוג.

„דוד גאנדז איז אויפגעשפרונגען, אים אונטערגעשפארט דעם קאפ מיט דער האנט און זיך געבעטן:

„— רבי, איר זייט מיד.

„ר׳ יעקב האט אויפגעהויבן די ברעמען. אין זיין בליק איז געווען שטרענגקייט. ער האט דערפילט ווי דאס גרויסע ווארט, וואס ער האט אמאל געטראגן אין זיך, געוואלט דערמיט די וועלט מזכה זיין, און גלייך ווי ער האט עס געוואלט ארויסזאגן, האט מען אים באליידיקט און עס אראפגענומען פון זיינע ליפן — דאס גרויסע ווארט הויבט זיך איצט אן פאנאנדערוויקלען, און געגלויבט, אז איצט וועט ער עס מגלה זיין און העלפן די ארומיקע אים פארשטיין, נתגלה ווערן.

„— און איך זאג דיר, דוד, אז יידן דארפן פארלאזן זייערע ערטער, דעם קאלטן צפון, און אויפגיין קיין ציון. ארץ־ישראל מוז געבויט ווערן. ניט דווקא אן ארץ־ישראל של מעלה, נאר אן ערדישע, אזא, וואס זאל זיך אויפוועקן פון שטויב, זיך אויפבויען, בדרך הטבע...״

דער אַלטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ זופּ געטאָן פון דער קאַלטער גלאָז טיי, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, און אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר דעם עמדינגערס חיבורים, ר׳ נתן?

— כ׳האָב דעם סידור, דעם ספר השימוש. ער איז געווען אַ נביא, אַ נביא האמת. און אַז ער האָט באַשולדיקט ר׳ יהונתנען אין כישוף, געגלויבט, אַז ער איז איינער פון דער כת שבתי־צבי, איז וואָס? אַז די מחלוקת איז לשם שמים, איז סופה להתקיים. איז טאַקע קיין ספק ניט, אַז ר׳ יעקב האָט געמיינט ערנסט. גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט אַביסל מגזם געווען, אָבער ער איז פאַרט גערעכט געווען. קיין ציון וועלן מיר זיך אומקערן בדרך הטבע!

דער אַלטער האָט אויסגעטרונקען זיין טיי, זיך אָפּגעווישט די ליפּן, עפּעס געמורמלט מיט כוונה און דערציילט:

„פרייטיק אינדערפרי איז די יונגע רביצין אַריין צום רב אין צימער, אַרויסגענומען פון ספרים־אַלמער דעם ספר ׳איוב׳ און אונטערגעטראָגן ר׳ יעקבן. ר׳ יעקב האָט זיך אויפגעזעצט און געזאָגט:

„— בתיה־צביה, טראָג אַרונטער דעם ספר אין מנין. שבת־נאַכט זאָלסטו צו וויסן לאָזן דורך אַ שליח אָדער דורך אַ בריוו מאירלען און משולם־זלמנען. זיי זיינען מחויב צו וויסן. אָבער אַ גאַנצן שבת זאָל מען פון גאָרנישט ניט רעדן. שבת דאַרף הערשן שמחה.

„בתיה־צביהס אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, און איידער זי האָט זיך אומגעקוקט, האָט זיך ר׳ יעקב אָוועקגעלייגט. זיינע ברוינע אויגן האָבן געברענט, דאָס מויל איז אים געווען אָפן, זיך געבלעזלט אַרום די ווינקלען. די קרומלעכע ציין האָבן געקוקט ווילד. ער האָט אַ טייטל געטאָן מיטן פינגער און זיין נשמה איז אַרויס בטהרה. פון אַלטונאַ זיינען אָנגעקומען די חברה־קדישא־לייט; זיי האָבן זיך געסודעט, געאָמפּערט וועגן ער עס וועט זיך מתעסק זיין מיט זיין גוף. שונאים טאָר מען ניט צולאָזן. אָבער דאָ איז אויסגעוואַקסן מרדכי העקשער און דערציילט ווי ער האָט אַליין געהערט פון בתיה־צביהן, אַז ר׳ יעקב האָט פאַר יציאת־נשמה געשריען: ׳ברוך־הבא, טאַטע; ברוך־הבא, ר׳ יהונתן!׳...״

— פלאי־פלאים! ווער קאָן פאַרשטיין די וועגן פון די הייליקע? —

האַט ר׳ נתן אַרויסגענומען דעם ציגאַרן־שפּיצל פון מויל. — ביידע הייליקע ייִדן, מער ניט, זיי האָבן געהאַט אַנדערע וועגן צו דערגרייכן די גאולה...

• • •

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער קליינער משה געחלומט וועגן דעם גאון, דאָס הויז אין אַלטונאַ, און אַז ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער נאָך אַלץ געזען דעם הויכן און דאַרן ר׳ יעקבן, ווי ער הויבט שטרענג זיין האַנט, טייטלט מיט אַ פינגער קעגן די פאַלשע משיחים און רופט זיין דור קיין ציון. — — —

פירות פון ארץ־ישראל

ווען ר׳ נתן האָט זיין באַליבט אייניקל דערציילט וועגן ירושלים, וועגן בית־המקדש, האָט ער ניט געקאָנט וויסן אַז ער וועט אויפוועקן ביי אים אַזאַ געפיל און נייגעריקייט צו אַלץ וועגן וואַרעמען לאַנד אין באַעגנטן מזרח.

פון זינט דאָס אייניקל האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן, פלעגט ער ליב־האָבן צו זיצן גאַנצע שעהען און מאָלן און צייכענען.

נאָך יענעם שבת־צו־נאַכטס, ווען משה האָט געזען דעם גאַסט אין זיידנס הויז, האָט ער אויף פאַפיר אויסגעצייכנט אַ שטאָט און איבער דעם אַן אַלטן יידן, וואָס ווינקט מיט אַ פינגער אויף דער שטאָט.

און אַז ער איז אין אַ פאַרנאַכט אַהיימגעקומען פון דער שולע און איז, ווי זיין שטייגער, צוגעגאַנגען צום זיידן, האָט אים דער אַלטער געפרעגט שטיל:

— וואָס האָסטו עפּעס היינט אויפגעטאָן?

דאָס ייִנגל האָט געשוויגן, נאָר מיט די אויגן געזוכט אין פּנים פון זיידן אַ שטריך, וואָס זאָל אים צוניץ־קומען אויף צו פאַרענדיקן זיין צייכענונג.

שפּעטער, אַז דער אַלטער האָט דערזען אין ייִנגלס הענט אַ בילד, האָט זיך זיין באָרד ציטעריק אַ וויג געטאָן און ער איז ווי בלאַס געוואָרן.

— מען טאָר ניט, זונעלע! קיין מענטשן טאָר מען ניט צייכענען.

— וואָס־זשע מעג מען?

— אָט, אַ בוים, אַן עפּל, ווייַנטרויבן.

— אין ארץ־ישראל, זיידע, זיינען אויך דאָביימער?

— אַוודאי, זון, אַוודאי. באַלד, באַלד, נאָך אַ פּאָר טעג, וועלן מיר עסן פירות פון ארץ־ישראל, טייטלען, באָקסערן, פייגן, — האָט זיך אַ פייערל באַוויזן אין דעם אַלטנס אויגן.

יענעם טאָג, חמשה עשר בשבט, האָט זיך דאָס ייִנגל אויפגעכאַפּט

פּאַרטאָג. ס׳איז נאָך געווען בלאָ אין דרויסן. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און די אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט דער שיין פון די צאַנקענדיקע ליכט, וואָס איז אַריינגעדרונגען פון צווייטן צימער.

ער האָט געהאַט אַ סימן, אַז באַלד וועט אָנקומען דער טאָג, ווייל די ליכט זיינען געווען אויסגערעכנט פונקט ביז פאַרטאָג.

דער ברודער איז טיף געשלאָפן. ער האָט געהאַט אַ טבע פונעם שלאָף צו שרייען: „ס׳איז מיר קאַלט!" און אַז די מוטער פלעגט אַריינלויפן, פלעגט זי זען ווי ער ליגט איינגעוויקלט און וואַרפט מיט די פיס.

— דאָס חלומט זיך אים, אַז עס איז קאַלט.

משה איז אַראָפּ פון בעט, איז צוגעגאַנגען צום ברודער און אים גענומען וועקן:

— שטיי אויף!

— וואָס איז? אַזוי פרי! — האָט פנחס קוים געעפנט אַן אויג.

— ס׳איז דאָך היינט יום־טוב, דער זיידע האָט צוגעזאָגט מתנות, פירות פון ארץ־ישראל.

נאָך האַלבן טאָג, אַז ס׳ייגגל איז געקומען פון דער שולע, האָט ער שוין געטראָפן אַ טיש געגרייט מיט די שענסטע כלים און מיט ברענענדיקע ליכט. אַרום טיש זיינען געזעסן די משפחה, עטלעכע פרעמדע יידן. משה איז גלייך צוגעגאַנגען צום טיש און מיט די אויגן געזוכט דעם זיידן.

אינגיכן איז אָנגעקומען ר׳ נתן. ער האָט זיך געוואַשן די הענט, זיי געווישט מיט אַ האַנטוך און עפּעס מורמלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ צו די זיצנדיקע.

— שווער, זאָל מען דערלאַנגען די פירות? — האָט זיך הינדל העס אויפגעשטעלט.

— משהלע איז שוין דאָ? — האָט דער אַלטער אויפגעהערט מורמלען און זיך אומגעקוקט.

— אָט בין איך, זיידע.

ר׳ נתן האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן יינגלס קעפּל, ווי ער זאָל אים בענטשן.

— קאַלט? — האָט עמעצער פון טיש אַ פרעג געטאָן דעם יינגל, וואָס איז נאָר־וואָס אַריינגעקומען פון גאַס.

— מיר איז ניט קאַלט.

— זיכער, זונעלע, אַז אין שטוב געפינען זיך ארץ־ישראל־פּירות, איז ניט קאַלט. עס איז וואַרעם. דער ריח פון ארץ־ישראל ברענגט אַריין וואַרעמקייט. אין ארץ־ישראל איז דאָך תמיד וואַרעם, כולו זומער.

און אַז די מוטער איז אַריין מיט אַ טאַץ פּירות, האָט ר׳ נתן דערלאַנגט דעם ייִנגל פון יעדער מין אַ פּרוכט און גענומען אויסרעכענען זייערע נעמען:

— דאָס, מיין זון, איז אַ זית, דאָס איז אַ תאנה און דאָס אַ תמר, אַ חרוב.*)

אויפן טיש האָבן זיך צעשיינט די ליכט און ס׳איז דאָ ניט געווען צו דערקענען, אַז אינדרויסן איז אַ מסוכן־ברענענדיקע קעלט.

---

*) איילבירט, פייג, טייטל, באָקסער.

ב

טעג אין טריער

„די סוחרים פון לוד" און דער מאַרק אין טריער

ערב שבת, ראש־חודש סיון, שנת תקע"ח, יאָר 1818. אויפן טריערער מאַרק איז וואָכעדיק און ליידיק. אַ קרומע זון שיינט אַרויס פון לייכטע, טרויעריקע וואָלקנס, און ס'שמעקט מיט קאַלטע נאָך־פסח רעגנס, מיט עצבות פון ספירה־טעג און מיט „תוכחה".

די תוכחה, וואָס מען וועט מאָרגן לייענען אין די שולן, שוועבט איבער די קעפּ פון די רהייניש ע יידן.

טרויעריקע בשורות זיינען אָהער דערגאַנגען פון די אַלטע קהילות ביים רהיין. ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק איז געווען שלום צווישן ייד און קריסט. עס איז ניט געווען קיין באַזונדערע פריינטשאַפט און אַוודאי ניט קיין ליבשאַפט, אָבער אויך ניט קיין אָפענע שנאה. מען האָט געהאַנדלט אין מאַרק, זיך געטראָפן אין די געלט־קראָמען, אין באַנק, און אַפילו צוזאַמען פאַרבראַכט אין שענק ביי אַ גלעזל ביר. אָבער די וועלפישע שנאה, וואָס האָט תמיד געטליעט אין הארץ פון די אַרטיקע קריסטן, האָט איצט שנעל אויפגעשלאָגן אין רציחהדיקער תאווה. אין אַ צאָל גרעסערע קהילות, ווי פראַנקפורט, מיינץ און קעלן, האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו יידן מיט אַזאַ פאַרביסענער שנאה, ווי מען וואָלט זיך וועלן אָפּרעכענען מיט זיי פאַר די עטלעכע יאָר פרייהייט, וואָס זיי האָבן גענאָסן אונטער דער פראַנצויזישער הערשאַפט.

די שריפטשטעלער, די פּראָפעסאָרן אין די אוניווערסיטעטן, די דעפּוטאַטן אין די לאַנדסטאָגן, — אַלע האָבן זיך אַ נעם געטאָן איינע די אַנדערע איבערצושטייגן מיט די גיפטיקע זידלערייען, מיט ווילדע גזירה־פּלענער. מען שלאָגט פאָר, אַז יידן זאָלן ווידער אַנטאָן די געלע לאַטע, ווי אין די ערגסטע צייטן פון מיטלאַלטער. מען האָט אויך גערעדט וועגן אַ פּלאַן צו קאַסטרירן יעדן יידן, ווי נאָר ער וועט ווערן אַ פאָטער פון אַ קינד, כדי דאָס יעהאָווא־פאָלק זאָל זיך ניט מערן. און דער המון — עס טראָגט זיך איבער די גאַסן דער אַלטער „העפּ, העפּ" אויסגעשריי. די וועלף גאָרן נאָך

רויב, ווילן זיך אָפּרעכענען מיט די יידישע הענדלער און באַלעבאַטים.

ליגט איצט דער טריערער מאַרק ליידיק, ווי אַ פעלד אין שמיטה. אין דער אַלטער הילצערנער צוויי־שטאָקיקער שול, וואָס שטייט ביים עק מאַרק, כאַפּן סוחרים אָפּ דעם לעצטן שחרית. כאָטש עס איז זיכער, אַז אַרויסגיין נאָכן דאַוונען אויפן מאַרק שמעקט מיט סכנה, כאַפּן די הענדלער דאָס דאַוונען פון רגילות. ביים עמוד שטייט אַ תבואה־הענדלער, שלינגט די עברי, ווי ער וואָלט זיך יאָגן נאָך אַ קונה: „לך אתן ארץ כנען — ויתהלכו מגוי אל גוי וממלכה אל עם אחר.” דער מנין טרייסלט זיך, ווי אַ ליידיקע פאַס אויף אַ וואָגן.

אַ שעה נאָך האַלבן טאָג פאַרשווינדט די זון אין גאָס. די שול ווערט פול מיט שאָטנס און גליווערט פוסט. דער גבאי שמש גיסט אָן וואַסער אין טרוקענעם האַנט־פאַס, ווישט זיך די הענט אין פאַרזויערטן האַנטוך. אַ פרוי אין אַ צעפּליקטער שאַל קומט אַריין און ברענגט צוויי ליכט.

ביי דער מזרח־וואַנט זיצט דער אַלטער רב, פאַרוועבט אין שאָטנס. צופּט די סיווע באָרד און מוח׳ט זיך איבער דער ברייטער מסכתא „בבא מציעא”.

ער איז אַ גרויסער גאון, דער טריערער מורה־הוראה ר׳ משה לבוב, אַ זון פון גאון ר׳ יהושע העשיל. זיין יחוס ציט זיך, ווי ער איז ערשט ניט לאַנג צוריק געוואויר־געוואָרן, פון דער מוטערס זייט ביז שאול וואַל, דעם איין־טאָגיקן מלך פון פוילן, און פון פאָטערס צד — פון מהר״ם פאַדוואַ ביז רש״ין. זיין עלטער־זיידע, ר׳ יוסף גרשון הכהן, דער גאון פון קראָקע און מחבר פון פּלפּול־ספר „שארית יוסף”, איז געווען אַ שוואָגער פון רמ״אַ און אַ תלמיד פון ר׳ יעקב פּאָלאַק, דעם בעל־הפּלפּול.

פון גאַנץ מדינת אשכנז און פוילן ווענדט מען זיך צו אים, דעם טריערער רב, נאָך הסכמות. נעכטן, דאָנערשטיק אויף דער נאַכט, איז ער כמעט ניט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט מעיין געווען אין אַ פּלפּול־ספר „קצות החושן”, וואו דער מחבר זוכט פאַרענטפערן זיין זיידנס אַ האַרבע קשיא וועגן „אומן קונה בשבח כלי”.[1] מען דאַרף זיין אַ „בגר בן בגר”[2] צו פאַר־ענטפערן די קשיא. וואָרים ער איז דאָך גערעכט, דער זיידע. אויב מיר

[1] דער אַרבעטער קויפט מיט דער פאַרבעסערונג די כלי.
[2] סטאָליער, זון פון סטאָליער.

נעמען אָן, אַז דער דין איז טאַקע אומן קונה בשבח כלי, איז, ווי אַז די שכירות פאַר מאַכן די כלי האָבן די ווערט מער ווי די כלי אַליין, ווי אַזוי קאָן דער אייגנטימער פון דער זאַך צאָלן דעם פועל ווייניקער ווי די כלי האָט די ווערט? עס איז דאָך פשוטע גזילה... יאָ, אַ גאַנצע נאַכט איז די קשיא געשטאַנען פאַר די אויגן, זיך אויסגעבויגן ווי אַן אָנגעצויגענע פייל, געוואָרן דינער, דינער און ניט געפּלאַצט.

פאַרטאָג, ווען דער באַגינען האָט זיך אַריינגעשלייכט אין חדר, איז ער אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אין מנין. אויפן וועג האָט אויפגעוואַכט אַ נייע פּיין און אים אָנגעהויבן צופּן ביים לעפּעלע פון האַרץ.

ער האָט צוויי זין. איינער, מרדכי, וואָס האָט געלערנט אין רש״יס קלויז, אין וואָרמס. ער וועט אַוודאי זיין דער ממלא־מקום אין טריער, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. און דער צווייטער, העשל, האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטיילט פון דער משפּחה. ער איז אַן אַדוואָקאַט, חברט זיך מיט די גויים. דעם יחוסדיקן נאָמען לבוב האָט ער פאַרביטן אויף מאַרקס און דער פאָטער האָט מורא ער זאָל צומאָל ניט ענדיקן אויף יענער זייט... אין אַ וואָך אַרום דאַרף ביי אים זיין אַ ברית. פון זון האָט ער קיין נחת ניט. וועט ער האָבן נחת פון אייניקל? און וואָס וועט זיין מיטן זיידנס קשיא: „ווי אַזוי קאָן דער באַלעבאָס צאָלן דעם פועל ווייניקער ווי אַ העלפט פון די שכירות?“ — אין שול וועט ער מוזן מעיין זיין נאָכאַמאָל... די מחשבות האָבן זיך געקרייצט איינע מיט דער צווייטער, ביז ער האָט געעפנט די שווערע טיר פון שול.

נאָך דעם ווי די שול איז געבליבן ליידיק, איז ר׳ משה לבוב, וואָס איז תמיד געווען דער לעצטער צו פאַרלאָזן די שול, געבליבן זיצן אין מזרח. ער האָט צעעפנט די ברייטע גמרא. אין זינען געהאַט צו פאַרענדיקן דעם טעגלעכן בלאַט ביז מנחה. זיינען ווידער אָנגעפלויגן די פיינלעכע מחשבות און זיך געוויגט אין מוח ווי דער אומרו פון זייגער אויף דער מערב־וואַנט. אין זיבן טעג אַרום וועט ביי העשלען פאַרקומען דער ברית. מאָרגן לייענט מען די תוכחה, — אַ גוטער, צי אַ שלעכטער סימן? און אַז איבערן קינדס וויגל טראָגן זיך די ווילדע געשרייען „העפּ, העפּ, יודע!“ — הייסט עס, אַז מאָרגן לייענט מען די תוכחה. זיין יחוס ציט זיך ביז רש״ין. אָבער פאַרוואָס ניט ביז אברהם, יצחק און יעקב?... ער שטאַמט פון רשי״ן, זיין זון העשל שטאַמט אויך פון רש״ין, וועט ער ווייטער ציען די יחוס־קייט?

וועט חס וחלילה די קייט פון דורות איבערגעריסן ווערן ?... טאַקע מאָרגן וועט מען לייענען די תוכחה, „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק" — האָט ר' משה פאַרטריבן די בייזע מחשבות מיט אַ קרעכץ.

ר' משה האָט אויפגעהויבן די מידע, אומעטיקע אויגן, געזען ווי אַ שאָטן הענגט זיך אויף אַ הענגלייכטער, און אַ מיש־געטאָן די גמרא. גע־נומען שלייפן זיין מוח איבער דער שווערער סוגיא. אַ האַרבער ענין — „תגרי־לוד". מען דאַרף דעם פשט דורכקריכן. פאַרענטפערן תוספות קשיות אויפן זיידן, רש"ין. אים מציל זיין פון די לייבן־ציינער... ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און דער מוח האָט זיך פאַרטראָגן ווייט, ווייט אויפן מאַרק אין לוד, וואו ר' טרפון האָט געפירט אַ וויכוח מיט די סוחרים. — „הורה ר' טרפון בלוד, האונאה שמונה כסף", — וויגט זיך ר' משה און חזרט ווי אין חלום. —

אין יפו'ער טויער פון לוד זיינען אַריינגעפאָרן צוויי אייזלען. פאָר־אויס איז געריטן חנן, דער אויפקויפער פון דאַרע פיש, אויף זיין גרוי אייזעלע, און נאָך אים איז געקומען דער עלטערער פפוס פון לוד, רייטנדיק אויף אַ צווייט אייזעלע, און ביי דער זייט איז געגאַנגען שטח, דער ווייך־הענדלער פון עזה. אַרום זיינען געלעגן ווייץ־פעלדער און גרינע וויינ־גערטנער. אויף די פעלדער זיינען די זאַנגען שוין אויפגעגאַנגען הויך, האָבן שוין געהאַט פולע קערנער, געהאַלטן אין איין צייטיקן און ווערן גאָלדיק־געל.

די ערד אַרום לוד איז געווינלעך געווען אַ מאָגערע און ערטערווייז אַ שטייניקע. האַיאָר אָבער האָט זי דעם לודער מאַרק צוגעזאָגט אַ שיין גערעטעניש.

דאָס יאָר, מער ווי תמיד, האָבן די קליינע סוחרים אויפן מאַרק אויס־געקוקט די אויגן אויף די ערשטע טעג פון שבט, ווען תבואה וועט וואָלוועלער ווערן און זיין בשפע, וואָרים אין די לעצטע עטלעכע זומערן אי זגעווען אַ מאַנגל אין תבואה, וואָס האָט גורם געווען אַ מוראדיקן יקרות, און האַיאָר, פון ניסן אָן, שטייגט דער מקח פון טאָג צו טאָג. אַ זעקל ווייץ, אַן איפה [3] קאָרן גייט פון האַנט צו האַנט און יעדער איינער שרויפט אַרויף

---

[3] אַ מאָס.

דעם פרייז אויף אַ זעקסטל; שרייט, ס׳איז ריוח און ס׳איז מותר.

ווען די אייזלען האָבן זיך דערנענטערט צום ברייטן מאַרק־פּלאַץ, האָט פּפוס, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ קורצער, מיט אַ הויכן שטערן און אַ ברייט, שוואַרץ בערדל, וואָס האָט עדות־געזאָגט אויף חשיבות, — זיך אָנגערופן צו זיין יינגערן חבר, דעם מאָגערן חנן:

— איידער מיר לאָזן זיך אויפן מאַרק, וויל איך אַרויפגיין אין אויבער־שטיבל פון ניתזהע׳ס אכסניה. דאָרטן קומט היינט פאָר אַ מסיבה פון די גרעסטע חכמים: ר׳ עקיבא, ר׳ גמליאל און ר׳ טרפון זיינען אַהער אַראָפּ־געקומען. קאָנסט מיך באַגלייטן, אויב דו ווילסט.

— דאָרט גייט אָן אַ מסיבה, זאָגסטו? — האָט חנן אויף אים אָנ־געשטעלט די אויגן. — וועגן וואָס פאַרהאַנדלען זיי דאָרטן? און וואָס עפּעס דווקא אין לוד, אין אַ מאַרק־טאָג?

מלכות הרשעה האָט אַרויסגעגעבן נייע גזירות, שפּאָגל־נייע אכזריותן. מען זאָל קיין תורה ניט לערנען, אַ קינד ניט מל זיין. עס שמעקט מיט גרויס סכנה. אַז די חכמים זיינען אַהער אַראָפּגעקומען, איז דאָ פון וואָס אומרואיק צו זיין.

— מר פּפוס, איך וועל מיטגיין. אָבער לאָמיר פריער דורכרייטן דעם מאַרק, אָנטאָפּן אַ מקח.

— ווילסט דווקא אויפן מאַרק? קום, אָבער ניט אויף לאַנג, — האָט פּפוס אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגווייליקן גענעץ.

דער מאַרק האָט געפינקלט מיט אַלערליי סחורות און געקלונגען מיט מענטשן־געפילדער. זעק מיט תבואה, קופּעס זאַלץ און בשמים, פעסער ווין און האָניק, גאָלד־געהאַפטענע בגדים זיינען אָנגעלאָדן געוואָרן אויף אייזלען, פרידות.[4] קופּערנע מטבעות זיינען געפאַלן מיט אַ קלימפּער, און האַנט און קאָפּ, אייזל און רייטער האָבן זיך געמישט, געקראָכן איינער אויפן אַנדערן.

חנן און פּפוס, וואָס זיינען אַריינגעפאָרן אין מיטן טומל און גערויש, האָבן זיך באַלד אויסגעמישט מיטן עולם, געטראָטן אויף מענטש און בהמה און זיך ניט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן פון געדרענג.

[4] מויל־אייזלען.

אין ליאַרעם, צווישן די הענדלער און די אייזלען, זיינען צו זייערע אויערן דערגאַנגען היציקע קולות:

— גזלן, דער דין איז מיט מיר! עס איז מיין ריוח, — האָט אַ מיטל־וואוקסיקער חברונער הענדלער, אַ באַוואָקסענער און אַן איינגעהילטער אין אַ ווייסן האַלדזטוך, צו זיין געשיצט פון דער חמימה, — געשריען צו אַ הויכן, דינעם פּאַרשוין, מיט אַ קראַנץ־באָרד אַרום דעם טונקעלן פּנים, וועלכער האָט זיך אָפּגערוקט פון אים און געפּסקנט:

— ווען איך וואָלט דיך אַפילו אָפּגענאַרט אין קנין, בלייבט די סחורה מיינע. ביז אַכט זילבערשטיק איז ניטאָ קיין אונאה, איז פּאַרפאַלן.

— גיב צוריק די סחורה! וועסט קריגן אונטערגעהאַקט די לענדן, ביי יבנה און ירושלים שווער איך! — האָט דער באַוואָקסענער געשריען מיט אַ לייבן־קול.

דער טונקעלער האָט אַרויסגעלאָזן אַ קנויל געלעכטער.

פּפּוס איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן לעבן די צוויי, איז געבליבן שטיין מיט אַ הויפן ווייץ אין דער זשמעניע און אָנגעשטעלט אויף ביידן די אויגן־הייַלן:

— דיין ריוח, זיין ריוח! ניט שיין, אַז יידן רייסן זיך ווי כנענים, ווי חיתים. קומט מיט מיר צו ר׳ טרפונען. ווי ער וועט פּסקענען, אַזוי וועט זיין. זיין תורה איז ווי אַ קוואַל, און אין די דיני ממונות איז ער דער גרעסטער חכם.

— שלום־עליכם! — האָט דער באַוואָקסענער אַן אָטעם געטאָן אויף אים מיט אַ באַהאַלטענער פרייד. — וואָס זאָגסטו אויפן עסק ביש?[5] אין אַזאַ צייט, ווען דער אדומי טראַכט־צו נייע גזירות אויף יהודה, זאָל אַ ברודער אָפּנאַרן אַ ברודער! שוין בעסער האָבן אַ כנעני פאַר אַ שותף.

— קומט צו ר׳ טרפונען! — האָט פּפּוס באַפוילן, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער באַלעבאָס אויפן מאַרק.

דער טונקעלער האָט זיך אַ רגע געקווענקלט, דערנאָך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך גיי!

אַכצן שמאָלע טרעפּ האָבן געפירט אַרויף, צום אויבערשטיבל פון

[5] שלעכט געשעפט.

ניתזה׳ס אכסניה. דאָס שטיבל איז געווען לאַנג און טונקל, מיט אַן אויסגעקרימטער סטעליע, פאַרשפּיצט אין אַ טורעם, ווי דער דאַך פון אַ היכל אין אַ קאַמער פון בית־המקדש. די דריי מאַרק־הענדלער האָבן זיך געהויבן אויף די טרעפּ מיט אַ שווער אָטעם און אַנגעלאָדענע טריט. דאָס איז מען געגאַנגען פאַרלייגן די דין־תורה פאַר ר׳ טרפונען.

נאָך איידער זיי זיינען געווען אויף דעם העכסטן טרעפּ, האָט זיך די טיר געעפנט און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ יונגער שמש, אַ קורצער, אַ מאָגערער. אַ שוואַרצע, שיטערע שפּראָצונג, ווי מאָך, האָט אַרומגעזוימט זיין מאַט־גרינלעך פּנים און זיין קאָפּ איז געווען איינגעוויקלט אין אַ שווערער שאַל. ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ:

— וואוהין איז, צו וועמען?

— מיר ווילן זען ר׳ טרפונען, האָבן אַ שווערן עסק אין דיני־ממונות.

— פאַר דיני־ממונות האָט ר׳ טרפון יחיה שטענדיק אָפן אַן אויער. עס טאָר זיך ניט געפינען קיין עושק צווישן אחינו בני ישראל. אָבער די חכמים זיינען פאַרנומען, זיינען עוסק אין אַ שווערן משא־ומתן, וואָס איז נוגע דעם גאַנצן כלל ישראל.

— מיר וועלן אויסוואַרטן. מיר׳ן דערווייל זיצן צופוסנס די הייליקע, זיך שטויבן אין דעם שטויב פון זייערע פיס.

דער שמש האָט אַראָפּגערוקט די שאַל און אַן עפן געטאָן די טיר.

אין לאַנגן חדר, ביי אַ גרויסן טיש, פאַרדעקט מיט אַן אויסגעהאָפטענעם פרוכת און אַנגעלייגט מיט פאַרמעטן און געגדזענע פעדער, זיינען געזעסן ביי אַ צענדליק חכמים. אַלע אין רבנישע גלימות.[6] אויבנאָן האָט אַראָפּגעשיינט אַ זקן, מיט אַ שטראַליק פּנים; טיף־איינגעפאַסטע שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון זיין הויכן שטערן און ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ זיידענער חלוקא־דרבנן.[7] ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און די אויגן האָבן אַ פליי געטאָן מיט ליכט:

— גענוג געשטויסן איינער דעם אַנדערן אין הלכה. לאָמיר ציילן דעות און באַשליסן.

— וואָס איז דאָ שייך צו ציילן? — האָט זיך אָנגערופן ר׳ טרפון, אַ

---

[6] מאַנטלען.
[7] רבניש העמד.

היכער, מיט ברוינע מאַנדל־אויגן, און אַ נעם געטאָן זיין שוואַרצע באָרד.
— די הלכה איז סיי־ווי ווי ר׳ עקיבא.

ר׳ עקיבאס הויכע, פֿיין־געפֿורעמטע געשטאַלט האָט זיך אַ בויג געטאָן נאָענט צו אַ ברייט־פּלייציקן חכם מיט אַ קאַשטאַנען־באָרד און אַ צעקאַרבטן שטערן:

— שרייבט, ר׳ גמליאל!

ר׳ גמליאל האָט גענומען די גענדזענע פֿעדער און אָנגעהויבן קריצן אויפֿן פּאַרמעט. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אַלע האָבן אַרויפֿגעקוקט צו ר׳ עקיבאן מיט אָפּשיי און יראת־הכבוד. זיין דין און שאַרף קול האָט געבויערט די שטילקייט.

— . . . נמנו וגמרו, עס איז באַשלאָסן געוואָרן אין אויבערשטיבל פֿון נתזה אין לוד, אַז אויף דריי עבירות זאָל זיך אַ ישראל לאָזן הרגענען און ניט עובר זיין. עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים.[8] דער חוק [9] גילט פֿאַר יעדער צייט, פֿאַר אַלע דורות . . .

אַז ר׳ גמליאל איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן לייענען, האָט ער נאָכאַמאָל געפֿירט מיט די אויגן איבערן פּאַרמעט, און ס׳איז קענטיק געווען, אַז פֿון גרויס אימה האָט זיך אַ ניי בינטל קאַרבן אָנועקגעשטעלט אויפֿן מיט פֿון זיין שטערן. כדי צו מאַכן זיכער, אַז דער, וואָס זיצט אויבן, גיט זיין פֿולע הסכמה אויפֿן כתב, האָט ר׳ גמליאל געשיקט אַ בליק צו אים. ס׳האָט געהייסן, ער פֿרעגט אָן: געענדיקט?

ר׳ עקיבא האָט אויסגעשטרעקט אַ ווײַסע האַנט, גענומען דעם פּאַר־מעט, דורכגעקוקט און געענטפֿערט מיט אַ קאָפּ־שאָקל. די זיצנדיקע האָבן זיך פֿאַרטראַכט, געוואָרן שטילער, ווי זיי וואָלטן מיט זיך אַליין געפֿירט אַ חשבון.

ר׳ גמליאל האָט אָוועקגעשאַרט די פֿעדער און געפֿרעגט:

— וואָס ווילן די סוחרים?

— מורי ורבי, צוויי שותפֿים פֿאַרלאַנגען אַ משפּט־צדק; טענהן, אַז זיי האָבן זיך אָפּגענאַרט אין מסחר, — האָט פּפּוס אָפּגעזאָגט זיין פּסוק.

— זיינען ביידע צדדים דאָ?

---

[8] געצנדינסט, שאַנד און בלוט־פֿאַרגיסונג.
[9] געזעץ.

דער באַוואַקסענער, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל, האָט זיך אויפֿגעשטעלט און גענומען זוכן מיט די אויגן זיין שותף, און אַז בײדע שותפים האָבן זיך באַגעגנט, האָבן די בליקן גענומען פֿירן מלחמה.

ר׳ טרפון האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף זיין שטול, זיך אויסגעגלייכט, געוואָרן העכער און זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט אויפכאַפּן ר׳ עקיבאס בליקן, און זייטיק געזאָגט:

— ווער איז דער בעל־דברים? זאָל דער תובע טענהן. זאָלן זיך די בעלי־דינים דערנענטערן.

דער באַוואַקסענער האָט זיך אַ נויג געטאָן מיט יראת הכבוד און אָנגעהויבן:

— הייליקער חכם! דער שותף מיינער האָט ביי מיר געקויפט צען זעקלעך תבואה. שוין נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעפירט די אָנגעלאָדענע חמורים קיין עזה, האָב איך מיך געכאַפּט אַז ער האָט מיך אָפּגענאַרט אויף אַ גאַנצן אַכטל. כ׳וויל אַ משפט פון דין און פון צדק. — ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ווי אַ קנויל ניט־דערזאָגטע רייד וואָלט אים געבליבן אויף דער צונג.

ר׳ טרפון האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט און נאָכדעם געזאָגט מיט אַ זאַכלעך קול:

— און וואָס האָט דער נתבע צו ענטפערן?

דער טונקעלער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. דער יראת־הכבוד, אַז ער דאַרף ענטפערן אַ חכם, האָט אים אינגאַנצן צערודערט.

— בנאמנות, מורי, מער ווי אויף אַ זעקסטל האָב איך אים ניט באַשווינדלט. אויף אַ זעקסטל נאָרן אַלע. איך האָב דורך־ארץ פאַר די חכמים. וואָס בית־דין צדק וועט פסקענען, וועט זיין גוט. — ער האָט צעפירט די הענט און געלאָזט הענגען אַ פּאָר אויסגעשטרעקטע עלנבויגנס אין דער זייט פון שותף...

ר׳ טרפונס בליקן האָבן זיך ווידער געוועגדט צו דעם זקן, וואָס איז געזעסן אויבנאָן. ר׳ עקיבאס קלוגע און שאַרפע אויגן, וואָס האָבן ביז איצט גערוט אויפן פאַרמעט, האָבן זיך אויפגעהויבן, און ער האָט צוריקגעשיקט ר׳ טרפונען אַ בליק, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן: רעד, זאָג דעם דין!

ר׳ טרפון האָט פאַרצויגן די שוואַרצע ברעמען און איבער זיין קלאָרן

שטערן זיינען אויפגעלאָפן געציילטע קנייטשן, ווי לייכטע וואָלקנדלעך אויף אַ זומערדיקן הימל. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— אויב אָפּגענאַרט אויף אַ זעקסטל, איז דער מקח חוזר, ס'איז אַ מקח טעות. קריגט קיינער ניט אויף דער דעה? זיינען מיינע רביים און חברים מסכים?

— מסכים, מסכים! — האָבן זיך געהערט שטימען פון אַלע זייטן פון באַזעצטן טיש. — אין דיני ממונות איז די הלכה ווי ר' טרפון. דיין ענטפער איז על פי תורה.

די חכמים, די סוחרים האָבן זיך געהויבן פון די שטולן, זיך געלאָזט פון די טרעפּ. דער הימל איבער לוד האָט זיך געלאָשן. אַ כמאַרע־קאַראַוואַן האָט זיך געצויגן פון די יהודה־בערג, אַזש דער הימל איז שוואַרץ געוואָרן מיט וואָלקנס. —

ר' משה לבוב, וואָס איז געזעסן איבער דער גמרא און געשלייפט זיין מוח איבער דער סוגיא פון „תגרי־לוד", האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, זען ווי ס'האַלט מיטן טאָג.

פון יענער זייט מאָזעל האָט די שקיעה געצונדן דעם מערב, איינ־געהילט אַ שטיק פון דער אוניווערסיטעט־געביידע אין פלאַמען. פון דרום־זייט זיינען יידן געגאַנגען צו קבלת־שבת. דער רב האָט זיך נאָך אַלץ גע־מוח'ט, געזוכט אַ צונויפהאַנג צווישן די צוויי דינים, וואָס זיינען מיט זיבעצן יאָרהונדערט צוריק געבוירן געוואָרן אויפן מאַרק אין לוד, צווישן די דינים: יהרג ואל יעבור, און אונאה אין מסחר. און אים איז מיט־אַמאָל קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס יידן, הענדלער פון מדינות, קויפער, אויפ־קויפער, פאַרקויפער, האָבן זיך בעסער געלאָזט וואַרפן אין פלאַמען איידער עובר צו זיין אויף איינעם פון די דריי עיקרים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין לוד.

דער טרויעריקער ברית

אין חודש מאַי, 1818, זיינען אין בוך פון דער יידישער געמיינדע אין טריער, רהייניש פראָווינץ, פאַרשריבן געוואָרן צוויי פאַלן, וואָס האָבן פאַסירט אין דער פאַמיליע מאַרקס, געוועזענע לבוב:

ערשטער פאַל: ביים אַדוואָקאַט העשל־היינריך מאַרקס איז דעם 18טן פון דעם מאָנאַט געבוירן געוואָרן אַ זון — קאַרל. און צווייטער פאַל: מיט פינף טעג שפּעטער איז געבראַכט געוואָרן צו זיין רו דער פאַרשטאָרבענער ראַבינער פון טריער, מאָזעס לבוב־מאַרקס, פאָטער פון ראַבינער סעמועל מאַרקס.

אויפן דריטן טאָג שבעה זיינען זיך ביים אַדוואָקאַט אין הויז צוזאַמענגעקומען אַ מנין חשובע מענטשן פון דער טריערער יידן־געמיינדע: דער שוחט, דער חזן, אַ פּאָר קרובים פון דער פרויס צד. זיי זיינען געקומען צום ברית פון דעם אַדוואָקאַטס ניי־געבוירענעם זון — אַ שמחה, וואָס האָט, לויטן דין, געדאַרפט בלויז אויף עטלעכע שעה איבעררייסן דעם שבעה־טרויער.

אַ ריח פון געבעקס, געוויקט אין בראָנפן, האָט זיך געטראָגן איבערן ברייטן אויפנאַם־זאַל. דורך די נעפלען האָבן אַרויסגעשימערירט צוויי „שיר המעלותן", וואָס דער זיידע האָט פאַרן טויט געהייסן אויפהאָנגען ביי דער קימפעטאָרינס בעט.

באַלד ווי דער אַלטער רב איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה, האָט דער פאָטער אַראָפּגעריסן די „שיר המעלותן". אָבער איצט, צוליבן כבוד פון איר שוואָגער, דעם נייעם ראַבינער פון טריער, האָט די מוטער באַפוילן דער דינסט אויפקלעפּן די „שיר המעלותן" אין עס־צימער. זי האָט עס געטאָן קעגן ווילן פון איר מאַן, וואָס שפּאָט אָפּ פון אַלע יידישע מנהגים און צערעמאָניעס.

אַ שטיק צייט פאַרן אַלטנס טויט האָט זיך צעפלאַקערט אַ שנאה צווישן

די צווײ ברידער: דעם רב שמואל הלוי, און דעם אַדוואָקאַט הײנריך, װעמען די קריסטן האָבן גערופן בײם ייִדישן נאָמען „העשל"...

בײם קײלעכדיקן טיש, אָנגעשטעלט מיט גלעזער און פלעשער, זײנען די געסט און קרובים געזעסן און שטיל געשמועסט װעגן דער שײנער לוויה, װאָס ר' משה לבוב האָט געהאַט.

— עס איז שוין באַלד עלף און מען זעט נאָך ניט דעם רב, — האָט זיך אָנגערופן דער חזן און מוהל מאיר פּאַדוּוע, אַ דיקער ייִד מיט אַ בכבודיקער באָרד. ער האָט זיך אױפגעהױבן און גענומען צוגרײטן די מכשירים, דעם מוהל־מעסער, די װאַטע.

פון דעם זײטיקן שלאָף־צימער האָט זיך דערטראָגן אַ קרעכץ פון אַ פרוי. יוסף פנחס פּרעשבורגער, אַ קורצער, גראָער — דער קימפּעטאָרינס אַ פעטער — האָט פּאַמעלעך אָנגעגאָסן אַ זילבערן בעכערל בראָנפן און זיך צערעדט:

— אַז דער פאָטער אַלײן האָט דאָך דעם ברית, די ייִדישונג, ניט גע־װאָלט... אַ, װי װײט אונדזער גרויסע און הײליקע פאַמיליע איז דער־גאַנגען! עס איז נאָך גוט װאָס אונדזער גרויס־פאָטער איז געשטאָרבן אין צײט...

אין טיר האָט זיך באַװיזן דער קורצער, ברײט־פּלײציקער טריערער רב, מיט אַ קײלעכדיק שװאַרץ בערדל אַרום זײן טונקל פּנים און אַ פּאָר קויל־שװאַרצע אויגן. דער עולם האָט זיך אונטערגעהויבן פון די זיץ־פלעצער מיט יראת־הכבוד און אפשיי...

— מזל־טוב! מזל־טוב! און װאו זײנען די קװאַטערס, דער מוהל? די צײט שטײט ניט, — האָבן די אויגן בײם רב געבלישטשעט.

— איך בין גרײט, — האָט מאיר פּאַדוּוע אָװעקגעלײגט דעם פינקלענ־דיקן מוהל־מעסער אויפן טיש.

— און װאו איז ס'קינד?

— איין מאָמענט! איין מאָמענט! — האָט זיך דערהערט אַ פרויען־שטים פון צװײטן צימער, און באַלד איז אַ קורצע, בלאָנדע פרוי, מיט אַ צעפלאַמט פּנים, אַרײַנגעקומען און געטראָגן אויף אַ װײס קישעלע דאָס נפשל, אַ ברונעט, מיט שװאַרצע הערעלעך און קאַרשן־אויגן.

— ברוך הבא! — האָט דער מוהל אַ נעם געטאָן ס'קישעלע פון דער דינסט און אים צאַרט אָװעקגעלײגט אויפן טיש.

— זה הכסא של אליהו, זכור לטוב! — האָט דער עולם געענטפערט אין איין קול און זיך געהויבן פון די פלעצער.

— דער פאָטער? — האָט דער רב אויסגעשטעלט די פינקלענדיקע אויגן. די געסט האָבן זיך אַרומגעקוקט, זיך איבערגעוואונקען.

— פריילין, רופן זי אַריין דעם הער, — האָט יוסף פנחס פרעשבורגער באַפוילן דער דינסט.

— ער קאָמט! ער קאָמט! זאָפאָרט! — האָט אַ פאַרטערערט קול, דער מוטערס, געענטפערט פון זייטיקן שלאָף־צימער.

— ביטע, אַנטשולדיקן, — האָט די דינסט צוגעגעבן, — הער היינריך איז שווער געטראָפן פון פאָטערס טויט.

אַ וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן איבערן יונגן רבס געזיכט. ער האָט געמורמלט: „ביין, ניט דער טרויער נאָכן פאָטער האָט אים באַוואויגן, דעם אַפּטריניקן, צו פאַרשטערן די שמחה, פאַרשעמען זיין ברודער מיט אַלע פאַרזאַמלטע. שוין לאַנג, אַז ער פאַרשווערכט אַלץ וואָס איז הייליק און טייער אין דער משפחה. כ׳האָב מורא, אַז באַלד וועלן מיר אַלע דאַרפן זיצן שבעה נאָך אים...״

שווערע און לאַנגזאַמע טריט האָבן זיך דערהערט אין צווייטן צימער. דער פאָטער איז אַריינגעקומען מיט אַן איראַנישן שמייכל אויפן פנים. ער האָט זיך אַ לייכטן וויג געטאָן, זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און געברומט:

— מערקווירדיק, מערקווירדיק! פיל ידישע צערעמאָניעס זיינען פאַרבונדן מיט בלוט. וואָרום? וואָרום זאָל ס׳יונגלינג ליידן?

— העשל, ביסט אפשר געבילדעטער פון מיר, אָבער איך בין עלטער. זאָל דיר איצט אַמווינציקסטנס טייער זיין דער אָנדענק פון אונדזער זעליקן פאָטער, — האָט דער רב געענטפערט פון דער זייט, מיט די אויגן געווענדט צו די „שיר המעלותן״...

— ווער זיינען די קוואַטערס? — האָט דער חזן אויסגערופן.

— שוחט, ר׳ יוסף פנחס — אַלע האָבן זיך געווענדט מיט די בליקן צום פאָטער, אָבער ער איז געבליבן שטיין גלייכגילטיק.

ס׳טונקעלע פנים פונעם רב האָט זיך גערויטלט. זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט פון פאַרדרוס. ער האָט אַ נעם געטאָן ס׳קישעלע מיטן

קינד און מיט אַ זיפֿץ זיך אַריינגעזעצט אין ברייטן, ווייך־געבעטן שטול. דאָס עופּהלע האָט אַרויסגעלאָזן אַ דין און שאַרף געוויין.

— אַ לייטזעליקע צערעמאָניע, פֿאַראָרדנט פֿון גאָט פֿון באַרעמהאַרציקייט, — האָט דער פֿאָטער געמורמלט אין דער זייט, און ס׳געוויין פֿון קינד האָט פֿאַרטויבט זיינע ווערטער.

דער מוהל האָט געמאַכט די ברכה און אָנגעשטעלט די אויגן אויפֿן פֿאָטער:

— פֿאָטער, בעל־ברית, מאַכט די ברכה.

היינריך האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אָבער זי מוזן עס טאָן.

— ניט איך. דאָס איז קעגן מיין געוויסן, מיין איבערצייגונג.

— גענוג, גענוג! איך וועל מאַכן, — האָט דער רב אָנגעהויבן זאָגן.

אַ שאַרף געשריי האָט אַ שניט געטאָן ס׳צימער.

דער מוהל האָט געפֿרעגט:

— ווי זאָל ס׳קינד הייסן?

דער פֿאָטער האָט געשוויגן.

— גיב אים אַ נאָמען מרדכי, נאָך דער מוטערס זיידן, — האָט דער רב געענטפֿערט.

דער מוהל האָט פֿאַרבונדן ס׳קינד און אָנגעהויבן זאָגן די ברכות.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך געזעצט ביי די טישן. דער מוהל האָט איינגעטונקען אַ פֿינגער אין כוס, אַ שמיר געטאָן די ליפּלעך פֿון קינד.

און אַז ס׳קינד איז צוגענומען געוואָרן פֿון מוהלס הענט אויפֿן וועג צום שלאָף־צימער, האָט זיך דער פֿאָטער אָנגעהויבן שאַרן צו דער טיר. ער האָט זיך אַ לייכטן נויג געטאָן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך מוז אייך פֿאַרלאָזן.

דער עולם האָט אים נאָכגעקוקט מיט שטומע בליקן...

„ויקרא שמו בישראל מרדכי בן יהושע העשיל, — — — ויגדלהו למעלה, למעלה,“ — האָט זיך ס׳קול פֿון חזן געקייקלט איבערן צימער.

דער לעצטער רב פון טריער

דער טריערער רב שמואל הלוי לבוב איז געקומען אהיים פון שול און געזאָגט צו זיין פרוי:

— מערלאַ טייערע, היינט דאַרפסטו ניט צוגרייטן קיין עסן, קיין טרינקען. ס׳איז ביי מיר היינט אַ תענית און בייטאָג וויל איך צופאָרן קיין געאָרגסמינד, אויפן בית־עולם. מאָרגן איז דעם זיידנס, ר׳ יהושע העשיל לבובס, יאָרצייט.

— וואָס פאַר אַ תענית? אַזוי ביטער האַלט עס אין דער געמיינדע?

— איז די פרוי בלייך געוואָרן און איז געבליבן שטיין מיט אַ ציטערדיק האַרץ.

— די צרות זיינען גרויס און זיי שטאַרקן זיך נאָך, אָבער ניט די צרות קימערן מיך היינט. מיין ברודערס אַפּטריניקייט ערגערט מיך.

ער האָט אונטערגעהויבן די פאָלעס פון זיין שוואַרצן מאַנטל און איז מיט פאַמעלעכע טריט אַרויף מיט די שטיגן, באַגלייט פון דער פרויס אומעטיקע אויגן.

אין אויבערשטיבל, באַשטעלט מיט ספרים־אַלמערס, איז שמואל הלוי אַ היפּשע ווײַלע געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער. די אויגן זיינען ביי אים פול געווען מיט טרערן. ער האָט באַלד דערפילט עטלעכע וואַרעמע טראָפּנס אויף די באַקן און אויף דער באָרד.

די טרויעריקע ידיעה, אַז זיין ברודער גרייט זיך צום שמד אין דער סט. לוקאַס קירכע, האָט אים שטאַרק דערדריקט. נאָך מער האָט אים געערגערט זיין ברודערס גאַנצע משפחה. העשלס פרוי איז דאָך אויך אַ רבנישע טאָכטער. איר פאָטער איז געווען רב אין לײַדען, אין ניימעגען, האָלאַנד; איז געווען אַן אייניקל פונעם גאון ר׳ לייב אַמסטערדאַמער, מחבר פון „בנין אריאל״. זי איז אַן איידעלע פרוי, אָבער צו איר מאַן באַציט זי זיך מיט אויסערגעווײנלעכער פאַרערונג און וועט ניט האָבן קיין קראַפט זיך קעגנשטעלן זיין ווילן. און אַז ער, שמואל לבוב־מאַרקס, האָט ניט קיין

קינדער, מיינט עס, אז די קייט רייסט זיך איבער, א סוף. ער האט זיך געבעטן, שטארק געבעטן ביים ברודער דעם אדוואקאט ער זאל ניט פאר־שעמען די משפחה, ניט איבעררייסן די גאלדענע יחוס־קייט, אבער — ער איז הארטנעקיק, איינגעשפארט...

שמואל הלוי איז צוגעגאנגען צום פענצטער. א כמורנער אנהויב־ווינטערדיקער טאג. פון גאר־ווייט האט זיך געברודיקט דער מאזעל, אויס־געזען ווי א פאס קויטיק זילבער. די שטאט איז אים מיטאמאל פרעמד געווארן. דער טונקעלער אויסבליק אין פענצטער האט אויף אים אנגעיאגט א מרה־שחורה און ער האט געפילט ווי צוזאמען מיט דער טונקלקייט אין דער לופט שפרייט זיך אויך אין זיין נשמה א טונקלקייט.

ער איז צוגעגאנגען צום אלמער, וואס איז איינגעבאקן געווען פארזונקען אין דער טונקלעניש, ארויסגענומען אן איינגעבונדענעם כתב־יד מיט שאלות ותשובות, וואס זיין זיידע, ר׳ יהושע העשיל לבוב, האט דארט אריינגעשטעקט, און זיך אריינגעזעצט אין א שטול, אראפגעלאזט דעם קאפ אויף די הענט און געטראכט וועגן דעם, וואס עס קומט פאר אין זיין משפחה, אין שטאט, אין גאנץ רהייניש־לאנד.

אין משך פון די לעצטע יארן זיינען פאר זיינע אויגן פארגעקומען א סך געמישטע הייראטן. מילא, אין די צייטן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, פון נאפאלעאנס סנהדרין, איז עס געווען דער פרייז, וואס יידן האבן געצאלט פאר זייער רעכט, פרייהייט. אבער איצט, ווען דאס גערמאנ־טום, דאס פרייסנטום, הייבט ווידער אויף דעם קאפ און איז זיך נוקם פאר דער רעוואלוציע, — איצט זאלן יידן גיין אזוי האפערדיק צום קריסטלעכן אלטאר ?

ניין, עס וועט ניט העלפן. מען וועט ניט גלויבן די געשמדטע יידן. צום אנהויב וועט מען זיי אויפנעמען מיט אפענע ארעמס און נאכדעם וועט מען זיי ארויסווייזן די זעלבע שנאה ווי צו אלע יידן. שיקט זיך עס, אז דער געלערנטער ברודער זיינער פארשטייט ניט, אז מען וויל פטור ווערן פון יידן, ווייל זיי זיינען א „בידעריקע" ראסע, ווייל זיי קאנקורירן מיט די דייטשן און שטייגן זיי איבער אין פייאיקייט, אז זיי שווימען ארויף פון אויבן, ווי דאס פעטס פון דער מילך ?....

אט די מחשבות זיינען אים אריין טיף אין מוח און ער האט געמאכט א קלארן חשבון וועגן דער יידישער געמיינדע אין טריער, וועגן די אנדערע

קהילות פון רהײנלאַנד, פון פּרײסן. דער חשבון איז אױסגעפּאַלן לױט די רײד פון עם נביא: אַ דריטל װעלן צעזײט און צעשפּרײט װערן, אַ דריטל װעט אין דער צוקונפט אומקומען מיט שװערע יסורים פון דער שװערד, און אַ טײל װעלן נאָך אַ לאַנגע צײט טראָגן די מאַסקע פון דײטשע קריסטן. אױב זײן ברודער פאַרשטײט עס ניט, װעלן עס אפשר שפּעטער פאַרשטײן זײנע קינדער. זײ װעלן שױן אינגאַנצן פאַרגעסן אין גאָט, אָבער קײן קריסטן װעלן זײ אױך ניט בלײבן. זײ װעלן מסתמא טראָגן אַ האַס צום קרײץ ניט װײניקער װי צו זײער שטאַם... יעדנפאַלס, דאַנקבאַר פאַרן שמד װעלן זײ ניט זײן.

און װאָס װעט זײן מיט דער תורה פון זײנע עלטערן? — האָט ער זיך אַלײן געפרעגט, און געענטפערט אין מחשבה: די תורה, די כתבים דאַרף מען באַגראָבן אױפן בית־עולם, לעבן די בײנער פון זײדן, פון טאַטן. און אַז ס'װעט קומען די גאולה און אַלע טױטע װעלן לעבעדיק װערן, װעלן אױך אױפשטײן תחית המתים די הײליקע כתבים, װאָס ער האָט באַגראָבן.

ער האָט זיך אױפגעהױבן פון שטול, איז אַראָפּ פון די טרעפּ און גע־װאַרט אױפן װאָגן, װאָס זאָל אים פירן צום בית־עולם, װײט הינטער דער שטאָט, אין דעם טײל װאָס מען רופט געאָרגמינד, הינטער דעם שלאַכט־הױז...

אױפן פעלד, צװישן טױטע װײנשטאָקן, האָט זיך געטראָגן אַ פײכטער װינט, װאָס האָט געלאָשן די אותיות אױף די אַלטע מצבות. שמואל הלוי איז לאַנג געשטאַנען צװישן צװײ אַלטע מצבות און תפילה געטאָן, און אַז ער האָט סוף־כל־סוף אױסגעשטרעקט די האַנט און אַרײנגעשטופּט די כתבים אונטער דעם צעשפּאָלטענעם שטײן, האָבן זײנע ליפּן געמורמלט אַ פּסוק פון יחזקאל:

„און איך װעל עפענען אײַערע קברים און װעל אײַך אױפהײבן און װעל אײַך ברענגען אין דעם לאַנד פון ישראל."

דער װינט האָט געפײפט, װי אַ קרעכץ װאָלט אַדורך צװישן די מצבות.

• • •

פאַרנאַכט, װען ר' שמואל לבוב האָט זיך צוריקגעקערט אין שטאָט, האָט ער לאַנג געקוקט אױף די טרוקענע װײנשטאָקן, װאָס דער װינט האָט גע־בױגן צו דער ערד. אַ שנײַדנדיקע קעלט האָט געיאָגט פון טײך. די טורעם־

שפּיצן פון דער סט. לוקאַס קירכע האָבן געגלאַנצט קאַלט פאַר זיינע אויגן. פון די קיילעכיקע פענצטער האָט געשטאָכן אַ קליין ליכט. און אַז ער האָט אַוועקגעקערט די אויגן, ניט געוואָלט קוקן אויף דער טומאה, האָבן זיך פון אינעווייניק געטראָגן די קלאַנגען פון אָרגל. אַ פרעמדן ריח האָבן אויפ־געבראַכט די קלאַנגען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ ניט ווייט, אין דער סאַנטאַ־באַרבאַראַ־גאַס, האָבן דורות יידן זיך פאַרטיפט אין תורה און גע־צויגן אַן אייגענעם ניגון — דעם זעלבן ניגון, וואָס האָט געקלונגען אין פומבדיתא, אין וואָרמס און אין רש״יס ווינגאָרטן אין טרואַ. און איצט וועפּט זיך דער ניגון אויס. ער איז דער לעצטער, דער לעצטער רב פון טריער...

אין שאָטן פון קרייץ

אַ טונקעלע נאַכט. טריער ווינטערט. די שיטערע ביימער אין גאַס קלינגען רוישיק אין ווינט. אַ גאַסן־צינדער גייט אום מיט אַ פאַקל און צינדט אָן די לאַמטערנס. דאָס ליכט פאַלט שטיל אויף דער ברוקער־גאַס, וואו צווישן קליינע הייזער הויבט זיך אַרויס דאָס צוויי־גאָרנדיקע הויז פון אַדוואָקאַט הערשל־היינריך מאַרקס.

אין הויז שלאָפן אַלע. נאָר דעם אַדוואָקאַטס פרוי, די נייך־און־צוואַנציק־יעריקע העגריעטע איז וואַך. זי ליגט אין בעט און דער מוח וואַרגט זיך פון מחשבות.

אין איר לייב שלאָגט דאָס בלוט פון פרומע זיידעס. לאַנג שוין, אַז די זיידעס זיינען אַוועק פון אונגאַרן און פוילן, און אַלע האָבן זיי געבראַכט מיט זיך אין זייערע בליקן דעם יידישן שטאָלץ און די שרעק פאַר גויים, די אימה פאַר צלמים און גלאָקן.

אין אַלמער וואַלגערן זיך נאָך ספרים פון איר זיידן, דעם רב פון אַמסטערדאַם, פון איר שווער, דעם טריערער רב. ער שטייט איר פאַר די אויגן, דער שווער. אַזויפיל מילדקייט האָט ער געטראָגן אין זיין בליק און אַזאַ ווייכע העלקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין פנים. און זיין דייטש לשון, געמישט מיט פוילישן יידיש, האָט געקלונגען אַזוי היימיש.

דער אַלטער איז שוין לאַנג טויט. ביי איר אין הויז איז אומעטיק און גויאיש. און מאָרגן גייען אַלע אין דער סט. לוקאַס קירכע, אַנטקעגנאיבער דער אוניווערסיטעט־געביידע.

שוין אַ יאָר צייט, אַז איר מאַן, דעם אַדוואָקאַט, ציט צו שמד, ווי אייזנ־שטויב צו מאַגנעט. ס'איז אים שווער ביי צוקומען די שטעכווערטער פון זיינע קאָלעגן, וואָס דערמאָנען אים אַלעמאָל, אַז יידן האָבן זיך צופיל געחברט מיט די פראַנצויזן, אַז קיין ייד קאָן ניט זיין קיין פאַטריאָט פון פרייסישן שטאַט...

קאַרל, איר איינציקער זון, איז אַלט זעקס יאָר. ער האָט ליב זיין מוטער. ער באַאומרואיקט זי אָבער מיט זיינע פראַגן. מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער אַריינגעלאָפן מיט אַ בוך אין האַנט און געפרעגט: פאַרוואָס שרייט מען אים נאָך „יודע, העפ, העפ!"? זי האָט אים עפּעס געענטפערט, אָבער איר ענטפער האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט.

פאַרנאַכט איז היינריך אַהיימגעקומען און אַ גאַנצע נאַכט צו איר גע־רעדט, אַז דער איינציקער תכלית פאַר זיין צוקונפט און פאַר דער צוקונפט פון די קינדער איז דאָס שמד־וואַסער. שוין דריי טעג, אַז אירע אויגן פייכטן.

דער ווינט אין דרויסן וואָיעט שטאַרקער, רייסט אויף אַ לאָדן.

לויט ווי איר פעטער האָט איר דערציילט, האָט איר פאָטערס משפחה אויסגעוואַנדערט, בשעת אַ גזירה אין פערצנטן אָדער פופצנטן יאָרהונדערט, פון דער רהיינישער פּראָווינץ קיין אונגאַרן, און אין אַכצנטן יאָרהונדערט זיך אומגעקערט פון אונגאַרן קיין טריער. פון שטענדיק אָן איז יידן שלעכט געווען אין דייטשלאַנד. אין לעצטן יאָרהונדערט איז, פונדעסטוועגן, געווען בעסער, און איצט טרעטן זיי ווידער אַרויס ווי יידן־פיינט.

דער זייגער קלאַפּט אויס פינף. הענריעטע גייט מיט שוואַכע טריט אַראָפּ פון בעט. גייט אַריין אין קיך. אירע אויגן זייבען רויט פון וויינען און פון ניט־שלאָפן.

פרימאָרגן. אַ צעריסענער פלעק ליכט אין גרויען הימל. די זון איז דאָ און ניטאָ. אַ הייזעריק קול פון בעזעמער. לאָפּעטעס גלאַנצן, ווי אייז וואָלט געוואָרן שטאָל. שניי, שניי.

די משפחה מאַרקס גייט צו דער סט. לוקאַס קירכע. פאַראויס גייט דער פאָטער מיטן יונגן קאַרל. די לעפלעך פון קאַרלס אויערן רויטלען זיך אין פראָסט. נאָכן פאָטער און זון — הענריעטע מיט די צוויי עלטערע טעכטער. די מיידלעך וואַרעמען זייערע הענט אין די מופטעס. פאַר דער קירכע שטייט אַ קרענצל ייִנגלעך, רוימען זיך איפּן אויער, סוד'ען זיך אין דער שטיל...

ביים אַריינגאַנג באַגעגנט זיי דער הויכער בלאָנדער פּאַסטאָר מיט אַ צופרידענעם שמייכל. אַ קירכן־באַדינער פירט זיי צו העפלעך צום אַלטאַר, ווייזט זיי אָן אויף די זיץ־פּלעצער. אין קירך איז טונקל און שטיל. דער

אָרגל שפּילט־אויף אַ פראַגמענט פון אַ הייליקער תפילה. ווען די אַקאָרדן שטאַרבן אָפּ, שעפּטשעט העגריעטע אַריין אין מאַנס אויער:

— היינריך, איז דאָס טויפן זיך ניט אַ פאָרם פון זעלבסט־פאַר־לייקענונג?

קאַרל און די מיידלעך קוקן פאַרחידושט אויפן אַלטאַר, וואו דער פאַר־פרומטער געקרייציקטער גאָט קוקט אויף זיי מיט צער אין די אויגן.

— די צוקונפט פון די דאָזיקע קינדער, — ווייזט איר היינריך אָן מיט אַ בליק, — איז פאַר מיר וויכטיקער ווי סענטימענטאַלע צוגעבונדנקייט צו אַ גלויבן.

דער אָרגל שפּילט־אויף נאָך אַ נומער, און ווידער ווערט שטיל. דעם פּאַסטאָרס ווערטער פליסן רואיק און פרומלעך. ער טונקט איין זיין פינגער אין אַ געל־מעשענעם שיסעלע און באַנעצט יעדן איינעם פון דער פאַמיליע.

— אין נאָמען פון פאָטער, זון און הייליקן גייסט, ווערט איר דורך דער באַשפּריצונג ווידערגעבוירן און אַריינגענומען אין דער גנעדיקער שויס פון דער עוואַנגעלישער קירך. — — — דאָס געמיטלעכקייט פון זיין קול פאַרוויגט די ברעמען.

ביים פאַרלאָזן די קירך הערן זיך די קלאַנגען פון קירכען־גלאָקן. אַלע פינף שווייגן. דער שניי בלענדט די אויגן. פון דער מוטערס אויגן פליסן טרערן.

פּאָטער און זון

פאַרנאַכט גייט דער טריערער אַדוואָקאַט היינריך מאַרקס מיט זיין פּופּצן־יאָריקן זון קאַרל אין דער קאַפע פון „ברוינעם הירש“. אויף אַן אָנגעצונדענעם זוים פון הימל צייכענען און מאָלן זיך שפּיצן פון טורעמס איבער אַלע דעכער פון דער רוימער שטראָסע. ליכט פלעמלען אין די לאַמטערנס. ביים יינגל איז „מאַטורע“־צייט. ער פאַרענדיקט די הויך־שול און גרייט זיך פאָרן קיין באָן שטודירן.

דער אַדוואָקאַט שמועסט מיט זיין זון ווי מיט אַ גרויסן. ער גיט אים צו פאַרשטיין ווי בעסער ס׳איז דעם דור פון זון פון זיינעם. „יינגלוויז — דערציילט ער אים — האָב איך אַמאָל שפּאַצירט אויף דער גאַס. פּלוצים גייט־צו צו מיר אַ בירגער און וואַרפט אַראָפּ מיט איין קלאַפּ מיין היטל אין דער בלאָטע און רופט אויס: ׳יוד, אַראָפּ פון טראָטואַר!׳ “

— איז וואָס האָסטו געטאָן?

— כ׳האָב אויפגעהויבן דאָס היטל — ענטפערט דער פאָטער געלאַסן — און בין געגאַנגען אין מיטן גאַס.

דער הויכער און ווירדיקער פאָטער פאַרקלענערט זיך אין די אויגן פון זיין זון. דערפאַר אָבער שעפּט דער פאָטער נחת פון קאַרלען. אין דער הויך־שול איז ער דער אויסגעצייכנטער צווישן אַלע תּלמידים פון זיין קלאַס און האָט דאָרטן פּריווילעגיעס. מען פאַרגעסט כמעט זיין יידישן אָפּשטאַם. זיין וויסן איז מכפּר אויף זיין שטאַם. אָבער דווקא ווייל ער געפעלט די לערער, איז ער גרויס אין די אויגן פון די חברים, די שילער. זיי לאָזן אים וויסן, אַז ער זעט ניט אויס ווי קיין דייטש... אַז ער איז ענלעך אויף אַ מור...

• • •

אַ ווינטער איז פאַרביי.ביימער ציען אויס נייע, יונגינקע צווייגעלעך. פרילינג. רייכע צייטיקייט פון זומער. איבער די פעלדער אַרום טריער ציען זיך לאַנגע פּאַראַלעלע שורות פון וויינשטאָקן, וואָס ווערן רייף אין

שפעט־זומער. און ווידער איז ווינטער. זילבער־האַריקע ביימער בויגן זיך און ברעכן זיך ניט... ס׳בייטן זיך די סעזאָנען פון יאָר. די נאַטור חזרט זיך אַליין איבער דורך אַ שטענדיקן הין־און־צוריק. בלויז דער מענטש שטייגט, פּראָגרעסירט.

קאַרל איז נאָך אין שול און זיין קאָפּ איז שוין אין דרויסן. ער איז מיד צו הערן די לערער. באַזונדערס פּריקרע איז אים דער לערער פון רעליגיע. אַלע זיינע מחשבות קרייזלען זיך אַרום גלויבן און ער פּאָדערט, אַז די תלמידים זאָלן גלויבן אין זאַכן וואָס זיי קאָנען זיך ניט אויסמאָלן אין שכל אָדער זיינען קעגן דער נאַטור. קאַרל אָבער . . . ער וויל זיך דערגרונטעווען צום וואָרצל פון יעדן געדאַנק. דערפאַר האָט ער ליב פילאָ־סאָפיע און ניט־גערן מוזיק, ווייל זי ווערט אויפגענומען מער מיטן געפיל ווי מיטן שכל, מער מיטן האַרץ ווי מיטן קאָפּ.

און קאַרל מאַרקס לייענט אַ סך אויסער דער שול. עמעצער שענקט אים יאָהאַן העגעלס שריפטן און ער היט זיי אָפּ ווי אַן אוצר — ניט נאָר צוליב דעם שיינעם דרוק און שיינעם איינבאַנד. גערעכט איז דער, וואָס האָט געזאָגט: די בעסטע ספרים זיינען די יעניקע, וועלכע דער לייענער מיינט, אַז ער איז זיי אַליין בכח צו שרייבן... ניין, וועלכע זיינען אין זיין ווילן צו שרייבן, ווייל זיי רירן אָן זיין עצם איך.

פונקט ווי אין דעם 17טן יאָרהונדערט איז די מאַטעמאַטיק געווען דער יסוד פונעם גאַנצן פילאָסאָפישן בנין, אַזוי איז איצט, אינעם 19טן יאָרהונדערט, די נאַטור־וויסנשאַפט דער גרונט פון מענטשלעכן געדאַנק. אָט די לערע שטייט אין צענטער פון דער אַקאַדעמישער וועלט און איז דאָס געשפרעך פון טאָג. גלחים און נאַטור־פאָרשער אַמפּערן זיך און ס׳איז אַ מלחמה צווישן גלויבן און דער וויסנשאַפט. די זעען די וועלט אַ פאַרטיקע, אַ שלמותדיקע און באַוועגונגסלאָזע. די אַנדערע זעען אייביקע באַוועגונג און פאַרענדערונג... און אַ געדאַנק הייבט זיך פלוצלונג אָן אויסצואוויקלען ביי קאַרלען: דער מענטש הייבט זיך אָן מיט דער חיה און שטענדיק האָט ער געקעמפט צו באַהערשן די אַרומיקע נאַטור, זיך ניט אָפּגעטיילט פון זיין סביבה. ס׳ווייזט זיך אים אויס, אַז ערשט איצט האָבן זיך אויפגעעפנט זיינע אויגן צו פאַרשטיין וואָס ער האָט געלערנט אין דער געשיכטע.

די צייט פון די עקזאַמענס קומט אַלץ נעענטער. און אָפט איז ער פאַר־

טראַכט, צי וועלן זיינע פּעדאַנטישע לערער זיין צופרידן פון אים? די דאגות צערינען אין אים ווי לייכטע וואָלקנדלעך אין אַ פרילינג־טאָג, און ווידער נעמט אים אַרום אַ פרייד. ער איז דער בעסטער אין זיין קלאַס, און מיטן ענדיקן די הויך־שול זיינען פאַרבונדן אַזויפיל האָפענונגען אַריינצוטרעטן אין דעם אוניווערסיטעט פון באָן!

אָונט. שטערן שימערן אין הימל ווי פאַרביק גלאָז. אין הויז פון היינריך מאַרקס ברענט אַ נאַפט־לאָמפּ. בילדער אויף די ווענט. שאַפעס ביכער מיט די ווערק פון וואָלטער, פון האָלבאַך, דידראָ. די מוטער נעמט אַראָפּ פון טיש. דער פאָטער שפּאַרט אונטער מיט איין האַנט זיין מידן קאָפּ. הינטער אים שפּרייט זיך אַ לאַנגער, שוואַרצער שאָטן. פאַר אים שטייט אַ גלאָז טיי, וואָס האָט אַ מראה פון ביר.

— יאָ, קאַרל, די לאַגע אין הויז איז אַ שווערע. אָבער דו זאָרג ניט פאַר געלט. וועסט פאָרן קיין באָן. אָבער קלייב דיר אויס אַ פּראָפעסיע לויט דיין האַרצנס באַגער.

קאַרל דערלאַנגט אים זיין שריפטלעכע אַרבעט פאַרן פאַרענדיקן די גימנאַזיע — „געדאַנקען פון אַ בחור פאַרן וויילן אַ פּראָפעסיע“ — און דעם פאָטערס אויגן פאַלן אויף עטלעכע שורות, וואָס דער לערער האָט אונטערגעשטראָכן מיט רויטער טינט:

„ניט שטענדיק זיינען מיר ביכולת אויסצוקלייבן די פּראָפעסיע, צו וועלכער מיר פילן אַ נייגונג: אונדזער לאַגע אין דער געזעלשאַפט הייבט זיך אָן, ביז אַ געוויסער מאָס, איינשטעלן פריער, איידער מיר זיינען בכח אָנהויבן ווירקן אויף איר.“

דער פאָטער שמייכלט פאַר נחת. אָן אָריגינעלער געדאַנק. ער פילט, אַז זיין זון וואַקסט, וועט דערגרייכן דאָס, וואָס ער האָט ניט דערגרייכט.

ג

אין פרילינג און שטורעם

דער סוחר און זיין זון

עס ווערט נמאס צו זיצן גאַנצע טעג ביים פאָטער אין פאַבריק. שוין עטלעכע מאָל איז דער אַכצן־יאָריקער משה העס פאַרשוואונדן בייטאָג פון בּיוראָ — דער טאַטע האָט זיך אומגעקוקט און זיך פּשוט געחידושט. שפּעטער, ווען דער זון קומט אַריין, קוקט אים דער טאַטע אין די אויגן און פרעגט:

— מאָריץ, וואו ווערסטו עס פאַרפאַלן?

דער זון שווייגט. ער זעצט זיך אַוועק ביים טיש, נעמט דעם רעכענונג־בּוך און בלעטערט אים:

— זאָג, פאָטער, דו האָסט אויך געלערנט ווי דער זיידע?

— אַוודאי, יונגערהייט אַ סך געלערנט. נאָך מיט דיין עלטער־זיידן, ר' טעוועלע מאַנהיימער.

— אויף וואָס האָסטו אויסגעשטודירט?

— וואָס שטעלסטו מיר אַזעלכע פראַגעס, מאָריץ?

— אָט, ענטפער מיר: אויף וואָס האָסטו אויסגעשטודירט? אויף אַ צוקער־פאַבריקאַנט, אויף אַ געשעפטסמאַן?

דוד העס איז איבערראַשט פונעם זונס פראַגעס. די באַקן ביים זון זיינען בלאַסע. דעם טאַטנס — רויטע, באַדעקט מיט יענער יונגער פריש־קייט, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר געזונטע מענער. דער פאָטער וויל זען אין זון דעם, וואָס וועט ביי אים, שפּעטער מיט יאָרן, איבערנעמען דאָס צוקער־געשעפט, אַלע זיינע סוחרישע טראַדיציעס, וואָס ער האָט אָנגעקליבן פאַר יאָרן לאַנג, נאָך פונעם זיידן און פונעם עלטער־זיידן.

— מיר זיינען געשעפטסלייט פון קדמונים, מיין מאָריץ. דו שטעלסט ניט קיין קלוגע און איבעריקע פראַגן.

שפּעטער אַביסל האָט דער מיטליעריקער סוחר פון דער זייט גע־קוקט צום זון, ווי ער זיצט איינגעבויגן איבערן בוך און רעכנט. עס האָט אים ניט געלאָזט רוען דער פריערדיקער שמועס, אַזאַ מאָדנער שמועס.

אין אָונט זיצט דער סוחר ביי זיך אין הויז אין אַ יאַרמולקע, קוקט אַריין אין אַ ספר און וויל פאַרט דערגייך, וואוהין דער זון ווערט פאַרפאַלן די לעצטע צייט.

— מאַריץ, אַ מאַריץ?

— יאָ.

— זאָג מיר, אַנטקעגן וואָס האָסטו אויפגעהויבן אַ רייד וועגן מיין וואוילקענען, — די ברייטלעכע נאָז, וואָס איז אויפן שפּיץ מיט הערעלעך באַזעצט, האָט זיך אויסגעצויגן. — הער אַ געשיכטע! מיר לעבן דען שלעכט? געלט איז ביי אונדז פאַראַן פון זיין ליבער האַנט. וואָס וויל ער עס?

— מיין זון, ביסט, דאַכט זיך, ניט מיט אַלעמען.

משה העס האָט זיך ווידער פאַרשלאָסן אין שווייגן. ער זיצט איבער אַ בוך, גלייך ער האָט גאַרניט גערעדט צום טאַטן. און דער פאָטער שטייט שוין לעבן אים אַנגעבויגן:

— וואָס זיינען עס פאַר אַ טענות?

דער געניטער סוחר האָט ניט געקאָנט פועלן ביים זון, ער זאָל רעדן פאַרשטענדלעך, אויף אַ מענטשלעכן לשון. פאַרוואָס פאַרשווינדט ער עס אויף גאַנצע שעהען אין משך פון טאָג?

• • •

די לעצטע צייט איז דוד העס בייז געוואָרן, באַזונדערס ווען מאַריץ איז ניטאָ אין ביוראָ. ער האָט זיך אַרומגעדרייט לעבן ליידיקן אָרט, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז מאַריץ איז אַוועק פון אים. וויפיל מאָל ער פרעגט אים:

— מאַריץ, וואוהין ווערסטו פאַרפאַלן?

ער ענטפערט ניט.

איינמאָל איז ער צוגעקומען און אַרויסגענומען אַ בוך פון זיין האַנט:

— וואָס איז עס פאַר אַ ספר?

— ס'אַ בוך „עמיל" פון רוסאָ.

— וואָס לערנסטו דאָרט? איך פאַרשטיי, — וויל דער סוחר טרעפן, — אַז ער איז איינער פון יענע, פון שפינאָזאָס חדר — דאָס באַהאַלטסטו פון מיר? פאַרקערט, איך האָב געמוזט אין דיינע יאָרן אויסבאַהאַלטן די ביבל

איבערגעזעצט אין דייטש, ווייל דער פראַנקפורטער ראַבינער הלוי הורוויץ האָט עס אַריינגעלייגט אין חרם. נו, האָט דאָך מענדעלסאָן אַליין געהאַלטן שפּינאָזאַן פאַר אַ „טויטן הונט". איך האַלט, אַז דאָס איז אַפּיקורסות, נאָר ס׳גייט מיר ניט אָן. פאַרקערט — אַ, איך ווייס שוין וואוהין דו ווערסט פאַרפאַלן. — דער פאָטער איז זיך מחיה וואָס ער האָט סוף־כל־סוף געפונען דעם סוד פון זיין זונס ענדערן זיך פאַר דער לעצטער צייט. — האָב איך צו דיר, מאָריץ, איין ביטע: דו נעם דאָס ביכל אין פאַבריק, לייען עס אין ביוראָ. האָסט אָפּגעאַרבעט — לייען דיר געזונטערהייט. וואָס דאַרפסטו לייענען באַהאַלטענערהייט?... איך האָב געוואוסט געשעפט און אַמאָל אַריינגעקוקט אין מענדעלסאָנס ביאור. מעגסט זיך לערנען ביי מיר. איך פלעג זיך אויך באַהאַלטן פאַר מיין טאַטן און שפּעטער פאַר מיין שווער, פאַר דיין זיידן. נו, מיין פאָטער איז דאָך געווען פון פראַנקפורט, אַ שוועסטערקינד פונעם רב און חסיד ר׳ פנחסל הורוויץ אויס רוסיש־פוילן, האָט ער מורא געהאַט פאַר יעדעס בוך פון אויפקלערונג, אויסער, פאַרשטייט זיך, פאַר הייליקע ספרים. האָסט מיך פאַרשטאַנען, מיין זון?

ביי דוד העסן איז דאָס בערדל געווען צעשויבערט. אַ דין, שאַרף פייערל האָט זיך געשניטן פון די אויגן. זיי האָבן געוואָלט אויסזען באַזיניקטער, איבערצייגנדיקער.

דעם זון האָט עס ניט גערירט. וואָס זאָל ער גיין דערציילן דעם טאַטן וועגן די שמועסן ביי זיי, ביי די סטודענטן פון דעם העגעלשן קרייז?

משה העס איז געווען פון די יינגסטע אינעם סטודענטן־קרייז פון דער קעלנער הויך־שול. קיין צופיל אַלגעמיינעם וויסן און קיין פּראַקטישן שכל האָט ער ניט געהאַט. דערפאַר האָט ער גערירשנט פון זיין זיידן, ביי וועמען ער האָט זיך אויפגעצויגן ביז זיין 14טן יאָר, אַ דאַרשט צו לערנען און אַ בענקעניש נאָך דער גאולה. זיין זיידע האָט אַנטפּלעקט פאַר אים דאָס באַהאַלטענע ליכט פון די ספרים, און אַז ער איז נאָך זיין זיידנס טויט געקומען צום טאַטן אין קעלן און האָט אויפגעהערט לערנען די אַלטע יידישע ספרים, איז שפּינאָזאַ געוואָרן זיין וועג־ווייזער און אין בוך „עמיל" פון רוסאָ האָט ער געפונען שפּייז פאַר זיינע וויזיעס וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט פאַר דער מענטשהייט.

איינמאָל אין אַן אויפדערנאַכט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ סטודענט, פון וועמען ער האָט געהערט וועגן פילאָסאָף פרידריך שלעגעל, וועלכער

האָט געלייענט לעקציעס אין באָנער אוניווערסיטעט; וועגן „קעניגרייך פון גייסט", וואָס געפינט זיך אין באָן, און וועגן דעם דאָרטיקן קלוב פון די „יונגע העגעליאַנער".

ביים יונגן העס האָבן זיך די באַקן אָנגעצונדן:

— עך, באָן!

ער האָט באַקומען חשק צו פאָרן שטודירן אין באָן. זען נאָכאַמאָל די שטאָט, אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן. און ער האָט אַ פאַרחידוש־טער געקוקט אויפן סטודענט. פון דער באַגעגעניש איז משה העס אַרויס אַ דערמוטיקטער, מיט אַ שטאַרקן ווילן צו פאָרן קיין באָן שטודירן.

זיין טאַטנס פאַבריק, די אויוונס און די רעדער, וואָס רוישן מיט זייער שטויביקן גאַנג פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט, זיינען אים איצטער באַזונדער נמאס געוואָרן.

דער טאַטע באַגעגנט דעם זון אויפן שוועל, דערזעט גלייך זיין אויפ־געדעגטקייט. ער פרעגט עפּעס. דער זון ענטפערט ניט, גייט גלייך אין שלאָף־צימער, טוט זיך אויס, דעקט זיך איבער און וויל גאָרניט הערן.

וואָס טוט זיך מיטן יונג? צי וועט עס ברענגען צו אַ גוטן סוף?

אויף מאָרגן. די גאַנצע ביוראָ איז געווען פול דעם גאַנצן טאָג. גע־שעפטסלייט זיינען געקומען. מאָריץ איז ניטאָ. כאָטש פאַרשרייב אַליין אַלע באַשטעלונגען.

אין אָונט. דער יונג קומט אַהיים, פאַרשווינדט אין זיין שלאָף־צימער. דער פאָטער צינדט זיך אָן:

— וואָס וועט זיין? דעם טאַטנס, דעם זיידנס געשעפט געפעלט דיר ניט? דריי דורות אַז די העסעס זיינען צוקער־פאַבריקאַנטן — דיר שטייט עס ניט אָן!...

דער יונג איז געלעגן אונטערן דעק און געהערט ווי דער פאָטער בייזערט זיך. ער האָט אַפילו דעם קאָפּ ניט אַרויסגעשטעקט. דער פאָטער האָט געפאָכעט מיטן תהילימל אין האַנט, געקלאַפּט אין טיש:

— וואָס איז עס פאַר אַ פרעכהייט?!

שפּעטער שטעלט דער יונג אַרויס זיינע אומעטיקע אויגן:

— איך וויל פאָרן קיין באָן, אין אוניווערסיטעט... איך וויל נאָכאַמאָל זען דעם זיידנס הויז.

— אָדער אין אוניווערסיטעט, אָדער אין דעם זיידנס קלויז... פֿאַרריקט, משוגע, מטורף!

שפּעט ביינאַכט האָט זיך דוד העס אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און געוועקט זיין זון:

— זאָג מיר, ווער הערשט איבער דיר? וועלכער ווילדער גייסט? ווער איז עס דער מענטש?

דער פאָטער האָט געטראַכט וועגן זיין מסחר, וואָס גייט נאָך ביי אים בירושה פון יענע פרומע עלטער־זיידעס אין ווייטן און אין פרעמדן לייפּציג. דער זון איז געשמאַק געשלאָפן.

אין דער אוניווערסיטעט־שטאָט

דער באָנער אוניווערסיטעט איז באַרימט אין גאַנץ דייטשלאַנד. אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע איז ער פאַרמאַכט געוואָרן, אָבער אין 1818 איז ער צוריק געעפנט געוואָרן אויפן באַפעל פון פרידריך ווילהעלם דעם דריטן.

אין 1818 האָט דאָרט געלערנט היינריך היינע. דאָ האָבן געלייענט זייערע פאָרטראָגן די באַרימטע פּראָפעסאָרן. עס איז געווען פריילעך אין קעניגרייך פון גייסט.

און דאָך פילט זיך דער יונגער משה העס ניט איבעריק היימלעך אין דער אַקאַדעמישער שטאָט. פון זיין משפחה איז שוין אין באָן קיינער ניטאָ. באַלד נאָכן זיידנס טויט האָט זיין יינגערער פעטער פאַרקויפט דאָס הויז און זיך אַריבערגעצויגן קיין פראַנקפורט. צופיל יידישע סטודענטן זיינען אין אוניווערסיטעט ניטאָ. העס בענקט נאָך אַביסל היימישקייט.

די פּאָר וואָכן וואָס העס געפינט זיך אין זיין געבורט־שטאָט, איז ער ווייניק געשלאָפן. צו וועמען פאַרפאָרן האָט ער ניט געהאַט. ער איז פאַר־פאָרן אין סטודענטן־האָטעל און געוואַרט, אַז ער וועט אפשר קריגן אַ באַזונדער צימער אין אַ פּריוואַט הויז, ביי אַ יידן, וואו עס זאָל אים זיין היימלעכער.

אין האָטעל־צימער איז צוזאַמען מיט אים איינגעשטאַנען דער סטו־דענט עדגאַר לעהרען. לעהרען איז געווען זייער אָרעם. קיין באָן איז ער געקומען אָן אַ פעניג געלט. אַ קרוב פון דער רייכער לעהרען־משפחה אין אַמסטערדאַם, פלעגט ער פון צייט צו צייט קריגן צוגעשיקט עטלעכע מאַרק און לעבן דערפון.

פון זינט העס איז געקומען אַהער, האָט זיך לעהרען דערפילט שטאַרקער ביי זיך, וויל העס האָט מיט זיך געבראַכט אַביסל געלט, איז וועט מען זיך שוין דורכדרייען אַ שטיקל צייט. וואָר שמועסט, אַז דער נייער שכן איז נאָך דערצו אַ גוטהאַרציקער!

דער ערשטער געשפּרעך צווישן לעהרענען און העסן:

— מעגסט שוין, פּריינט, אַוועקוואַרפן דיין געטאָ־קליידער און אָנטאָן אַ סטודענט־גאַרניטור.

העס שלאָגט אים איבער:

— וועלכע געטאָ־קליידער?

— נו, דיין קעלנער אָנצוג. ווער אַ סטודענט און קום אין וויין־קעלער, אין ביר־האַלע. באַקען זיך מיט די סטודענטן.

העס צעשמייכלט זיך:

— וויין, ביר... און וואָס איז מיט דעם העלעגיאַנער קלוב? מיטן פילאָסאָפישן קרייז?

אין דער אוניווערסיטעט־שטאָט איז לעבעדיק. די סטודענטן זיצן אין וויין־קעלערס, טרינקען אין גלאָז נאָך דער צוויטער, רויכערן ליולקעס, דעקלאַמירן ליבע־לידער און רעדן וועגן מיידלעך. נאָכדעם שיפּט מען זיך איבערן טייך. העס פאַרברענגט אָבער דאָ זייער ווייניק. אַמאָל לאָזט ער זיך פאַרפירן פון זיין חבר, זיצט אָפּ אַ שעה אין קעלער, הערט זיך צו צו די וויצן און צום הילכיקן געלעכטער, און פאַרשווינדט. עפּעס ווי אַ געהיימער כח וואַלט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער ביר־האַלע אין דער טיפער נאַכט אַריין.

העס האָט דעם ברייטן וואוקס פון זיידן — דאָס לאַנגע געזיכט מיט די גראָע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געקוקט אויף אים מיט געבעט, מיט רחמים, שוועבט אַנטקעגן אים. ער פילט, אַז עס שלאָגט אין אים דעם זיידנס בלוט, די טרויעריקע גוטסקייט פון דער מאַמען.

אין יונגן עלנט בלאָנקעט העס אַרום איינער אַליין און טראַכט וועגן זיידן, וועגן זיין גאָס און זיין שטוב. ער האָט ליב אַרומצוגיין דווקא אין די נעכט, ווען לאַמטערנס ווערן אויסגעלאָשן און די טונקלקייט דעקט צו די הייזער. ער האָט אויך ליב דעם טרויעריקן קלאַנג פונעם ווינט, וואָס יאָגט אָן פון רהיין איבער דער רחבות פון די גאָסן. ער גייט אום מיט זיין אומעט הינטער דער שטאָט, לעבן בית־החיים. ברייט און אָפן וויאַנען דאָ די גראָזן. דאָס גאַנצע פעלד איז פול מיט אַ סודותדיקער אומרואיקייט, מיט אָנזאָגן אויף גרויסע געשעענישן. ער פילט ווי די גראָזן פרישן אָפּ זיין האַרץ, זיין טריב געמיט.

שפּעט ביינאַכט קומט ער אין צימער. זיין חבר שנאַרכעט שוין. ער

זעצט זיך אַוועק און לייענט, חלומט וועגן זיידן, וועגן דער מאַמען, און שרייבט עפּעס אָן.

לעהרען כאַפּט זיך אויף:

— וואוהין ביסטו עס פאַרשוואונדן? טראַגסט זיך נאָך אַרום מיטן וועלט־שמערץ? ס'איז דאָ אַ בריוו פאַר דיר.

עס שרייבט דער פאָטער, אַז ער זאָל זיין באַשיידענער מיטן געלט, ווייל עס איז ניט פאַר זיינע כוחות אים אויסצוהאַלטן לאַנג אין אוניווערסיטעט. ער איז אים נויטיק צום געשעפט. משה העס לייענט איבער דאָס בריוו און נעמט זיך מיט נאָך מער אימפּעט צום שרייבן.

דער הויך־געלערנטער ברונאָ בויער, דער פירער פונעם העגעליאַנישן קלוב אין בערלין, האָט באַקומען אַ קאַטעדרע אין באָנער אוניווערסיטעט. נאָך דער ערשטער לעקציע הויבן זיך אָן לאַנגע דיסקוסיעס וועגן רעכט און מאַכט, גאָט און קייזער, וויסנשאַפט און פרייהייט. בויער זידלט די אַלטע העגעליאַנער, באַווייזט, אַז העגעל איז דווקא געווען אַן אַטעאיסט.

מיד פון די דיסקוסיעס, לאָזט מען זיך דערנאָך אין ביר־האַלע. די עלטערע סטודענטן רינגלען אַרום דעם פּראָפעסאָר, פרעגן זיך נאָך אויף דעם שוואַרצן קערל פון טריער, קאַרל מאַרקס, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק פאַרלאָזן באָן און איז אַוועק קיין בערלין.

— דער קערל וועט נאָך עפּעס גרויסעס באַשאַפן. ער איז גרייט צו איבערראַשן די וועלט מיט נייע פילאָסאָפישע געדאַנקען, — ענטפערט דער פּראָפעסאָר און שמייכלט הינטער דיברילן.

איינער פון די סטודענטן לייענט פאַר אַ בריוו, וואָס ער האָט געפונען אין מאַרקסעס צימער. דער בריוו איז צום פאָטער. ווייזט אויס, פאַרגעסן אַוועקשיקן. עס ווערט שטיל. אַלע הערן זיך צו פאַרטיפט:

„. . . איין פאַרהאַנג איז געפאַלן, מיין אַלע הייליקסטעס צעריסן, און עס מוזן נייע געטער אַריינגעזעצט ווערן. פון דעם אידעאַליזם בין איך געקומען צו דעם, אַז מען מוז זוכן די אידייען אין דעםווירקלעכן לעבן. אויב די געטער האָבן פריער געלעבט איבער דער ערד, זיינען זיי איצט געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער ערד. איך האָב געלייענט שטיקער פון העגעלס פילאָסאָפיע, און אירע גראָטעסקע פעלזן־מעלאָדיעס געפעלן מיר גאָרניט. נאָר איינמאָל וויל איך זיך אַרונטער־

לאָזן צו דעם אָפּגרונט פון דעם ים, מיט דער באַשטימטער כוונה צו געפינען די גייסטיקע נאַטור, פּונקט אַזוי נויטווענדיק, קאָנקרעט און אָפּגעזונדערט ווי די קערפּערלעכע. ניט מער צו באַווייזן שוואַרץ־קינסטלעריי, נאָר אַרויסצוברענגען די ריינע פּערל צו דער שיין פון דער זון. . . .״

העס איז שטאַרק געריררט פונעם בריוו. ער האָט געקלערט נאָך צו וואַרטן אַ קורצע צייט און דאַן פאָרן קיין בערלין, נאָר איין וואָך האָט גע־דויערט און ס׳איז אָנגעקומען אַ שליח פון קעלן מיט אַ בריוו פון פאָטער, אַז ער מוז גלייך צוריקפאָרן צום געשעפט.

פאַרן אָפּפאָרן איז ער צוגעגאַנגען צו ברונאָ בויער:

— אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, האָט זיך שוין מאַרקס דאָק־טאָריזירט?

— יאָ, ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט שוין פאַרטיק איין באַנד, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעמאָקריט און עפּיקור.

— איז ווי אַזוי קאָן דאָס זיין? ווי איז עס מעגלעך?

— ווי איז מעגלעך, וואָס?

— איר זאָלט האַלטן אַ קאַטעדרע און מאַרקס זאָל נאָך אַלץ זיין אַ סטודענט?

ברונאָ בויערס אויגן האָבן זיך וועלפיש אָנגעצונדן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש:

— שווייגן, יודע! רעספּעקט!

די באַגעגעניש

משה העס אַרבעט ביי זיין פאָטער אין צוקער־פאַבריק. די פאַבריק געפינט זיך אין האַרץ פון האַנדל־צענטער. ס׳איז דאָ שטענדיק ראַשיק און טומלדיק. אַ גאַנצן טאָג איז די ביוראָ פון דער פאַבריק פול מיט מענטשן — סוחרישע זינדלעך, מיטלמעסיקע אינטעליגענטן, שלעכטע אַדוואָקאַטן — און זיי מאַכן אַן אַ טומל.

זינט קעלן און די גאַנצע רהיינישע פּראָווינץ געהערט צו פּרייסן, שווימלט און גריבלט דאָ מיט צונויפגעפּאַרענע סוחרים. מאַנכע פון זיי האַלבע אינטעליגענטן און סתם היץ־קעפּ, קומען אין פאַבריק כלומרשט זיך צו באַקענען מיטן אייגנטימערס זון, דעם מחבר פון דער „הייליקער געשיכטע פון דער מענטשהייט״. זיי האַלטן צעקנייטשטע בערלינער צייטונגען אין די הענט.

דער יונגער משה פילט זיך שלעכט אין דער פאַבריק. די באַציאונגען מיט זיין פאָטער זיינען לעצטנס פאַרערגערט געוואָרן. ער איז בייז, דוד העס, אויף זיין פילאָסאָפישן זון. פאַרוואָס מאַכט ער ניט די מינדסטע אָנשטרענגונג זיך מער אויסטויגן צום געשעפט? האָט ער דאָך אים צו־געזאָגט, קומענדיק צוריק פון באָן, אַז ער וועט זיך פון איצט אָן ווידמען דעם געשעפט. אָבער ער האָט באַלד פאַרגעסן דעם צוזאָג און זיצט אין געשעפט ווי אויף הייסע קוילן. ער דערוואַרט קוים די מינוט, ווען די ביוראָ ווערט געשלאָסן, און איילט זיך אין זיין צימער. ווי עס ווערט נאָר נאַכט, פאַרשווינדט ער ערגעץ.

ביז שפּעט אין דער נאַכט דרייט זיך אַרום משה העס איבער די גאַסן. די אויגן בלאָנדזשען אין חלל. ער איז ניט צופרידן. מיידט אויס באַקאַנטע, ענטפערט בלויז מיט אַ קאָפּ־שאָקל אויף זייער באַגריסונג.

שפּעט אין אָוונט קומט ער אַהיים און פאַרברענגט ביים שרייב־טישל ביזן גרויען באַגינען.

זיין מוח איז גאָר ניט ביים טאָטנס געשעפטן. ער טראַכט גאַנצע נעכט וועגן אַנדערע, וויכטיקערע ענינים.

„די ציוויליזאַציע, וואָס פאַרבינדט און דערנענטערט די מענטשלעכע געזעלשאַפט, די אייזערנע באַן־רעלסן, שפּרייטן זיך אויס איבערן גאַנצן לאַנד. ס׳קומען איצט לייכטער אָן ידיעות פון דער וועלט, דער עיקר פון פּאַריז, די פעסטונג פון פרייהייט.

„אין דייטשלאַנד זיינען איצט דאָ אַכט און זיבעציק טויזנט פאַבריקן און דריי הונדערט פופציק טויזנט אַרבעטער. אַ סך פון זיי זיינען גרייט צו הערן אַ מונטער וואָרט, עפּעס אַן אַפריִשנדיקן קלאַנג. אויך אין קעלן, צווישן די אַרבעטער, איז זיך שנעל צעגאַנגען דער אויפרוף פון פּאַריזער לואי בלאַן:

„ ׳די היעראַרכיע פון די קאָנסערוואַטיווע הויבט זיך אָן מיטן קייסער און ענדיקט זיך מיטן תליון.׳

„דער רהייניִשער סעים ווערט ראַדיקאַלער, קעמפעריִשער, און האָט געוואַגט צו שיקן אַ פּעטיציע מיט אונטערשריפטן צום קעניג, אין וועלכער ער בעט, אַז דער אַלמעכטיקער און אַלגענדיקער קעניג זאָל דערלויבן מען זאָל מעגן אין דער פרעסע דרוקן די נעמען פון די רעדנער, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער סיים־דיסקוסיע.

„מען שרייבט שוין אַפילו וועגן אַזעלכע נייע און פרעמדע אידייען ווי סאָציאַליזם און קאָמוניזם. די קאָרעספּאָנדענצן, וואָס היינריך היינע שיקט־צו פון פּאַריז פאַר דער ׳אויסגבורגער צייטונג׳, האָבן גענוג אינ־פאָרמאַציע וועגן סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.״

אויך ער, משה העס, וויל דאָ גרינדן אַן אָפּטיילונג פון אינטעליגענטן און אַרבעטער, וואָס זאָלן פאַרשפּרייטן די אידייען וועגן אַ ראַדיקאַלן איבערברוך אין דער געזעלשאַפט. יאָ, ער איז שוין לאַנג איבערצייגט, אַז כדי אויף דער וועלט זאָלן הערשן ליבע און גליק, פרייהייט און גלייכהייט, איז דאָ איין וועג — דאָס רייכטום דאַרף גלייך צעטיילט ווערן צווישן די בירגער און דער שטאַט מוז באַזיצן און קאָנטראָלירן די פּראָדוציר־מיטלען, ס׳גאַנצע רייכטום. אָבער ווי אַזוי קומט מען צו דעם?

לעצטנס האָט ער דאָ אין קעלן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ יונגן ראַדיקאַל, פרידריך אָסוואַלד פון באַרמען. אַ זון פון פרומע פּראָטעסטאַנטן, פאַבריקאַנטן, איז ער אַ גאַנצער ראַדיקאַל, פאַרמעסט זיך צו שרייבן אַ

ווערק וועגן עקאָנאָמיק, וואָס וועט מכן אַן איבערקערעניש. ער האָט אין אים געפונען אַן אידייען־חבר.

ער האָט לעצטנס נאָכאַמאָל דורכשטודירט קאַנטן, אַריינגעקוקט אין העגעלן. ער לייענט אַלע בייסטע פילאָסאָפישע ביכער. דער עיקר אָבער איז ער גערירט פון אַ פּאָפּולער ליד, וואָס זיין פריינט פרידריך האָט אים פּאַרגעלייענט וועגן דעם יונגן טריערער דענקער, וואָס געפינט זיך איצט אין בערלין. דאָס ליד איז געשריבן פון אַ סטודענט און איז פול מיט סאַרקאַזם און כאַראַקטעריזירט דעם גאַנצן וועזן פון דעם יונגן דענקער און רעוואָלוציאָנער: „ווער יאָגט זיך ווי אַ ווילכער אין סטעפּ? דאָס איז טריערס שוואַרצער זון מיט דער ווילדער נשמה. מיט העזהדיקן מוט בליצט דער אָדלער־בליק, און די הענט האָט ער אויסגעשטרעקט פאַראויס, ווי ערזאָל וועלן דעם הימל אַרונטערשליידערן.“

איצט, הערט ער, גרייט זיך דער יונגער מאַרקס צו ווערן אַ לעקטאָר אין באָנער אוניווערסיטעט. אַ שאָד, וואָס ער האָט אַזוי שנעל פאַרלאָזן באָן. זאָל ער זיך אפשר אומקערן קיין באָן? אָבער וואו וועט ער נעמען געלט איינצוצאָלן? אָ, ווען דער זיידע לעבט, כאָטש די מוטער! זי וואָלט אים פאַרשטאַנען. אָבער דער פאָטער? מער ווי ס'געשעפט גייט אים ניט אָן.

מאָרגן אינדערפרי גייט ער אַריבער אין פילאָסאָפישן קלוב, הערן נייעס פון באָן, פון בערלין. מען מוז זיך מער דערוויסן וועגן פראַנקרייך. דאָ, אין פאָטערס געשעפט, צווישן די דייטשע יונגעלייט, קאָן מען פאַר־שלאָפן ווערן. מיט די פראַנצויזן איז עפּעס אַנדערש.

און דער דערמאָנט זיך אין זיינעם אַ בריוו צו דעם שריפטשטעלער, וועלכן ער פאַרערט אַזויפיל — בערטאָלד אויערבאַך:

„די פראַנצויזן — וואָס זיי פאַרענדיקן שוין, הויבן מיר ערשט אָן אין אַ צייט אַרום. זיי האָבן הייס בלוט, ביי אונדז אין דייטשלאַנד זיינען אַלע פיש. איך בין אָבער אויך אַ ייד, אַן אייניקל פון די נביאים, האָב ליב פּראָטעסט און בונט.“

• • •

צוויי געשטאַלטן זיינען איבערגעבויגן איבער אַ קליין טישל. אויפן טישל איז געשטאַנען אַ ליכטל. עס האָט פון דעם געקאַפּעט דער כיילעוו. אַלעמאָל האָט איינער פון די צוויי אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געלאָזט

אָפּטריפן דעם חלב, וואָס קלייבט זיך צונויף אויבן ביים קנויט און שטיקט דאָס פייער. ווען די האַנט רירט זיך צו צום ריטשקעלע, וואו דער חלב רינט, ווערט ליכטיק אינעם קליינעם סטודענטן־צימערל פון דער קעלנער הויך־שול.

איינער פון די צוויי זאָגט:

— פרידריך, איך נעם זיך אַרויס די אויגן.

— ניין, מאָזעס, מיר דאַרפן האָבן דיינע אויגן.

שוין אַ פּאָר חדשים אַז משה העס גרייט זיך פאַרלאָזן זיין פאָטערס מסחר און אַוועק אין דער ברייטער וועלט. זיין ציל איז פּאַריז, אָבער פריער וויל ער זיך אַראָפּכאַפּן קיין באָן. ער שטודירט פלייסיק אַדאַם סמיטס עקאָנאָמישע ווערק, קאַנטס פילאָסאָפיע. ער און זיין חבר פרידריך אָסוואַלד פון באַרמען, אַ יינגערער מיט אַ קיילעכדיק בלאָנד בערדעלע. ביידע געהערן צו דער ראַדיקאַלער גרופּע. עס טרעפן טעג ווען זיי גייען ניט אַרויס פונעם ענגן צימערל, וואָס זיי האָבן אָפּגעדונגען ביים וועכטער פון דער נאַכט־שולע פאַר דריי מאַרק אַ וואָך. מאָזעס וויל פרידריכן איבערצייגן אין דעם אמת פון סאָציאַליזם. יענעם ציט מער צו עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן. איז מען פאַרטיפט אין שטודירן און שמועסן. העסן דאַכט זיך, אַז די צייט איז פאַרגליווערט געוואָרן, ניטאָ קיין טאָג און נאַכט.

פרידריך ערגערט זיך שטאַרק, ווען ער זעט ווי די ליכט גייט אויס.

— מיר וועלן היינט ניט ענדיקן די אַרבעט.

העס לאָזט ניט אַרויס די ליולקע פון מויל. ער דערזעט דעם חברס בלאָנדע וואָנסעלעך, אויף וועלכע עס איז פאַרגליווערט אַ שטיקל ביילעוו. צעשמייכלט ער זיך. העס זאָגט:

— איך וועל אויפשרייבן מיין ווערק וועגן דער אייראָפּעיאישער טריאַרכיע און נאָכדעם אַוועק קיין פּאַריז. אויב די צענזור וועט עס ניט דורכלאָזן, אַרט מיך ניט. אַהער, צו מיין פאָטער, וועל איך זיך ניט אומקערן.

— הערסט, מאָזעס, איז מעגלעך זאָלסט אַרויסקריגן אַ סומע פון דיין פאָטערס געשעפט? איך בין גרייט צוטראָגן מיין טייל, לאָמיר גרינדן אַ וואָכנשריפט פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק. מיר וועלן אויפהייבן אַ וועלט פאַר אונדזער אידייע! איך האָב אַ נאָמען פאַר דער שריפט: „געזעלשאַפטס־שפּיגל“.

העס איז געזעסן פאַרוויקלט אין קנוילן רויך און ניט געענטפערט זיין חבר. עפּעס איז ער היינט אין אַ געהויבענער שטימונג. צו וואָס גרייט ער זיך? זיינע אויגן זיינען פאַרקלערט. יאָ, געוויס, ער וואַרט אויף מאַרקסן, און אַלעמאָל איז זיין פאַרקלערטקייט אַן אַנדערע, ניט ענלעך אויף דער פריערדיקער, פונקט ווי דער איצטיקער פּלאַן צו שרייבן אַ ווערק וועגן אַ פאַראייניקטער אייראָפּע איז קיינמאָל ניט ענלעך אויף אַ פריערדיקן ליטעראַרישן פּלאַן, ווי צו שרייבן, למשל, אַ ניי ווערק וועגן שפּינאָזאַן.

וויפיל, וויפיל געדאַנקען עס פּלאָנטערן זיך אים אין מוח. אָבער קיין פּאַריז דאַרף מען פאָרן. אויך מיט די יונגע העגעליאַנער דאַרף מען זיך נעענטער באַקענען.

— ווער גייט דאָרט?

— דאַכט זיך ער, מאַרקס.

די טיר האָט אַ קרעכץ געטאָן און אין צימער האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ קורץ־וואוקסיקער, אַ פּעך־שוואַרצער מיט קוסטעוואַטע ברעמען, בליציקע אויגן און אַ ברייטע זינלעכע נאָז, דאָס פּנים אַרומגעזוימט מיט אַ געדיכטן האָר־וואוקס.

— פריינט העס?

— זייער אָנגענעם, האָב די ערע. יאָ, באַקענט זיך, פריינט מאַרקס, אַ יונגער ראַדיקאַל פון באַרמען, פרידריך אָסוואַלד!

— ענגעלס, — האָט דער יונגער בלאָנדער זיך אויפגעשטעלט און שטאַרק געקוקט אויפן גאַסט.

— איז איבער וואָס אַרבעט איר? — האָט מאַרקס אַרויסגענומען דעם ציגאַר פון מויל און זיך אָוועקגעזעצט.

— איך גרייט אַ ווערק וועגן אַ פאַראייניקטער אייראָפּע, אויב די צענזור וועט עס דורכלאָזן.

— ווי הייסט אייער ווערק?

— „די אייראָפּייאישע טריאַרכיע“.

— ווי פאַרברענגט איר דאָ, פריינט מאַרקס? — האָט זיך משה העס נאָכגעפרעגט. — האָט איר באַזוכט דעם קאַרניוואַל? דעם טעאַטער? גייט איר צו קאָנצערטן?

— אַלץ וואָס איז מענטשלעך איז מיר ניט פרעמד.

— איך גרייט זיך אָפּפאָרן פון דאַנען. ביי מיין פאָטער אין פאַבריק

וועל איך אינגאַנצן פֿאַרגליווערט ווערן און דערמיט גאַרניט טאָן פֿאַרן סאָציאַליזם.

— יאָ, אָבער איידער איר שרייבט אָן אייער ווערק, דאַרפֿט איר וויסן, אַז שפּינאָזאַ אַליין איז ניט גענוג. עס איז אויך פֿאַראַן אַ העגעל. האָט איר דערלערנט די „דיאַלעקטיק", צי איר זיינט ווייטער פֿון שפּינאָזאָס טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט ניט אַוועק?

— יאָ, מען מוז דערלערנען די פּאָליטיק פֿון דער צייט.

העסעס פּנים שמייכלט. זיינע בלייכע באַקן פֿלאַמען־אויף און קוועלן יינגליש קעגן דער בלאַסער ליכט־שיין.

דער יונגער ענגעלס מאַכט צורעכט דעם שוואַרץ־זיידענעם שלייף, טוט אַ וויש אָפּ די בלאָנדע וואָנסעלעך.

— אַנטשולדיקט, פֿריינט מאַרקס, איז עס אמת, אַז איר גרייט זיך צו אַ קאַטעדרע אין באָנער אוניווערסיטעט?

— איך צווייפֿל צי זיי וועלן מיך צולאָזן צו דער קאַטעדרע.

— אייער וואָרט מוז דערגרייכן די מאַסן.

— איך פֿאַרהאַנדל דאָ וועגן צוגרייטן אַרויסצוגעבן אַ „רהיינישע צייטונג. ביי גינסטיקע באַדינגונגען קאָן די צייטונג דערשייגען העכסט־וואַרשיינלעך אין אַ יאָר אַרום. ברונאָ בויער און מאַקס שטירנער האָבן צוגעזאָגט מיטצואַרבעטן.

— ווּעסטו אויך מיטאַרבעטן, מאָזעס? — פֿרעגט ענגעלס.

— באַשטימט.

די ליכט זעצן זיך. אין דער טונקלקייט זעען די צוויי יונגעלייט אויס ווי שילער, און דער דריטער ווי אַ קלוגער לערער, וואָס גיט עצות.

• • •

שפּעט אין דער נאַכט שרייבט העס אַ בריוו צו זיין פֿריינט בערטאָלד אויערבאַך:

„. . . קורץ, זיי גרייט צו באַקענען זיך מיטן גרעסטן, אפֿשר דעם איינציקן אייגנטלעכן פֿילאָסאָף, וואָס עקזיסטירט איצט. ער שטייגט איבער, לויט זיין טענדענץ נאָך, ווי אויך לויט זיין פֿילאָסאָפֿישן גייסטיקן בוי, ניט בלויז שטרויסן, נאָר אויך פֿייערבאַכן. וואָלט איך געקענט זיין אין באָן, וואו ער לייענט וועגן לאָגיק, וואָלט איך געוועזן זיין פֿלייסיקסטער צוהערער. „דר. מאַרקס, אַזוי הייסט מיין אָפּגאָט, איז נאָך אַ גאַנץ יונגער מאַן

און ער וועט דער מיטלאַלטערלעכער רעליגיע און פּאָליטיק געבן דעם לעצטן שטויס. ער פאַרבינדט דעם טיפסטן פילאָסאָפישן ערנסט מיטן שניידנדיקסטן וויץ; שטעל זיך פאָר רוסאָ, וואָלטער, לעסינג, האָלבאַך, היינע און העגעל פאַראייניקט אין איין פּערזאָן — איך זאָג פאַראייניקט און ניט פאַרשמאָלצן — אָט האָסטו דיר דר. מאַרקסן. . . .״

אָסוואַלד און העס האָבן אָפּגערעדט צו מאַכן אַ רייזע איבער די רהיינ־לענדישע שטעט, האַלטן רעפעראַטן און אויפקלערן די אַרבעטער וועגן סאָציאַליזם, און זאַמלען לייענער פאַר זייער נייער שריפט.

אין איינעם אַ דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, אַז דוד העס איז געקומען אין געשעפט, האָט ער שוין זיין זון ניט געטראָפן. מאָזעס העס איז אַוועק קיין עלבערפעלד.

דער נביא און דער סוחר

— פרידן, מאָזעס! ווען ביסטו אָנגעקומען?

— נאָר־וואָס!

— וואָס הערט מען?

— שלים. מיין אַלטער וועט זיך דערוויסן, אַז מיר טרעטן היינט אויף, וועט זיין עק וועלט.

— און מיינער פאַרפאַלגט מיך אויך גענוג.

אויף ברייט־שטראָסע אין עלבערפעלד, ביי אַ ביר־שענק, האָבן זיי זיך באַגעגנט. מאָזעס העס און זיין יינגערער פריינט פרידריך אָסוואַלד פון באַרמען.ביידע הויך־וואוקסיקע. אָסוואַלד, דעם רייכן באַרמענער פאַבריקאַנטס זון, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן ענגעלס אונטער זיינע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט געשיקט אין דער „רהיינישער ציטונג”, איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון העסן און אויסגעזען אַ סך פרישער. זיין בלאָנד בערדל האָט אים צוגעגעבן חשיבות.

אויס מורא פאַר די עלטערן האָט ענגעלס ניט געוואָגט איינלאַדן זיין חבר צו זיך אין הויז און אָפּגעמאַכט זיך טרעפן ביי דער שענק.

פון וואופּער־טייך [1] האָט זיך געטראָגן אַ קאַלטער ווינט, געריסן די קאַפּעלושן פון די קעפּ, צעבלאָזן קליידער און געטריבן פאַרבייגייער, ווי מיט בייטשן.

— קאַלט, מאָזעס! לאָמיר אַריינגיין, — האָט אים פרידריך גענומען ביי דער האַנט.

פון דער גלעזערנער טיר איז געפאַלן אַ שיין אויף די צוויי אַריינקומענדיקע. דער אייגנטימער פון שענק האָט זיי באַטראַכט און אָנגעוויזן אויף אַ טישל.

— ווי מיינסטו, פרידריך, זיי וועלן קומען, די אַרבעטער פון באַרמען, די פויערים?

---

[1] אַן אויספלוס פון רהיין.

— זיכער! אַלע וועלן זיין. ס'ערגסטע איז, וואָס דער היפּאָקריטישער פריידיקער קרוממאַכער וועט דאָרט אויך זיין. אָ, ווי איך האָס אים, דעם אויגן־גלאַנצנדיקן גייסטלעכן! זינט מיין פאָטער האָט געגרינדעט צוזאַמען מיט דעם רייכן ערמענען נאָך אַ פאַבריק אין מאַנטשעסטער, האַלט ער אין איין קומען צו אונדז. הייסט דעם פאָטער קעמפן מיטן פּרינציפּ „ווּעסט נישט אָפּנאַרן — וועסטו נישט פאַרקויפן". אַזאַ היפּאָקריט! אַנומלטן זאָגט ער מיר: „פרידריך, עס פּאַסט ניט פאַר דיר, זאָלסט צו טאָן האָבן מיט די גאָטלאָזע ראַדיקאַלן, וואָס פריידיקן האָס. דיין פאַמיליען־הערב טראָגט אַ געשטאַלט פון אַ מלאך מיט אַ שלום־צווייגל." ווער ער ווייסט, אַז איך בין פריינט מיט דיר!

— און וואָס האָסטו אים געענטפערט?

— כ'האָב אים דערציילט, אַז יעזוס האָט אַרויסגעטריבן די געלט־הענדלער פון טעמפּל.

ביידע האָבן אויסגעליידיקט צווי פולע גלעזער שוואַרץ ביר.

— און ווי גייט עס דיר מיט דיין אַלטן?

— ער וויל מיך מיט גוואַלד צובינדן צום צוקער־געשעפט. ער זאָגט, אַז עס איז אַ טראַדיציע אין דער פאַמיליע דער צוקער־האַנדל.

— און מיין אַלטער באַרימט זיך, אַז זיינער אַן עלטער־זיידע האָט נאָך אין פופצנטן יאָרהונדערט געגרינדעט אַ טוך־פאַבריק אין דייטשלאַנד. הייסט עס, אַז אַן ענלעכער שיקזאַל פאַרבינדט אונדז.

ביידע האָבן זיך צעשמייכלט און אָנגעגאָסן פון קרוג אין די גלעזער.

— מאָזעס, — האָט פרידריך אַ שמייכל געטאָן און איבערגעלייגט איין פוס אויפן אַנדערן, — האָסט געלייענט קאַרל בעקס לידער אין „טעלע־גראַף"? ווי וואונדערבאַר ער שילדערט די אָרעמקייט פון די יידן!

— אָ, ער איז אַ גרויסער דיכטער! דער קערל גוצקאָוו פאַרגלייכט אים מיט שילערן. ער גרייט איצט אַ זאַמלונג „לידער פון אָרעמאַן אָדער די דיכטונג פון אמתן סאָציאַליזם".

— וועט ער דאָרטן אַריינגעמען ס'ליד „דער ייד, דער אַלטוואַרג־הענדלער".

— כ'האָב עס גאָרניט געלייענט.

— דער אינהאַלט איז אומגעפער אַזאַ: דער ייד, וואָס האַנדלט מיט אַלטוואַרג, באַקלאָגט זיין ביטערן גורל. ער וויגט־איין זיין קינד און דער־

ציילט אים, אַז ער דאַרף אויסשטיין אי׳פונעם יידישן, אי פונעם קריסטלעכן גאָט. זיי שטערן אים צו פאַרדינען. ער קאָן נאָר האַנדלען פינף טעג אין וואָך, ווייל „שבת לאָזט ניט דער פאָטער און זונטיק — דער זון״״.

— בראַוואָ, פרידריך! ביסט אַ דיכטער. מיר אַלע ווייסן, אַז דו שרייבסט לידער. סיי־ווי, זעסט אויס אַ פאַרליבטער.

— דאָס יאָ. איך דיכטע ניט, מאָזעס, איך לעב־איבער!

— ווייסטו, אַז מאַרקס האָט ייִנגלווייז געשריבן לידער וועגן לבנה־שיין און פאַרליבעניש?

— מאַרקס? יעדע זאַך, וואָס מאַרקס שרייבט, איז אַ ליד אין פּראָזע.

ביידע האָבן זיך ווידער צעשמייכלט און זיך אויפגעהויבן פון די פלעצער.

דער גרויסער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט. די גאַמיטלעכע פאַבריק־שטאָט עלבערפעלד האָט ס׳ערשטע מאָל געזען אַזויפיל מענטשן, פון דער געלט־אַריסטאָקראַטיע ביז די קרעמערס און פויערים פון וואופּערטאַל, וואָס זיינען געקומען צו דעם מיטינג און דער דיסקוסיע פון די „וואופּער־טאַלער קאָמוניסטן״.

ענגעלס האָט גערעדט דער ערשטער. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ ציטאַט פון דער „רהיינישער צייטונג״:

„פון צוואַנציק טויזנט פּראָצעסן אין יאָר 1836, זיינען געווען אַ העלפט פאַר גנבענען האָלץ פון די וועלדער, פאַר אָפּנעמען אַביסל זאַנגען פון פעלד און אַביסל גראָז פאַר דער פי! איז דער ׳לא תגנוב׳ ניט בלויז קיין רעליגיעזער געבאָט, נאָר אויך אַ מלוכהשער? און דערפאַר, הייסט עס, שטיצט די מלוכה בישט די רעליגיע, נאָר דאָס רעכט? אָבער דער כאַראַק־טער פונעם אייגנטום פון די וועלדער און פעלדער — האָט ער אויפגעהויבן זיין שטים — איז אַ געזעץ־וואָקלענדיקער. דאָס פאָלק פילט, באַנעמט מיט זיין אינסטינקט וואָס איז אמתע רעכט און וואָס עס איז פאַלש...״

די צוהערער, וואָס זיינען קוים איינגעזעסן פון באַגייסטערונג, האָבן זיך צווישן אייך זאָץ און דעם צוויטן איבערגעוואָרפן:

— הערסט ווערטער!

— און דאָס רעדט ניט קיין אַנדערער ווי דעם רייכן טוך־פאַבריקאַנטס זון, אַסוואַלד פון בארמען...

— צום שטוינען...

ענגעלס האָט פאַרענדיקט און העס איז אַרויף.

ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ משל וועגן אַ קעניג, וואָס האָט געשטעלט וועכטער, אויפגעהאָנגען שלעסער, זיי זאָלן היטן זיינע אוצרות; און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט ער געבויט תפיסות. וואָס האָבן אָבער די גנבים געטאָן? האָבן זיי געטויט די וועכטער, צעבראָכן די שלעסער, אָדער אונטערגעגראָבן די פּאַלאַצן, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט מאָרד. די הענט זיינען מיד געוואָרן פון היטן זיי. אָבער אין לאַנד איז געווען אַ קלוגער אָרעמאַן, האָט ער געראָטן מען זאָל ניט מאַכן קיין שלעסער, ניט שטעלן קיין שומרים, ניט בויען קיין תפיסות און קיין תליות, נאָר ווער ס'האָט געוואָלט, האָט גענומען. ניט געווען קיין מיינס־דיינס, איז פאַרשוואונדן די גייציקייט נאָך פאַרמעגן. —

דאָ האָט זיך פון הינטער די קוליסן אַרויסגעשאַרט אַ פאַרשוין מיט לאַנגע פאַרפלאָנטערטע לאָקן, דאָס פעטע פּנים גלאַט, ווי ביי אַ פרוי; די נאָז, די גאָמבע — קיילעכיק, און אין די אויגן האָט זיך געטוקט אַ קלוג, ציניש שמייכעלע, וואָס האָט ס'פּנים ענלעך געמאַכט אויף לוטערן. דאָס איז געווען דער גייסטלעכער קרוממאַכער.

ער האָט זיך אַריינגעשאַרט צווישן די ערשטע צוויי שורות. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ מיידלשע האַנט:

— פּאַסטאָר קרוממאַכער וויל עפּעס זאָגן.

— ביטע!

— הער העס! איר זענט, דאַכט מיר, אַ יודע?

— יאָ. וואָס מאַכט עס אויס?

— ווייסט איר דאָך, אַז אין אַלטן טעסטאַמענט איז דאָ אַ געבאָט פון צדקה, פון גנעדיקונג צום אָרעמאַן, — האָט דער גייסטלעכער גערעדט מיט אַ צעשפּאָלטן קול. — וויבאַלד אָבער איר ווילט איינפירן סאָציאַליזם, איז ווי וועט מען אויספירן דאָס געבאָט? אַז עס וועלן ניט זיין קיין אָרעמע, קיין ליידנדע, אויף וועמען וועלן מיר זיך דערבאַרעמען? — האָט זיך מיט־אַמאָל איבערגעריסן זיין הייזעריק, אָנגעשפּאָלטן קול און געבליבן שטעקן אין דער שטילקייט פון זאַל.

העס האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע אויגן און גענומען רעדן געלאַסן.

— דערלויבט, הער פּאַסטאָר. אָנגענומען, אַז אַן באַרעמהאַרציקייט

אויף אָרעמע קאָן מען ניט אָפּהיטן גאָטס געבאָט אויף דער ערד, און דער־פאַר דאַרף מען אויפהיטן די איצטיקע אָרדענונג. אָבער אויב אַזוי, ווי אַזוי וועלן די אָרעמע היטן דאָס דאָזיקע געבאָט? זיי קאָנען דאָך ניט טיילן קיין צדקה צווישן די רייכע. אויף וועמען זאָלן זיי נוצן מיטלייד? אויף די רייכע? גיט נאָר אַ טראַכט, הער גייסטלעכער, זענט איר ניט צומאָל דער, וואָס רויבט ביי די אָרעמע די וועלט און יענע וועלט?

דער עולם האָט זיך צעלאַכט. טייל האָבן נישט געוואוסט וואו אַהינ־צוטאָן די אויגן, זיך געשעמט מיט זייער פּאַסטאָר, וואָס האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן, נאָר געמורמלט אין בוזעם אַריין:

— תלמודישע קונצן!... אַ יודע...

פון זאַל האָבן זיך געהערט צעוואָרפענע שטימען. ענגעלס האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין זיין גאַנצער הייך, ער האָט אַראָפּגעלאָזט אין האַנט אויף דער צווייטער:

— בראַוואָ, העס!

עטלעכע יונגע פויערים האָבן אונטערגעכאַפּט:

— בראַוואָ!

— מיר גייען אין ביר־האַללע.

העס האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום עולם. דאָס אויסגעמאָגערטע פּנים האָט אויפגעלויכטן.

אין ביר־האַללע איז געווען פריילעך. אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט און פאַרלעך האָבן געטאַנצט.

עס איז שוין געווען נאָך איינס אַזייגער ביינאַכט. העס מיט ענגעלסן זיינען געזעסן אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל, און אַז די מוזיק האָט אויפ־געהערט, האָט העס אַרויסגענומען עטלעכע פאַרשריבענע בייגעלעך און אינדערשטיל פאָרגעלייענט פאַר די פאַרגאַפטע אידייען־חברים:

. . . זיי זיינען געווען צוויי חברים, אויסגעוואַקסן אינאיינעם, תורה געלערנט ביי איין רבין אין שכם. איינער איז געווען דער זון פון בארי און האָט געהייסן הושע. דער צווייטער האָט געהייסן אפרים דער זון פון זבולון. הושעס פאָטער, בארי, איז געווען פון די מיוחסדיקסטע און רייכסטע אין שכם. ער האָט זיך אָנגעקערט צו דעם מלכותדיקן הויף. מען האָט אַפילו געזאָגט, אַז ער איז אַ מקורב צו אחז׳ן, דעם מלך פון ישראל, אָבער

מען האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישט מער ווי אַ קלאַנג. דעם סוד האָט קיינער נישט געוואוסט, חוץ הושע'ן אַליין, און ער האָט געשוויגן.

זבולון איז געווען אַ פּשוטער סוחר, וואָס פלעגט פאָרן קיין צידון, קיין דמשק און קיין מצרים. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען אַהיים פון זיינע ווייטע נסיעות, מיט קעמלען אָנגעלאָדן מיט גאָלד־געוועבן, מיט זילבערנע כלים, מיט אַראַבישע בשמים, מיט וויסן לייוונט פון מצרים, — פלעגט ער דערציילן וואונדערלעכע מעשיות וועגן די לענדער וואו ער איז אויסגעווען. ער פלעגט דערציילן מיט חידוש וועגן חיות און פייגלען, מדבריות און ים'ען און וועגן ווילדע מנהגים וואָס הערשן אין די לענדער, און וועגן יידן, וואָס וואָגלען איבער אַלע לענדער און האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן. צווישן די צוהערער אין בית־מדרש ,אָדער בית־עם פון זבולון דעם סוחר זיינען די בייגעריקסטע געווען די צוויי יינגלעך: הושע דער זון פון בארי און אפרים דער זון פון זבולון. און ווען זיי פלעגן נאָכדעם בלייבן זיצן אין אַ ווינקל פון בית־עם, וואו זיי האָבן געלערנט, פלעגן זיי אין זייער דמיון שפּינען די בילדער, וואָס דער עלטערער סוחר זבולון האָט זיי דערציילט. און ביידע האָבן זיך געגעבן אַ נדר, ווען זיי וועלן עלטער ווערן, צו גיין איבער דער גרויסער וועלט, וואַנדערן איבער דער ערד.

ווען זיי זיינען אויסגעוואָקסן, האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט. אפרים איז אַרויס פון רשות פון זיין פאָטער און איז אַליין געוואָרן אַ סוחר, און ער האָט געוואַנדערט איבער די גאַסן פון שכם, איבער די טאָלן פון שומרון, ווען דער אַלטער בארי איז געשטאָרבן, איז הושע געוואָרן אַ היימלאָזער. און נאָכדעם זיך אָפּגעשיידט פון לעבן, זיך פאַרבאָרגן אין די בערג פון אפרים און דאָרט צווישן די וויינגערטנער געחלומט.

איין טאָג, ווען הושע איז אַרומגעגאַנגען, ווי אין אַ חלום, אין טאָל פון דותן, האָט ער דערהערט אַ קול: „אפרים לויפט נאָך ווינט און יאָגט זיך נאָך מזרח־ווינט, אַ גאַנצן טאָג מערט ער ליגן און רויב." הושע האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. ער האָט דערשפירט, אַז דאָס איז די לאַנג־דערוואַרטע וואָרענונג. עס האָט אים ביז אַהער געצויגן און ער האָט ניט געוואוסט וואוהין — אין די מדבריות פון ערב, צי צו די ברעגעס פון טייך נילוס? קיין בבל, אָדער אין די לענדער פון יענער זייט ים? עס האָט זיך אים געבענקט נאָך אַלטע געצעלטן אונטער אַנדערע הימלען.

דער הימל איבער די בערג פון שומרון, פון אפרים, איז געווען אַזוי וואַכעדיק, דאָס לעבן — גרוי און זינדיק.

דאָס פאָלק איז געווען טויב און האָט ניט געוואָלט הערן די שטראָף־רייד פון די נביאים. דעם נביא מיכה פון מורשת האָט מען געפּאַטשט, דעם פּאַסטוך פון תקוע, עמוסן, האָט מען אויסגעלאַכט און גערופן „כבד־פּה", און די מער ערלעכע פון שכם, פון ירושלים האָבן גערעדט, אַז יידן זיינען אַ פאָלק, וואָס איז מבזה זיינע לערער, וועלכע ווילן אים אַרויספירן אויף נייע דרכים, אים דערהייבן צו די הימלען. דער וואָס וויל זיין אַ נביא ביי ישראלן, דאַרף זיך ריכטן אויף דערנידעריקונג, אויף אַ געפּייניקט לעבן.

מיט אַזעלכע מחשבות האָט הושע אַרומגעוואָגלט אין די טאָלן, ביי די היגלען, צופוסנס די בערג און געטראַכט און געוואַרט און זיך געראַנגלט מיט זיך. ער האָט געזען ווי אויף די בערג פון שומרון זאַמלען זיך וואָלקנס. פון אַלע זייטן — שונאים, וואָס לויערן בלויז אויף דער שעה ווען זיי וועלן זיי איינגעמען. אשור, בבל, מצרים, אדום — אַרום און אַרום. און די שבטים פון ישראל טראַכטן גאָרניט וועגן דער סכנה. זיי זיינען צופרידן מיטן טאָג; פרייען זיך, וואָס זיי קאָנען געניסן, און ווילן אַלץ מער געניסן. די מענער — פון פעלדער און וויינגערטנער, וואָס איינער רוקט־צו צום צווייטן, ביז עס בלייבט שוין ניט קיין אָרט. די פרויען מיט די צירונג, מיט די שלייערס און גאָלדענע רינגען און בענדער, און מיט די זאַלבן. און הושע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט און געזאָגט: „איך וועל זיי באַגעגענען ווי אַ בעסטיע פון קינדער באַרויבט, ווי אַ לעמפּערט אויפן וועג וועל איך לויערן און אויפרייסן זייערע פאַרשלאָסענע הערצער." עס מוז זיין איינער, וואָס איז זיך מקריב, וואָס נעמט אויף זיך די שליחות פאַרן פאָלק. און ער איז אַרויס אויף די גאַסן און אָנגעהויבן מיט אַ קלינגענדיקער שטים אויסגיסן זיין שטראָף: „און אפרים זאָגט, פאַרוואָר, איך בין רייך. איך האָב מיר דערגרייכט פאַרמעגן; מיין מי וועט ביי מיר ניט געפינען אַ זינד. אָבער איך בין דיין גאָט, יהוה, איך וועל דיך ווידער מאַכן וואוינען אין געצעלטן, און איך האָב גערעדט צו די נביאים און דורך די נביאים וועט איר מיך פאַרשטיין." —

אין דער זעלבער צייט וואָס הושע איז אַרויס איבער די גאַסן, איז אויך זיין אַמאָליקער חבר און יוגנט־פריינט אפרים, דער זון פון זבולון,

אַרויסגעגאַנגען אויפן מאַרק. אפרים האָט פון זיין טאַטן געירשנט די לוסט צו מסחר. אין זיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די וואונדערלעכע מעשיות, וואָס זבולון האָט דערציילט פון די יידישע סוחרים, וואָס וואַנדערן איבער פרעמדע לענדער, אין ווייטע מדינות און סחר'ן און מכר'ן און ווערן רייך. האַנדלען מיט אַלצדינג, וואָס פאַלט אַריין אין זייערע הענט, און זאַמלען און זאַמלען, דערגרייכן אַ פאַרמעגן. — — —

און אפרים האָט אָנגעהויבן צונויפקויפן מטלטלים און זיי נאָכדעם פאַרקויפט. אויך ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט זאַמלען געלט, זיך לאָזן איבער די מדינות און מסחרן...

. . . און איבער די גאַסן פון שכם האָט זיך דערהערט אפרימס קול:

„איך קויף זאַכן, קויף און פאַרקויף. ווער וויל קויפן? פאַרקויפן?...“

און אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן, אַ שטורמישער מדבר־ווינט, און געטראָגן צוויי קולות פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער:

— „ביד הנביאים אדמה“ — דורך די נביאים וועט איר מיך פאַר־שטיין, — האָט געקלונגען מיט זיסקייט און פלאַמיקייט די שטים פון הושע, דעם זון פון בארי.

— „איך קויף סחורות, קויף און פאַרקויף“, — האָט געענטפערט דער הייזעריקער, הכנעהדיקער קול פון אפרים, דער זון פון זבולון...

• • •

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווי נאָר ענגעלס איז געקומען צום פאָטער אין פאַבריק, האָט ער דעם פאָטער אַפילו ניט באַגריסט.

ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ צימערל און געשריבן אַ בריוו:

„באַרמען, 17טן מערץ, 1845.

„טייערער מאַרקס!

„. . . ביי אונדז אין שטוב הערשט די סוחרישע פּיליסטערישקייט. — היינט קלייבן זיך צונויף מיינע אַלע קרובים צום אָוונט־ברויט — און די פּנימער פון מיינע אַלטע זיינען נאָך מער טרויעריק, ווי תמיד.

„און כדי נאָך גרעסער מאַכן דעם אומגליק, בין איך נעכטן אָוונט געווען צוזאַמען מיט העסן אין עלבערפעלד, וואו מיר האָבן ביז צוויי אַזייגער געפּריידיקט קאָמוניזם. פאַרשטייט זיך, ווידער אויסגעצויגענע פיזיאָגנאָמיעס, אַנצוהערעניש, פּרוּוון צו טרעפן. לסוף האָבן זיי זיך אָנ־גענומען מיט מוט, כדי צו פרעגן וואו איך בין געווען.

„— ביי העסן.

„— ביי העסן, ביי העסן! אָ, גאָט! — אַ גרויסע פּויזע, אַ קריסט־לעכער יאוש אויף די פּנימער. — וואָס פּאַר אַ געעזלשאַפט קלייבסטו זיך צו?! — זיפּצן און אַז. וו. מ׳קאָן ממש פון זינען אַראָפּ. האָסט קיין שום אַנונג נישט, וויפיל לוסטיקייט עס שטעקט אין דער דאָזיקער קריסטלעכער יאַגד אויף מיין ׳נשמה׳. און אויב מיין פּאָטער וועט נאָך דערגיין . . . איז ער ביכולת מיך אַרויסצואוואַרפן פון שטוב. כ׳קאָן דאָס מער נישט אַריבערטראָגן, כ׳מוז אַוועקפאָרן... אָבער אַזוי צי אַנדערש, איך וועל זיך שוין איינאָרדענען...״

סיביל

דזשאָזעפין, דאָס אַכצן־יעריקע מיידל, באַדינערין פון רהייניש האָטעל, האָט אַרויפגעבראַכט דעם פרישטיק. אַ ווייס פראַנצויזיש ברויטל, אַ טעפּל קאַווע. זי האָט קאָקעטיש אויסגעזונגען „באָן־זשור״ און אַוועק־געשטעלט דעם מאכל אויפן טיש.

זי האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט דאָס בלאַסע פּנים פונעם גאַסט און געוואַרט ער זאָל עפּעס זאָגן. אָבער חוץ אַ לײַכטן מורמל פון צווישן זײַנע דינע ליפּן אין קורץ־געשוירענעם בערדל אַרײַן, סתם פון העפלעכקייט ווענן, האָט זי גאָרניט געהערט.

זי האָט זיך פלינק אַ דריי געטאָן אַרום טישל, גרייט צו פאַרלאָזן דאָס צימער, אָבער באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך עפּעס פאַר אים. זי האָט אים אָבער נאָך ניט אויסגעזאָגט. איר איז געפעלן געווען צו קוקן אויף דעם איידעלן, בלאַסן געזיכט, מיטן שטרענגן פּראָפיל פון אַן אַנטיקער סטאַטוע, אויף די לאַנגע שוואַרצע האָר און דעם בלוי־גרינעם קוק פון אונטער די אַנגעברוגזטע ברעמען.

„אַ מאָדנער גאַסט איז ער, אָט דער רהיינישער יונגערמאַן, — האָט זי געטראַכט. — ער קומט, דאַכט זיך, פון קעלן, די קאַרנאַוואַל־שטאָט, אָבער עפּעס איז ער שטענדיק טרויעריק און טראַכט, ווייזט אויס, פון קיינעם ניט, נאָר פון זיך אַליין. ער רעדט גאָרניט. אפשר איז ער אומגליקלעך, האָט ערגעץ געלאָזן אַ געליבטע. כדי אים דאָס מאָל צו מאַכן רעדן, האָט זי אַ זינג געטאָן:

— און אַ בריוו איז אויך דאָ פאַר מאָסיע העס!

— גיב אַהער! — האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט. אַ קוק געטאָן אויפן קאָנווערט, איז זײַן געזיכט נאָך כמורנער געוואָרן. איצט איז שוין דזשאָזעפין אַרויסגעלאָפן פון צימער מורמלענדיק: „אַ מאָדנער מענטש, אַ מאָדנער מענטש!״

פאַמעלעך, מיט שוואַכע פינגער, האָט העס געעפנט דעם בריוו. ער

האָט שוין אויף אויסנווייניק געוואוסט וואָס דאָרטן שטייט. דער פּאָטער הייסט אים זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די חלומות וועגן אויסבעסערן דייטש־לאַנד און די וועלט, און אַהיימקומען. ס׳געשעפט, די פאַבריק וואַרטן.

שרייבן אָפן, אַז ער איז אַ טרוימער, אַ טויגעניכטס — דאָס שרייבט ער ניט. אָבער מען דאַרף קיין גרויסער חכם ניט זיין, כדי דאָס צו לייענען צווישן די שורות. יאָ, פאַרן סוחר עקזיסטירט בלויז דער קאָנקרעטער ריוח, דער אויסטויש־מאַטעריאַל, די סחורה. אַלץ וואָס איז מחוץ פון זיין געלט־אינטערעס, יעדער אידעאַל, איז אַ פאַנטאַזיע, אַ חלום. וואָס קאָן ער אים ענטפערן? אַז היינט־מאָרגן טרעפט ער זיך מיט מאַרקסן, מיט ענגעלסן, רעדט מיט זיי וועגן גרינדן אַ צייטשריפט אין פּאַריז? וועט ער אים פאַרשטיין?

העס האָט אָוועקגעלייגט דעם בריוו און גענומען טראַכטן וועגן דער שטאָט, אין וועלכער ער געפינט זיך שוין צוויי חדשים.

פּאַריז איז די שטאָט פון רעוואָלוציאָנערן ברויז. וועט דאָ ווידער אויסברעכן די רעוואָלוציע? איין זאַך ווייסט ער: זי איז נויטיק, די רעוואָ־לוציע. די רעוואָלוציע פון 1789, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן דעם קאַפּיטל מיטלאַלטער, איז שוין פאַרעלטערט געוואָרן. אמת, זי איז אָפּגעפרישט געוואָרן דורך דער יולי־רעוואָלוציע.ביידע רעוואָלוציעס האָבן אָפּגעשאַפט אַלע פּריווילעגיעס פון די אַריסטאָקראַטן און באַוויזן די בירגער, אַז די הערשאַפט מוז געהערן ניט צו די אויסדערוויילטע, נאָר צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. איצט איז ס׳לאַנד רייף פאַר אַ נייער רעוואָלוציע, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דער בורזשואַזיע אַליין.

די אַלע פראַזן וועגן גלייכהייט, פרייהייט, ברידערלעכקייט, האַלטן ניט אָפּ די בורזשואַזיע פון פאַרטיידיקן לעגאַליזירטן פאַרברעכן, אינטריגעס, עקספּלואַטאַציע פון די אָרעמע... איין עצה איז דאָ: איבעראַנדערשן די געזעלשאַפט, ערלעך פאַרטיילן די גיטער צווישן פאָלק.

העס האָט זיך אַ נעם געטאָן צום פרישטיק, אָפּגעבראָכן פון ברויטל און גענומען פאַרזופּן די שוואַרצע קאַווע. האַלב אויסגעטרונקען, האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַצירן איבערן טונקעלן צימער. שפּינאָזאָס אַסקעטיש פּנים אויף דער וואַנט, אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטן גאָלד־ראַמל, האָט אים געטרייסט: ביסט געזעכט, מיין תלמיד. אַזוי דאַרף דענקען אַ מענטש, וואָס לעבט האַרמאָניש מיט זיך, מיט דער פאַרנונפט.

ניט קענענדיק באַשליסן וואָס צו טאָן: אַריבערגיין צו היינען, צו באַקונינען, אָדער אָנוואַרפן באַמערקונגען פאַר אַן אַרטיקל, אָדער גאָר שרייבן אַ בריוו צו זיין פריינט בערטאָלד אויערבאַך, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער.

ער האָט אַראָפּגעקוקט צום טייך סעין, ווי אין אַ ברונעם אַריין... איבערן טייך האָט געגרויט אַ פּאַריזער אָקטאָבער־טאָג. דער ברוק אונטן און דער הימל אויבן — ווי פון איין און דער זעלבער פאַרב, ווי פאַרמישט פון איין בלאָטיקן שטאָף. פון דער אויבערשטער גרויקייט האָט עפּעס געשאָטן אַזאַ מין נאַסע ברודיקייט. ניט שניי און ניט רעגן. הענדלער און הענדלערקעס האָבן זיך געטוליעט אונטער די דעכלעך פון זייערע אַלמערלעך־קרעמלעך, וועלכע זיינען געווען צוגעקאָוועט צום שטיינערנעם ראַנד פון טייך.

הינטער דער פאַרביקער ריי פון קרעמלעך האָט זיך דער טייך צע־טיילט אין צוויי שטיין־געשלאָסענע וואַסער־טיילן. און ביי בידע זייטן האָבן געטומלט מענער, פרויען און קינדער. אויף וויפיל דאָס אויג האָט פון דריטן שטאָק געקאָנט אויפכאַפּן, זיינען דאָס געווען פאַראומערטע בלאַסע פּנימער און געבויגענע יסורימדיקע גופים.

ערשט איצט איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָ אונטן הערשט די אָרעמקייט און אַז פון אָט דעם דלות דאַרף זיך אָנהויבן די נייע מלוכה פון פאָלק, דאָס קעניגרייך פון גערעכטיקייט.

די מאַסיווע „נייע בריק" איבער ביידע זייטן פון סעין האָט נאָך אין 18טן יאָרהונדערט געהייסן „די נייע בריק", כאָטש זי איז שוין אויך דעמאָלט געווען איינע פון די עלטסטע אין פּאַריז. זי איז אויפגעבויט געוואָרן מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע און איז נאָך אין די צייטן פון דעקאַרטן געווען באַפּוצט מיט שטיינער־מאַסקעס און באַלקאָנען.

פון זיין איינזאַמען חדרל אויפן דריטן שטאָק איז אַהער העס אַריינ־געפאַלן ווי אין אַ קאָכעדיקן קעסל פון האַנדל און וואַנדל. אין די ערשטע מינוטן האָט ער געשפּאַנט ווי אַ באַטויבטער. ניט קוקנדיק אויפן שלעכטן וועטער, האָט זיך דאָ אַלץ באַוועגט און געטומלט, געזוכט און אָנגעבאָטן אונטער לייוונטענע שירמעס, אונטערן פרייען הימל.

דאָ האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט מאָדנע פּאַרקויפערינס, אַזעלכע, וואָס

קומען פון באַשטימטע פלעצער. ווי פאַרוואָגלטע פייגל האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט געלבלעך־בלאַסע. די פּנימער אָנגעפּודערט און מיט בלויע פאַסן אונטער די אָנגעצונדענע אויגן. העסעס אויג האָט גלייך דערקענט אין טרויעריקן שמייכל אויף זייערע ליפּן און אין דעם אופן פון איינקוקן זיך אין די דורכגייער, ווער זיי זיינען...

ער האָט אַריבערגעשפּרייזט די בריק און זיך גענומען לינקס. ער איז געבליבן שטיין לעבן אַ געביידע און פאַרריסן דעם קאָפּ. געזען אַן אָנגע־ברוגזטן, גרויען הימל, וואָס האָט אים גלייכגילטיק געשפּיגן אין פּנים מיט עפּעס אַ ברודיקייט — ניט שניי, ניט רעגן...

אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר גרויסע, אָפּגרונט־טיפע שוואַרצע אויגן. אַנטקעגן איז געשטאַנען אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן און געשמייכלט. ער האָט באַטראַכט איר לענגלעך פּנים, דעם קליינעם שטערן, ברייטלעכע נאָז, געפלאַכטענע שוואַרצע האָר, באַמערקט ווי איר פּנים מיניעט זיך און אין די גרויסע שוואַרצאַפּלען צינדן זיך פייערלעך.

— אַנטשולדיקט מיר, — זאָגט זי, און אירע אויגן ווערן מיטאַמאָל אָנגעגאָסן מיט רייץ, איבערגעפּילט מיט שמייכל, — איר'ט מיך גערופן?

— איך? ניט איך.

לויטן טאָן פון זיין ענטפער האָט זי דערשפּירט, אַז אים פאַרדריסט. זי האָט דעריבער געמאַכט אַן אומשולדיקע מינע:

— איך האָב געמיינט, אַז איר האָט מיך גערופן.

— ניין, איך האָב אייך ניט גערופן, — איז שוין העס ווייכער געוואָרן.

— אַזוי לייכט גייט מען עס צו אַ פרעמדן מאַן? איר זעט דאָך אויס צו זיין אַן אָנשטענדיקע פריילין.

— אַז איר געפעלט מיר, — ענטפערט זי אים פּראָסט און אומשולדיק, און העסן פאַרדריסט שוין פאַר זיין שטרענגקייט. ער פילט, אַז זי הויבט אים אָן צו געפעלן.

— ווי רופט מען דיך? — פרעגט ער און באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס.

— סיביל פּריטש.

— זאָג, סיביל, גייסט צו יעדן מאַן, וואָס געפעלט דיר?

— יאָ.

— און געלט נעמסטו?
— ניט אַלעמאָל. אַז מען גיט מיר, נעם איך.
— אַהאַ, — באַטראַכט ער זי מיט רחמנותדיקע בליקן.
זי באַמערקט אין זיין סימפּאַטישן בליק, אַז ער איז זייער אינטעליגענט. נעמט זי אים באַטראַכטן בעסער. זי קוקט אויף זיין ברייטן שטערן, אויף די זיידענע האָר, אויפן שוואַרצן פּראָפעסאָרישן בערדל, און באַהאַלט ניט איר צופרידענע מינע.
— ווי רופט מען דיך? — גיט זי אַ פרעג און דערנענטערט זיך צו אים.
— מאָזעס העס.
— איך גיי אויף רי־דאַפּין. קומט, באַגלייט מיך, — שמייכלט זי.
— שטיי דאָ, וואָס איילסטו זיך?
— איך מוז זיין אין וויין־קעלער.
— וואָס טוסטו אין וויין־קעלער?
— איך טאַנץ דאָרט.
— און פון דעם לעבסטו?
זי שווייגט.
— האָסטו עלטערן?
— ניין.
— זאָג, דו טאַנצסט בלויז?
זי שווייגט. נאָכדעם זאָגט זי:
— זאָג, גייסט מיט מיר אין קעלער, יאָ אָדער ניין?
— ניין.
— האָסט אַ געליבטע?
— ניין.
— פאַרוואָס ווילסטו ניט גיין מיט מיר?
— דו דאַרפסט אויך ניט גיין. געהערסט אין אַן אַנדער געזעלשאַפט.
העס האָט פּלוצלונג גענומען ס'מיידל ביי דער האַנט און זיך צערעדט, ווי אַ מאָראַליסט. ער האָט גערעדט לאַנג, פאַרדאַמט די געזעלשאַפט וואָס צעשטערט אומשולדיקע לעבנס און אַז מען דאַרף אָננעמען מיטלען קעגן די אַלע וואָס זיינען שולדיק אין דעם. ער האָט זיך אָבער דאָך געכאַפּט, אַז ער רעדט צום מיידל אין אַ שפּראַך וואָס זי פאַרשטייט אפשר ניט, האָט ער ווידער פאַרריסן דעם קאָפּ צום גרויען הימל.

איצט האָט זיך סיביל דערמאָנט, אַז עס איז שוין שפּעט, זי מוז גיין, און אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— ווען וועל איך דיך זען נאָכאַמאָל, סיביל?

— קום אין טאַנץ־קעלער.

— איך וועל קומען, אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

— נעם מיך צו דיר, מאָזעס.

— טרעפן מיר זיך מאָרגן?

— וואו?

— וואו?

— אין רהיינישן גאַסט־הויז.

אמת, יושר און ליבע

פּאַריז. אין לאַטייניַשן קוואַרטאַל. אין אַ קליינעם צימער, ביי אַ קיילעכדיקן טיש, פאַרדעקט מיט אַ ברוינעם טישטוך און אָנגעשטעלט מיט פלעשער ווין און גלעזער, זיצן זעקס מיטאַרבעטער פון דער פאַרמאַכטער „רהיינישער צייטונג". פאַר יעדן איינעם ליגט אַ פריש־געדרוקטער זאַמל־בוך, „דייטש־פראַנצויזישע יאַרביכער".

אויבנאַן זיצט אַ מיטליעריקער מאַן מיט אַ יונג, פריש פּנים. די טונקעלע האָר פאַרוואָרפן אין אַ ווינקל פון שטערן. זיינע גרויסע, לויטערע אויגן וואַרפן טראַציקע און וואַרעמע בליקן צו די אַרומיקע. ער גלייכט אויס זיין ווייס־פּוכיקן, ברייט־אויסגעלייגטן קאַלנער, גיט אַ זופּ פון גלאָז און ווענדט זיך צו די זיצנדיקע:

— זאָלן לעבן די מיטאַרבעטער פון די „דייטש־פראַנצויזישע יאַר־ביכער"! אַלע וויסנשאַפטלער מיט פּאָעטישן טאַלאַנט!

— פריינט און קאָלעגן! מיט דער דערלויבעניש פון אונדזער גייסט־רייכן פּאָעט היינריך היינע, לייג איך פאַר מיר זאָלן אָנהויבן אַ שמועס איבערן ערשטן זאַמלבוך, — האָט זיך אָנגערופן דער אַרויסגעבער אַרנאָלד רוגע, אַ טונקעלער מיטליעריקער מאַן מיט פינקלענדיקע אויגן.

— און איך לייג פאָר אַ שמועס וועגן פראַנצויזישן טעאַטער, — האָט געענטפערט אין אַ שלעכטן דייטש אַ הויכער מאַן, ווי אַ ריז, מיט אַ רויט פּנים און קיילעכדיקע, פאַרטרונקענע אויגן. ער האָט דערביי מיט דער רעכטער האַנט אַ פיר געטאָן איבער זיינע געדיכטע האָר און מיט דער לינקער צו־רעכט געמאַכט דעם שוואַרץ־זיידענעם שליף אויפן האַלדז.

— אויב שוין אָנהויבן פון דער טעמע, איז שוין בעסער צו רעדן וועגן דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס מיר אַלע קענען אַזוי ווייניק. דער־ציילט עפּעס, פריינט באַקונין, וועגן די רוסישע פּאָעטן, — האָט דער דיכטער פריילִיגראַט אָנגעשטעלט זיינע וואַסערדיקע אויגן אויף דעם ריזיקן רוס.

— קאַלעגן, מיר קאָנען איינטיילן דעם אָוונט. מיר ווילן איינעצן די גומענס און נאָכדעם אָנהויבן אַ שמועס וועגן די אַרבעטן פון זאַמלבוך, — האָט פאַרגעלייגט פרידריך ענגעלס, אַ יונגער, מיט אַ בלאָנד בערדעלע.

באַקונין האָט געעפנט אַ פלאַש, זיך אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז, עס גלייך אויסגעליידיקט און געבומען ברומען אַן אומעטיק רוסיש ליד. היינע האָט זיך ברייטער אַריינגעזעצט אין שטול, זיך אָנגעשפאַרט אויפן הויכן אָנלען, זיך שטאַרק איינגעקוקט אינעם זינגער און אים שטיל באַגלייט.

עס איז געוואָרן שטיל. געדיכטער רויך פון ליולקעס און ציגאַרן האָט זיך געוואָלקנט איבערן טיש און פאַרנעפּלט די פּנימער פון די זיצנדיקע.

— ווער וויל נעמען אַ וואָרט? — האָט היינע איבערגעריסן די שטילקייט.

— מאַזעס העס!

העס, — אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, די האָר — דין און גלאַנציק, ווי שוואַרצער זייד, — האָט זיך אַ וויג געטאָן אויפן שטול, פאַרקנייטשט דעם ברייטן שטערן מיט די טיפע ווינקלען, און זיינע טרויעריקע אויגן זיינען אים גרעסער און ליטערער געוואָרן.

— קאַלעגן און פריינט, האָט ער געזאָגט, — איידער איך שמועס וועגן דער פאַרליגנדיקער אַרבעט, וויל איך דערציילן אַ לעגענדע, וואָס איך האָב געהערט פון אַ תּלמוד־קענער אין פראַנקפורט.

— מיר זיינען גרייט צו הערן, מיט איין באַדינג, אַז אַרנאָלד זאָל נאָכ־דעם איבערזאָגן די דרשה פון פּאַסטאָר דאַרפסגייסט, — האָט דער קורצער און דאַרער עדגאַר בויער, וואָס איז געזעסן ביים סוף טיש, געזאָגט מיט אַ לאַכנדיקן קול.

די זיצנדיקע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט.

— דאָנער־וועטער! לאָזט שוין הערן!

העס האָט זיך אָפּגערוקט פון טיש און אָנגעהויבן:

„און ס'איז געווען אין יענע צייטן, ווען איבער דער ערד האָבן גע־וועלטיקט די געוועכטע. און ס'האָט געלעבט אַ גאָטס־פאַרכטיקער מאַן. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך פעלדער און גערטנער, שאָף און רינדער און גרויסע וואַרשטאַטן מיט אַלע געצייגן. און די אַרבעטער אין זיינע וואַרשטאַטן האָט ער באַלוינט מיט די פּרוכטן פון זיינע פעלדער און מיטן אויסגאָב פון זיינע טשערעדעס. און דעמאָלט איז אַלעמען גוט געווען.

„און צוויי זין האָט דער דאָזיקער מאַן געהאַט. איז איינער געווען אַ גוטער. ער איז אומגעגאַנגען מיט זיינע מיטמענטשן פשוט. אַן אמתער אין דער צונג און אין אַלע מעשים, און ער האָט געהייסן אמיתי, וואָס דאָס באַדייט: אמתער; וואָרים ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן יעדן דעם אמת און טאַדלען שלעכטע זיטן אַפילו ביי זיין רייכן פאָטער. און דער צווייטער זון איז געווען געמיין אין זיין אומגיין מיט זיינע מיטמענטשן, און אַ כיטרער אין אַלע מעשים און פאַלש אין צונג. און ער האָט געהייסן כזבי, וואָס דאָס באַדייט: פאַלשער; וואָרים ער האָט ליב געהאַט צו חנפהנען יעדן, וואָס האָט באַזעסן רייכטום און מאַכט, און אַממערסטן פלעגט ער רעדן גלאַטע, זיסע רייד צו זיין רייכן פאָטער. און דער רייכער מאַן האָט דאָרום ליבער געהאַט זיין זון כזבי, ווי זיין זון אמיתי.

„און דער רייכער איז אַלט געוואָרן און ס׳האָבן זיך דערנענטערט זיינע טעג צום שטאַרבן, אַזוי האָט ער גערופן זיינע צוויי זין צו זיך און האָט געזאָגט צו זיי אַזוי צו זאָגן: איך וועל באַלד אויסהויכן מיין אָטעם און וועל גיין אויפן וועג, וואָס אַלע מענטשן גייען. און איצט זעט, מיינע קינדער: ניט פעלדער מיט וועלדער, ניט מענגעס פי און רינדער און ניט גרויסע וואַרשטאַטן מיט כלערליי געצייגן איז די ירושה, וואָס איר וועט נעמען נאָך מיין טויט. וואָרים פעלדער און גערטנער זיינען אויף דער ערד, און אויף דער ערד טוען זיך פאַשען רינדער און עס זיינען געבויט די וואַרשטאַטן. און ס׳איז די ערד, די מוטער פון אַלע לעבעדיקע, אַלץ געהערט צו איר, און זי אַליין — צו גאָטס גענאָד, און דורך גאָטס חסד — צו אַלע און אַלעמען. אַלץ וואָס אויף דער ערד געהערט צו אַלעמען, און ס׳קאָן קיינער זי פאַר זיך ניט אָפנעמען.

„— פאָטער, וואָס דען וועסטו לאָזן אין ירושה דיינע עלנטע קינדער?

— האָט דער פאַלשער כזבי אויסגערופן מיט שרעק.

„— דעם שליסל פון גליק צווישן אדמ׳ס זין, — האָט דער אַלטער געענטפערט. — וועט איר רעגירן גערעכטיק, אַזוי אַז יעדער וועט האָבן זיין געברויך און אַלע וועלן געניסן גלייך, וועט ס׳לאַנד בליען אונטער אייער הערשאַפט און די בירגער וועלן געשטאַרקט ווערן אין פרייד. אַז דער הערשער וועט אָבער אָנהויבן זיך פאַרמעגנס און ער וועט פאַרמינערן דעם לוין פון דעם געדונגענעם אַרבעטס-מענטש, אַזוי וועט אויפגיין אַ פאַרעיפּושטער ריח פון אייערע פוילנדיקע, ניט-גענוצטע אוצרות, ווי פון

אַנגעהויפּטע מיסטן, און ס׳וועלן אַרומגיין אייערע מענטשן פֿאַרהונגערטע צווישן הויפֿנס איבעריקע פּרוכטן, אַרומגיין און ניט קאָנען צום מויל דער־לאַנגען. און איר וועט געגליכן זיין צו שוואַרצע ראָבן, וואָס הויערן איבער זייער פּגירה־רויב...

„דאָ האָט זיך כזבי אָנגערופֿן: — אָ, גרויסער, קלוגער פֿאָטער! גיב איבער אין מיינע הענט דעם שליסל פֿון הערשאַפֿט און פֿון גליק, און ס׳וועט דיין געזעכטער ווילן זיין אַ הייליק געבאָט פֿאַר מיר.

„און דער שטאַרבנדיקער פֿאָטער האָט אַרויפֿגעלייגט זיינע ביידע הענט אויפֿן קאָפּ פֿון זיין זון אמיתי און ער האָט אים געבענטשט אַזוי צו זאָגן: ׳דו וועסט פֿאַרשטויסן ווערן דורך דיין ברודער אין דער צייט פֿון זיין הערשאַפֿט און וועסט פֿאַרגעסן ווערן פֿון מענטשנס הערצער. און ס׳וועט זיין: אויב דיין ברודער וועט הערשן מיט רשעות און ניט מיט יושר, און ס׳וועט פֿול ווערן די מאָס פֿון זיינע עוולות, דעמאָלט וועסטו קומען צו מענטשן; און ס׳וועט דונערן דיין קול, ווי ס׳געשריי פֿון אַ לייב, און ס׳וועלן דערפֿילן די מענטשן־קינדער זייער אויפֿוואַכנדיקע קראַפֿט, און זיי וועלן נעמען דעם שליסל פֿון די הענט פֿון דיין ברודער און אים איבערגעבן אין דיינע הענט — און אויפֿן אָרט פֿון כזבי וועט הערשן אמיתי.׳ — דערמיט האָט דער גאָטספֿאַרכטיקער מאַן אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם פֿון זיינע לונגען. און פֿון דעמאָלט אָן קרעכצט ס׳לאַנד אונטערן יאָך פֿון כזבי. וואָרים ער האָט דורך דער צייט פֿאַרוואַנדלט די ברכה פֿון אַרבעט אין אַ גרויזאַמער קללה.״

— בראַוואָ, העס!

— ווער קומט איצט?

ענגעלס האָט גענומען אַ וואָרט:

— קאַלעגן, העס האָט מיט זיין לעגענדע אונדז אַרויפֿגעפֿירט אויף דער טעמע, די אייביקע טעמע פֿון אמת, יושר און ליבע. איך צווייפֿל אָבער, צי די באַגרינדונג פֿון קאָמוניזם קאָן געזוכט ווערן אויף דעם וועג פֿון מאָראַלישע דרשות. איך לייג דעריבער פֿאָר, אַז מאַרקס זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם פּראָבלעם, טאַקע אויפֿן סמך פֿון זיין אַרבעט אין דעם נומער וועגן דער „יודן־פּראַגע״.

מאַרקס, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשוויגן, געצויגן די

ליולקע און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל און אָנגעהויבן מיט אַ שטיל אָבער זיכער קול:

„אָן צווייפל, איז די אַלגעמיינע מענטשנליבע, ווי זי איז געפּריידיקט געוואָרן פון דעם אורקריסטנטום, — וועלכע אייניקע האָבן באַטראַכט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון קאָמוניזם, — געווען איין קוואַל, פון וועלכן עס זיינען אויפגעקומען די אידייען פון סאָציאַלע רעפאָרמען. להיפוך צו דער שלעכטער ווירקלעכקייט און צו דעם האַס, האָט מען געפּריידיקט די ממשלה פון ליבע. אָבער די דערפאַרונג לערנט, אַז אָט די ליבע האָט אין אַכצן הונדערט יאָר גאָרניט אויפגעטאָן. דערפון איז דאָך קלאָר געדרונגען, אַז אָט די ליבע, וואָס האָט ניט געקאָנט באַזיגן דעם האַס, גיט אונדז ניט יענע ענערגישע קראַפט צו מעשים, וואָס איז נויטיק פאַר סאָציאַלע רע־פאָרמען. אָט די ליבע פאַרלירט זיך אין סענטימענטאַלע פראַזן, וואָס דורך זיי קאָן מען ניט אָפּשאַפן קיין ווירקלעכע פאַקטישע צושטאַנדן. זי שלאָפט אָפּ דעם מענטשן מיט איר וואַרעמען געפיל־געקעכטס, מיט וועלכן זי שפּייזט אים. אָבער די נויט גיט דעם מענטשן קראַפט. ווער עס מוז זיך אליין העלפן, דער העלפט זיך טאַקע. אין אַנדערע ווערטער: די אייזערנע נויטווענדיקייט פירט צו דער פאַרשפּרייטונג פון די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען. זי וועט דורכברעכן אַ וועג פאַר די סאָציאַליסטישע רע־פאָרמען, גיכער איידער די גאַנצע ליבע, וואָס גליט אין אַלע געפּילפּולע הערצער פון דער וועלט.“

נאָך איידער מאַרקס האָט פאַרענדיקט, האָט העס אויפגעהויבן די האַנט — אַ צייכן, אַז ער וויל ענטפערן:

— פריינט מאַרקס, איר רעדט וועגן געפּילפּולע הערצער? אָבער ביי די יידישע נביאים האָבן מיר אַ קלאָרע פּראָגראַם פון קלאַסן־קאַמף, ניט סתם קיין סענטימענטאַלע פראַזן.

— ס'וואונדערט מיך אויף אייך, העס, — האָט זיך ענגעלס אַריינ־געמישט, — וואָס איר טיילט איין די רעליגיע אין קאַטעגאָריעס, אין אַ יידישער רעליגיע און אַ קריסטלעכער.

— די יידישע נביאים זיינען אַנדערש פון די קריסטלעכע מאָראַל־פּריידיקער.

— אָבער די נביאים ווערן אויסגענוצט פון יעדער געזעלשאַפטלעכער אידייע, כדי אָנצוהאַלטן די ליידנשאַפט אויף דער הויך פון אַ היסטאָרישער

טראַגעדיע. אַזוי האָבן מיט הונדערט יאָר צוריק, אויף אַן אַנדער אַנט־וויקלונגס־מדרגה, קראָמוועל און דאָס ענגלישע פאָלק אַרויסגענומען פון תנ״ך די שפּראַך, די לײדנשאַפטן און אילוזיעס פאַר זייער בורזשואַזער רעוואָלוציע. אָבער ווען די בורזשואַזע איבערבויאונג פון דער ענגלישער געזעלשאַפט איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט לאָק אַרויסגעשטויסן דעם נביא חבקוק. — — —

ענגעלס האָט נאָך גערעדט לאַנג און לײדנשאַפטלעך. די הייסע דעבאַטע האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין אָוונט.

נאָך האַלבע נאַכט האָט זיך היינע אויפגעשטעלט:

— קאָלעגן, מיר׳ן זיך קלײבן אַהיים אײנציקווייז. פּאָליציי זאָל ניט פאַרדעכטיקן.

די זיצנדיקע האָבן זיך געהויבן פון טיש און געטריבן די דינע וואָלקנס רויך.

ביים געזעגענען האָט העס אָװעקגערופן היינען אין אַ זייט:

— דער וואָרצל פּילט ניט דעם טעם פון וואוקס, פון צעפלאַנצן זיך אין דער הויך. אָבער דער מינדסטער זכר פון אַן אַרויסגעהאַקטן שטאַם, וועט פריער אָדער שפּעטער אויפגיין מיט בליאונג. מעגן די עפּל פאַלן וויט פון בוים, סיי־ווי טראָגן זיי אומעטום די זעלבע זוימען!...

היינע האָט זיך נחתדיק צעשמייכלט:

— בראַוואָ, העס! זייער פּאָעטיש גערעדט.

אין גאַס, לעבן אַ לאַמטערן, האָט באַקונין אַרײנגעברומט אין רוגעס אויערן:

— יעהאָוואס קינדער, דאָס אויסדערוויילטע פאָלק ישראל, האָט גאָר־ניט וואָס צו פאַרלירן. איז עס קעגן אַלעם און פאַר אַלעם, קעגן רעליגיע און פאַר רעליגיע...

— באַקונין, טייערער, האַרציקער, גייט שלאָפן, ס׳איז שפּעט, — איז היינע מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן לעבן לאַמטערן...

מרים פון מגדל

צווי־גאָרנדיקע הייזער האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַס און אינ־מיטן איז געשטאַנען אַ קירך מיט אַ טורעם, וועמעס צלמים האָבן געקרייצט דעם טונקעלן הימל. די טירן פון דער קירך זיינען געווען ברייט צעעפנט און די פלעמלעך פון די וועקסענע ליכט האָבן זיך געשפיגלט אין די שאָטנס.

פרויען אין שוואַרצן האָבן געקניט ביי די שטיינערנע אַלטאַרן. בלאַסע מאָנאַכן אין לאַנגע, ברוינע כאַלאַטן מיט גאַרטלען און טראָלדן, האָבן זיך גאָטספאָרכטיק געשאָרט ביי די בענק.

אַ יונגער הויל־קעפּיקער גלח האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים אַריינ־גאַנג פון דער טיר און באַגריסט די אַריינקומענדיקע. פון דעם גלחס קוק איז העסן געוואָרן אומהיימלעך; געמיינט, אַז פון אַלע זייטן קוקן די קניענדיקע אויף אים.

העס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, זיך פאַרקוקט אויף אַ בילד, וואָס איז געהאַנגען איבער אַ שטיינערנעם אַלטאַר: אַ מענטש מיט אַ צווייטיקט געזיכט זיצט, און ביי זיין צופוסנס קניט אַ פרוי. טרערן רינען פון אירע אויגן, באַנעצן זיינע פיס, און זי וואַשט זיי מיט אירע שוואַרצע צעלאָזענע האָר.

העס איז געשטאַנען און געקוקט אויפן בילד און ניט געקאָנט פאַר־שטיין, פאַרוואָס ער האָט זיך דאָ אָוועקגעשטעלט און וואָס פאַר אַ שייכות דאָס בילד האָט מיט זיין גאַנג צו סיבילן. —

. . . ביי לוי בן חלפי, דעם מוכסן פון כפר נחום, אין שטוב איז געווען ענג און הייס. אין קיך האָט געפלאַקערט דער אויוון: די מענער און די פרויען פון דער משפחה זיינען געווען פאַרהאָוועט. יעדעס מאָל איז אָנ־געקומען אַ פישער מיט אַ זאַק פול צאַפּלדיקע פיש פון ים־גינוסר; אַ קצב מיט אַ קאָרב שאָפן־פלייש; אַ משרת מיט קרוגן ווייַן און האָניק.

צו דער סעודה זיינען געלאַדן געוואָרן די פּרושים, לערנער פון דער „כנסת״, די רייכע צדוקים, און אייניקע רוימישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געווען אויף דער וואַך אין דער שטאָט ביים גליל־ים.

די מאַנספּאַרשוינען האָבן געהאָלפן אויסשטעלן די הילצערנע טישן, וועלכע מען האָט געבראַכט פון דער כנסת, די בענק און קלענערע טישלעך. די ווייבער האָבן פאַרענדיקט די לעצטע פאַרבערייטונגען, האָבן אַריינגעטראָגן רויע און געקאָכטע גרינוואַרג אין קאָלירטע ערדענע כלים, האָבן אויסגעפּוצט די טישן מיט גרינע צווייגן פון איילבירטן לכבוד די אורחים. לוי׳ס ווייב האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ געפאַרבטן טוך און באַדעקט איר קאָפּ מיט אַ האָר־שלייער. זי האָט אויסגעלייגט די מצה־פּלעצלעך. די אַנדערע פרויען האָבן אויסגעשטעלט קרוגן מיט גוטן אויל, קונדיטון־ווייַן און האָניק. און לוי האָט דערלאַנגט פּלאַטן מיט איילבירטן און קערב מיט געטריקנטע פייגן. אין דרויסן פאַר דער אָפענער טיר האָט מען אויפגעשטעלט קרוגן מיט וואַסער און הילצערנע כלים און האַנטיכער אויף צו וואַשן די פיס און די הענט. די אָנגעצונדענע אויל־לאָמפּן זיינען געהאַנגען פון באַלקן אַראָפּ און געגאָסן זייער ליכט אַרום די געגרייטע טישן. אין דרויסן, איבער דער אָפענער טיר, האָט דער מוכסן באַפוילן אַרויסהענגען אַ ווייס־געפאַרבטן טישטוך — וואָס איז געווען אַ צייכן, אַז מען דערוואַרט אין דער טיר אורחים און כל דכפין ייתי וייכול — ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַריינקומען און עסן.

באַלד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אורחים: אַ פּאָר צדוקים אין זיידענע מלבושים, אַ בינטל פּרושים אין זייערע פּרושישע כאַלאַטן. עטלעכע רוימישע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך באַגריסט מיטן באַלעבאָס און נאָכגעפרעגט נאָך דעם שלום פון דער שטוב. לוי האָט זיי אָנגעוויזן אויף זייער אָרט: יעדן לויט זיין שטאַנד, זיין עלטער און זיין תורה־קענען. באַלד איז אַריינגעקומען דער וואַנדערנדיקער דרשן פון נצרת, באַגלייט פון זיינע אָנהענגער: דער הויכער און ברייטבייניקער פישער שמעון, די זין פון זבדי, יהודה איש קריות, וואָס איז געווען פון יהודה און איז פאַררעכנט געווען פאַר אַ תלמיד־חכם.

נאָכדעם ווי כמעט אַלע האָבן זיך געוואַשן די הענט, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט יעדער אויף זיין אָנגעגרייטן אָרט. דער דרשן איז געזעסן אינמיטן און זיינע מקורבים ביי דער זייט.

ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן מעיל (מאַנטל). זיין פּנים איז געווען לענגלעך און בלאַס, איינגעפאַסט אין אַ קורץ, שיטער־שוואַרץ בערדל, און אַ שמייכל האָט געציטערט אַרום דינעם שניט פון זיינע ליפּן.

מען האָט באַלד געבראַכט צום טיש געקעכטסן און געטראַנקען, חתיכות פיש פון ים־גינוסר, שטיקער געבראָטן שעפסן־פלייש, געשטאָפּטע הינער און נאָכדעם גלעזער קונדיטון־ווין, געמישט מיט האָניק פון סיקאַ־מאַר־פייגן. אינמיטן עסן האָט מען באַמערקט, אַז דער דרשן עסט ווייניק, ער איז בלויז טועם פון די שופכני־זיתים.

עטלעכע פון די פרושים, וואָס זיינען געזעסן אַנטקעגן זיין טישל, און וואָס האָבן שוין פון לאַנג־אָן געקוקט קרום אויף זיינע דרכים, געהאַט תרעומות פאַרוואָס ער חברט זיך מיט די פּראָסטע פישער־לייט, האָבן געקוקט אויף אים און געשמועסט.

דער דרשן האָט ניט באַמערקט ווי זיי רעדן וועגן אים. ער האָט צו־גערוקט זיין שטול צו די אָרעמע לייט, וואָס האָבן געשמאַק געקייעט ס׳רעשט פון די מאכלים.

די בני־זבדי האָבן אַוועקגערוקט די טעלער און אים געפרעגט:

— רבי, ווען וועט דאָס מלכות פון הימל קומען?

דער דרשן האָט אויפגעהויבן די האַנט:

— אמן, זאָג איך אייך, דאָס קעניגרייך פון הימל איז אין אייך!

אַ ציטערדיקער מורמל איז דורכגעגאַנגען צווישן די פרושים. אַ ברייט־ביייניקער פרושי מיט אַ קורץ בלאָנד בערדל, וואָס איז געזעסן צווישן מורמלענדיקן עולם, האָט זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט:

— זאָג, דרשן פון נצרת, מעג מען זיך חברן מיט מענטשן, וואָס זיינען ניט נזהר אין נטילת ידים, וואָס וואַשן ניט די הענט און זיינען מטמא דאָס ברויט?

— אָמן, זאָג איך אייך, קיין זאַך פון דרויסן, וואָס קומט אַריין אין דעם מענטש, קאָן אים ניט פאַראומרייניקן, נייערט די זאַכן, וואָס קומען אַרויס פון דעם מענטשן, — זיי מאַכן אים אומריין.

— וואָס הייסט דאָס? — האָבן זיך געהערט שטימען. — איז נישטאָ קיין ריין און אומריין ביי יידן?

דער דרשן האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער דאָ איז עפּעס געשען: אַ פרוי, איינגעהילט אין שוואַרצן און ס׳פּנים פאַרשטעלט מיט די הענט, איז

צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו דער דרשן איז געזעסן, איז צוגעפאַלן צו זיינע פיס, און טראָפּנס הייסע טרערן זיינען גערונען פון אירע אויגן.

דער דרשן האָט אויפגעציטערט און זיך געוואָלט עפּעס אָנרופן, אָבער דער עולם פון די אַרומיקע טישן האָט זיך גענומען דרענגען אַרום דער פרוי און דעם דרשן. זיי האָבן געוויזן מיט די פינגער אויף דער אין שוואַרצן איינגעהילטער פרוי:

— דאָס איז דאָך די באַרימטע טענצערין, די זונה, מרים פון מגדל!

הענט האָבן זיך געשטרעקט, זי אָנגעכאַפּט, געוואָלט די פרוי אַוועקשטויסן. אָבער דער דרשן איז אויפגעשטאַנען און זיך אָנגערופן:

— שטיי אויף, מרים! גיי פון דאַנען. דיין זינד איז דיר פאַרגעבן.

די פרוי האָט זיך אויפגעהויבן, זיך געשטעלט לעבן דרשן. איר פנים האָט זי פאַרשטעלט מיט די הענט און געכליפּעט:

— איך בין זינדיק, רבי...

דער דרשן האָט אויפגעהויבן די אויגן:

— האָב ניט מורא, מרים! וואָרים ער שטייט געשריבן, אַז גאָט פאַרשטויסט ניט קיין נפש.

— רבי!... רבי!...

— טרערן רייניקן זינד, טרערן רייניקן זינד...

דעם דרשנס פנים איז געוועזן בלייך ביז צו די וואָרצלען פון זיין באָרד. ער האָט זיך געזעגנט מיטן עולם און איז געשווינד אַרויס אין גאַס. אַ טייל פון עולם איז אים נאָכגעגאַנגען. די זיצנדיקע האָבן געמורמלט מיט תרעומות:

— אַזאַ זונה! האָט ניט קיין בושה! און ער, דער דרשן, שעמט זיך ניט צו חברן מיט זונות, ווען מען דאַרף, לויטן דין, פאַרשטיינען...

ביסלעכווייז זיינען זיך די מקורבים צעגאַנגען. דער דרשן איז געגאַנגען מיט איילִיקע טריט. זיין קלייד האָט זיך געווייסט אין דעם פאַרנאַכט. ער איז געקומען צום טייך, וואָס האָט איצט אויסגעקוקט בלוי — אין דעם לעצטן שימער פון טאָג, מיט זיינע שקיעה־באַגילדעטע כוואַליעס. און אַנטקעגן, איבער די גולן־בערג, איז שוין געווען נאַכט. אַ האַלב־פולע לבנה האָט גרויס און רויט זיך געשניטן אין הימל און איז געווען אַזוי נאָענט צו די בערג, אַז עס האָט זיך געדאַכט: זי הענגט איבער זיי ווי אַ לאַמטערן. באַלד האָט די לבנה באַלויכטן דעם טייך. פון צפון־זייט איז

געקומען אַ קיל ווינטל, וואָס האָט געטריבן די כוואַליעס. דער דרשן איז געקומען צום ברעג און געקוקט אויף די זילבערנע שפּליטערס, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ניט קיין שפּליטערס זיינען דאָס, נאָר טרערן — טרערן פון אַלע באַרויבטע פון גליק, פאַרשעמטע פון גורל. ער איז גע־שטאַנען, און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט:

— טרערן רייניקן זינד, טרערן רייניקן זינד... — — — — — — — — —

העס האָט זיך געאיילט צום קליינעם צימערל אין וווערסאַיל, וואו סיביל האָט געוואוינט. ביים אַריינקומען אין שמאָלן קאָרידאָר, האָט אים סיביל באַגעגנט:

— שעם זיך! האָסט מיך אַזוי לאַנג געלאָזט וואַרטן. אַלע אין טאַנץ־קעלער האָבן זיך גערייצט מיט מיר; געזאָגט, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט קומען. און איך האָב אַזוי געוויינט.

העס האָט זי אַרומגענומען, געווישט די טרערן פון אירע באַקן, גע־פּילט אירע האָר, איר לייב.

— מאָזעס, איך וויל אַן ענטפער. וועסט מיך ניט פאַרלאָזן?

— האָסט שוין מיין ענטפער.

— און דו האָסט מיין האַרץ. עס איז מיט דיר אומעטום, — האָט סיביל אינגאַנצן אויפגעלויכטן.

— אָבער איך מוז פאַרלאָזן פּאַריז. זיך אומקערן קיין קעלן.

— איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיך פאַרלאָזן. דערפאַר האָט מיך דער שלאָף געמיטן, דערפאַר האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געוויינט.

— כ׳וועל דיך אַריבערנעמען קיין קעלן, סיביל.

— איך וועל זיין דיין דינסט אויף אַלע וועגן.

העס האָט זיך געזעגנט מיט סיבילן, זיך געלאָזן מיט די ברוקירטע גאַסן צו זיין האָטעל־צימער. דעם גאַנצן וועג האָט ער געטראָגן מיט זיך איר שיין פּנים מיט די וויינענדיקע אויגן, און שוין איצט פאַרשטאַנען די שייכות פון דער מעשה ביים גליל־ים מיט סיבילן. שוין געווען אַמאָל אַזוינס. — „טרערן רייניקן זינד...״

דער ,,אני מאמין‘‘

ווינטער 1847.

. . . אין דער פרײלעכער פּאַריז איז איצט גאַנץ אומעטיק. די הערן בורזשויען פאַרמאַכן די געשעפטן אַנהויב נאַכט, לײגן זיך, אַזוי פרי שלאָפן, אַז אַרום זיבן אַזײגער דאַרף אַלץ זײן געשלאָסן. דאָס יונגע פראַנקרייך מאַכט שלום מיט דער פּוילקייט און זאַטער רואיקייט.

אין אַ קלײן צימערל אויפן בורדאָן־בולוואַר זיצט דער זעקס־און־צוואַנציק־יעריקער פרידריך ענגעלס און שטודירט די העגעלשע דיאַ־לעקטיק. ער גרייט זיך אָנצושרײבן אַ „קאַטעכיזם", די פּרינציפּן־דער־קלערונג פאַר דעם „לאָנדאָנער קאָמיטעט פאַר פאַרבינדונגען", אַ מאַניפעסט וואָס וועט אָנזאָגן דער וועלט וועגן די צילן פון דעם „פאַרבאַנד פון די גערעכטע".

אַ נײע תקופה אין דער מענטשלעכער געשיכטע קאָן זיך אָנהויבן גאַנץ באַשײדן — ערגעץ אויף אַ געהײמער פאַרזאַמלונג אין אַ קעלער אָדער אויף אַ בוידעם־שטיבל. אונטער דער איבערפלאַך פון עפנטלעכן לעבן — די דערקלערונגען פון רעגירונג־פירער און מיניסטאָרן, באַשלוסן פון פּאַר־לאַמענטן, לײט־אַרטיקלען אין אָנגעזעענע צייטונגען — קריסטאַליזירן זיך אונטערערדיש אידעאָלאָגיעס און עס גרופּירן זיך כוחות, וואָס וועלן אפשר מאָרגן, איבערמאָרגן באַשטימען דעם גורל פון דער וועלט.

זיצט ער איצטער אין דעם קלײנעם צימער און עס קומט אים אַרויף אויפן געדאַנק, אַז פּונקט ווי ער אַצינד, איז מיט יאָרן צוריק געזעסן דער לערער אינעם קלײנעם שטעטל יענאַ און האָט פאַרשריבן די סודות, וואָס דער „שר פון דער געשיכטע" האָט אים אַרײנגערוימט אין אויער.

„דאָס לעבן איז אַ פּראָצעס פון שטענדיקער באַוועגונג צו זיך אַלײן, צו דעם יסוד. געשיכטע איז אַ קרײז אַרום אַ צענטער, אָבער דער צענטער

באַוועגט זיך אויך. ער בלייבט דער אייגענער. ער, דער יסוד, ענדערט זיך אויך, ווערט רייכער, קאָמפּליצירטער, גייט אַרויס פון זיך, ווערט זיין אייגענער היפּוך, זאָגט ניין צו זיך אַליין — און קומט צוריק אויפן וועג פון פאַרניינונג.

„יאָ, העגעל האָט באַוויזן, אַז אַלע מלחמות, אַלץ וואָס מענטשן פאַר־טראַכטן, פירן־דורך — איז נישט מער ווי דער וועג פון דער אידייע צו זיך אַליין. דאָס מיינט, אַז צעשטערן איז אויך אַ בויען — ניין איז דער וועג צום יאָ, דאָס מיינט, אַז געשיכטע אָן רעוואָלוציעס איז אוממעגלעך.

„און אויב געשיכטע איז באַוועגונג און יעדע באַוועגונג איז לייקענען דאָס וואָס איז — ווארים אַנדערש וואָלט דאָך געווען רו, סטאַטישקייט, — איז יעדע לייקענונג געזעצלעך, איז רעוואָלוציע אַ געזעץ פון דער געשיכטע, אַ געבאָט פון דער נאַטור, טאָר ניט זיין קיין רו, טאָר מען ניט זאָגן: מיר האָבן דערגרייכט און מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ...

„די איבערקערעניש איז דעריבער דער פּועל־יוצא פון דער אייביקער אומצופרידנקייט אין דער געשיכטע, וואָס דאָס איז דער קלאַסנקאַמף. איז פון דעם אַליין געדרונגען, אַז דער קאַמף מוז זיך פאַרענדיקן מיטן נצחון פון די דערנידעריקטע: זייער זיג איז שוין געזיכערט צוליב דעם אַליין, וואָס זיי זיינען די אומצופרידענע, שטרעבנדיקע, אַנטקעגן די איינגעזעסענע, זאַטע, וועלכע ווילן מיט אַלע מעגלעכקייטן איינהאַלטן די שוין איינמאָל פעסטגעשטעלטע אָרדענונג. עס הייסט, די דיאַלעקטיק אַליין פירט שוין — מוז פירן — צום זיג.

„אַנשטאָט 'אַלע מענטשן זיינען ברידער', שרייבן מיר אָן אויף אונדזער פאָן: 'פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!' "

מיד געוואָרן פון טראַכטן, גייט ענגעלס אויף אַ שפּאַציר צום טייך.

אָ, די סעין, זי ליגט פאַר זיינע אויגן ווי אַ גרויסער לערנבוך פון דיאַלעקטיק, און אירע שטראָמען דינען פאַר אים ווי בוכשטאַבן, וואָס לייגן צונויף אַ דיאַלעקטישן געזעץ:

אַלץ פליסט און ענדערט זיך, — טרייסט זיך פרידריך. — אויך די בירגערלעכע וועלט וועט זיך ענדערן. דאָס רואיקע בורזשואַזע פּאַריז וועט נאָך דורכלעבן אַ רעוואָלוציע.

די העגעלשע לערע פאַרפלייצט דעם האָריזאָנט פון זיין דענקען, די

ברעגן פון זיין מוח. ער מוז זיך ווידער אומקערן אין צימער, אַרבעטן אויפן „קאַטעכיזם".

• • •

אין רהייניִשן האָטעל אויף רי סען־פּאול איז געמיטלעך און רואיק, אָבער אין האַרצן פון מאַזעס העס כוואַליען געפילן. זינט סיביל איז אין אַ כמורנעם טאָג אַוועקגעפאָרן צו אירע קרובים קיין בעלגיע, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיך. ער עסט ווייניק, שלאָפט בלויז איין שעה און דרייט זיך אַרום אין זיין צימרל פאַרזונקען אין מחשבות.

יאָ, ער מוז זיך צואיילן און צוגרייטן די „פּרינציפּן־דערקלערונג", דעם „קאַטעכיזם". דאָס וועט דאַרפן זיין דער „אני מאמין" פאַר אַלע קאָמוניסטן אין דער וועלט.

און אַז העס רייסט איבער דעם שטראָם געדאַנקען דורך צוגיין צום פענצטער, דערמאָנט ער זיך ערשט אין סיבילן.

אַ גאַנצן זומער האָט זי געוואַרט אויף אים, און אַז עס איז געקומען האַרבסט און זיי האָבן ביידע שפּאַצירט אויף די בולוואַרן, איז שוין געווען געל אין די אויגן פון בלעטערפאַל. אין דער ברוינקייט פון די בלעטער, וואָס האָבן זיך געדרייט אין ווינט, זיך געקייקלט הינטער דיביימער, האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ רויט בלעטל, ווי אַ רויט האַרץ, ווי אַן אָנזאָג, אַז ניט אַלעמאָל ברענגט האַרבסט ווייסקייט, טויט, רו, נאָר אויך רויטע פלאַמען.

— זעסט, סיביל, זעסט, אַ רויט בלעטל!

— רויט איז די קרוין פון ליבע.

— מאַזעס, מאַזעס!

— איך הער.

— לאָמיר היינט באַשטימען, אַז מיר ווערן מאַן און ווייב.

— ניין, איך קאָן ניט בויען קיין הויז. איך מוז פריער אָנשרייבן דעם „קאַטעכיזם".

— וואָס פאַר אַ קאַטעכיזם?

— אַ רויטן קאַטעכיזם.

אויף סיבילס מויל איז געבליבן פאַרשלאָסן דער ענטפער:

— און איך האָב אַ גאַנצן זומער אויף דיר געוואַרט.

אויך ער האָט געטראַכט און ניט אַרויסגעזאָגט:

— ווּעסטו וואַרטן נאָך אַביסל. וואָס עס דאַרף געשען, געשעט דאָך געווייגלעך.

נאָכדעם האָט ער זי באַגלייט צו דער באַן. זי האָט אים אָוועקגעפּאַכעט מיט אַ טיכל, און אַז דער צוג איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער איבערגעלאָזט ניט נאָר אַ רויך, נאָר אויך אַ בענקעניש.

לכתחילה האָט ער געבענקט, נאָכדעם האָט ער די בענקעניש פאַר־טרונקען אין טראַכטן, אין שרייבן.

„מיר זיינען שוין ניט מער קיין גראָז־פרעסער, ווי אונדזערע גוט־מוטיקע אורעלטערן, וואָס זיינען אַמאָל אויך געווען סאָציאַלע חיות, אָבער ניט קיין רויב־חיות, און האָבן זיך געלאָזט פיטערן, ווי די גוטמוטיקע שטוב־חיות. מיר זיינען בלוט־זויגער, וואָס שינדן איינער דעם אַנדערן און פרעסן איינער דעם אַנדערן אויף...

„אַט די משוגעת פון געלט איז אָבער אונדז געווען אַזוי לאַנג צו געזונט און צו הילף, אויף וויפיל זי האָט געהאָלפן צו אַנטוויקלען אונדזערע כוחות און השלמות. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך שוין אַנטוויקלט, וועלן מיר איינע די אַנדערע נאָר חרוב מאַכן, אויב מיר זאָלן ניט איבערגיין צום קאָמוניזם...

„אויף דער אַנטוויקלונג־שטופע, וואָס מיר האָבן דערגרייכט, וועלן מיר איינע די אַנדערע נאָר קאָנען אויסרויבן און אויפפרעסן, אויב מיר זאָלן זיך ניט פאַראייניקן אין ליבע.

„. . . עס וועלן ניט אַריבערגיין קיין יאָרצענדליקער, ביז די הונדערט־פאַך־געשטיגענע פּראָדוציר־קרעפטן וועלן אַריינשטירצן אין דעם טיפסטן עלנט די גרויסע מערהייט פון יענע, וואָס מוזן לעבן פון דער אַרבעט פון זייערע אייגענע הענט, ווייל זייערע הענט וועלן פאַרלירן זייער ווערט: בעת אייניקע ווייניקע, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט אָנקלייבן קאַפּיטאַלן, וועלן זיך באָדן אין איבערפלוס, און וועלן אונטערגיין אויב זיי זאָלן ניט נאָך פריער זיך איינהערן אין דער שטים פון ליבע און שכל.

„. . . מיר שטייען פאַרן טויער און בעטן מען זאָל אונדז אַריינלאָזן.

„דאָס פייגעלע אויף דער צווייג, די ליליע אויפן פעלד, דער הירש אין וואַלד — אַלע רופן: די וועלט איז ליבע, און זיי ענטפערט אַ כאָר פון

דנדיקע, פון קרבנות — ענטפערט פון דער טיפעניש: אַלע מענטשן ינען ברידער!"

• • •

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד זיינען זיי געזעסן און געשריבן, יעדער איינער באַזונדער, און ביידע זיינען געווען זיכער, אַז ווי נאָר די ווערטער וועלן אַרויס אויף דער ברייטער וועלט, וועלן זיי באַקומען אַ גלאָקן־קלאַנג, וועלן רופן צו שטורעם.

אַ ווינטער־נאַכט אין לאַטייניש קוואַרטאַל. דער צימער איז אָנגעפילט מיט מענטשן און מיט רויך.

אַ גרופּע גאַרבער און שניידער, וואָס מען רופט „שטאַוביגגער", און עטלעכע שניידער, וואָס רופן זיך „אמתע סאָציאַליסטן", דיסקוטירן ערנסט אַן אַרטיקל אין דער „דייטשער אַלגעמיינער צייטונג".

עמעצער ברומט־אונטער אַ פראַגמענט פון היינעס אַ ליד „די וועבער":

„דייטשלאַנד, מיר וועבן דיין טויטן־טוך,
מיר וועבן אַריין דעם דרייפאַכן פלוך,
מיר וועבן, מיר וועבן!"

אין אַ ווינקל זיצן צוויי. איינער אַ בלאָנדער, אַ בלוי־אויגיקער. דער צווייטער מיט אַ מאָגער און איילבירט־פאַרביק פנים. יעדער איינער איז פאַרטיפט אין דעם אַנדערנס מאַנוסקריפּט.

דער בלאָנדער הייבט אויף די העל־בלויע אויגן:

— ניין, מאָזעס, צופיל סענטימענטאַליזם, אַבסטראַקציע. מענטש איז אָבער ניט קיין אַבסטראַקטע קאַטעגאָריע.

— מען דאַרף דערוועקן דעם געוויסן, — ענטפערט דער איילבירט־פאַרביקער.

— אויב אַזוי קומט אויס, אַז ראָטשילד, צום ביישפּיל, וואָלט געקאָנט ניט דערלאָזן די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ווען ער וואָלט געווען נאָר אַביסל געוויסנהאַפטער, — ווערט דער בלאָנדער ערנסטער.

— געדענקסט, פרידריך, מיין רעדע אין עלבערפעלד? — פאַרקנייטשט דער איילבירט־פאַרביקער זיין ברייטן שטערן און זיינע אויגן פינקלען.

— וועלכע רעדע?

— „גערעכט זיינען די נביאים, די איינציקע וואָס האָבן געגלויבט, אַז אַלץ איז ליבע. און ווען זיי האָבן געפרעגט, וואָס איז די פליכט פון דעם מענטשן, וואָס וויל גאָט פון אים? האָבן זיי געענטפערט: אַזוי ווייניק — נאָר דיך אַליין. דיין האַרץ, דיין ווילן, דאָס וואָס דו ביסט און נישט דאָס וואָס דו האָסט.״

— אידעאַליסטישע פראַזן, חבר! שטאַרקער פון יעדן ווילן איז דער מוח, איז די נויט. מיר וועלן גיין דורך דעם נויטווענדיקן האַס, פון דער באַיאָאונג, דורך דער פאַרניינונג צו רער נייער באַיאָאונג. איבערריקנס, איך וועל קומענדיקן פרייטיק אַנאַליזירן דיין „קאַטעכיזם״ פונקט נאָך פונקט. וועלן מיר זען מיט וועמען די אַרבעטער וועלן מסכים זיין.

עס איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט, ווען העס איז אַרויס פון פאַראיין. אין די בולוואַרן האָבן זיך געבויגן ביימער. אין די דורכלויכטן פון די ביימער האָבן זיך געטונקלט שווערע און שטומע שטיקער הימל, אָנגעגאָסענע מיט גרינלעכער פאַרטאָגיקער שיין.

פאַרענדיקט זיין „קאַטעכיזם״, האָט העס דערפילט, אַז עד האָט מער ניט וואָס צו טאָן אין פאַריז. ענגעלס איז אַהיימגעפאָרן קיין באַרמען און ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך סיבילן. ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ברוסעל.

פאַר זיין אָפּפאָר איז ער אַרויף צו היינריך היינען. אים איז שטאַרק שווער געווען זיך צו שיידן מיט דעם גרויסן דיכטער, וואָס איז שוין געלעגן אויף זיין קראַנקן־בעט, אויסגעצערט, מאָגער ווי אַ סקעלעט, און דאָך געשפּרודלט מיט חכמה, מיט שאַרפזין.

— ווייסט, מאָזעס? רוגע רופט דיך רבי משה.

— איך ווייס.

— וויל איך דיר זאָגן, אַז איך גרייט זיך שוין בקרוב אין וועג אַריין...

— וועסט לעבן, וועסט לעבן, היינריך!

— די גריכן זאָגן: „די געליבטע פון גאָט שטאַרבן יונג.״

— דערפאַר רופט מען מיך רבי משה, איך זאָל ניט האַלטן פון די גריכן.ביידע האָבן זיך האַרציק צעלאַכט.

אין בריסעל

טריבע טעג. אַ געדיכטער נעפּל, ווי אַ רויכערדיקער וואָלקן, הענגט פון אינדערפרי אָן איבער בריסעל. פון טאָג צו טאָג וויקלט זיך די שטאָט אַלץ־מער אין נעפּל־שלייער. די לופט איז אַזוי געדיכט, כאָטש נעם און האַק זי מיט אַ האַק.

פאַרנאַכט, אַז העס גייט צו מאַרקסן אין צימער, זעט ער גאָרניט. ווי אַ שלייער פון טונקל־גרויען זייד פאַרדעקט דער נעפּל די קאַטעדראַלע, דאָס שמאָלע געסל די דע אַליאַנץ, וואו עס געפינט זיך מאַרקס׳וואוינונג.

אין איין פאַרנאַכט, ווען העס איז אַריין צו מאַרקסן, האָט ער געהערט, אַז אַ גאַסט איז דאָ אין שטאָט — ווילהעלם וויטלינג. זיין חבר ענגעלס האָט אים דערציילט, אַז זיי האָבן געשמועסט צוויי טעג און האָבן נאָך גאָר־ניט פאַרענדיקט. איצט זיינען זיי ביידע אין קאַפע.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען העס איז געקומען, האָט ער דאָרט געטראָפן דעם גאַסט.

— חבר העס, זייט באַקאַנט.

— אָ, מיר קענען זיך, — האָט העס געדריקט וויטלינגס האַנט. געדענקט איר, וויטלינג, אייער רעדע אין וואופּערטאַל? מעג איך זי איבער־זאָגן פאַר די פריינט?

— מיט פאַרגעניגן! דערציילט, דערציילט.

— חבר וויטלינג האָט מיט זיין רעדע בלויז נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט דעם געדאַנק, אַז יעדער מענטש שטרעבט צו גוטסקייט, צו שיינקייט. אָבער איין אינטערעסאַנט וואָרט איז מיר פאַרבליבן אין זכרון. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, האָט איר, חבר וויטלינג, געזאָגט, אַז משהס זינד אין דער ביבל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געשלאָגן דעם שטיין; צו אַ שטיין דאַרף מען רעדן, ניט הייבן קיין שטעקן אויף אים, בפרט נאָך צו אַ מענטשן. —

— וועגן דעם רעדט מען דאָך, — האָט מאַרקס ברייט געשמייכלט. — גיי, רעד צו שטיינער!...

עס איז געוואָרן שטיל. וויטלינג לאָזט אַרונטער די אויגן. העס קוקט אויף מאַרקסן מיט געמישטע געפילן פון יראת־הכבוד און מורא. מאַרקס' מעטאַלענע שטים בויערט די שטילקייט:

— הערט, וויטלינג; הערט, העס: ניט אַלעמאָל קאָן מען רעדן, אָפט דאַרף מען שלאָגן, שלאָגן האַרט. און אַז עס איז אויף דער וועלט קריג, וועט איר אַרויסגיין מיט אַ טייטל און ווייזן אַ פסוק אין דער ביבל?...

טאָג נאָך טאָג ציט זיך אַ דיסקוסיע צווישן די צוויי: מאַרקס און וויטלינג.

העס דערוואַרט זיך קוים די רגע, ווען ער קאָן אַוועקגיין פון זיין צימער און קומען צו מאַרקסן, וואָס זעט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ פאַר־באָרגענע הייל, וואו נביאים האָבן זיך באַזעצט, צירקלען אַ צירקל, קרייזן געדאַנקען, אַ קרייז נאָך אַ קרייז.

דער בלאָנדער פרידריך ענגעלס זיצט דערביי אַ שווייגנדיקער, וואַרפט פון צייט צו צייט אַריין אַ וואָרט. אויך העס שווייגט. ס'ווילט זיך אים זיצן שטום, אין אַ זייט, און הערן, איינזאַפּן און איבערוועגן אייגענע געדאַנקען. עס טרעפט, אַז ביידע איינגעשפּאַרטע וואַרפן בליקן אויף אים און מאָנען:

— וואָס זאָגסטו? אויף וועמענס זייט ביסטו?

אָבער ער רעדט ניט. ער איז יוצא מיט דעם, וואָס ער איז מסכים אין דער מחשבה. גיט אָפילו ניט קיין שאָקל מיטן קאָפּ, אָבער זיין פּנים שיינט־אויף. מען זעט בחוש ווי אים איז גוט — גוט, וואָס ביי אים אין מוח ווערן קלאָר אַ סך זאַכן.

ווען די צוויי שטרייטנדיקע רייסן־איבער די דעבאַטע, פילט העס ווי זייטן און שפּיצן פון געדאַנקען, פון פראַגן, ווערן אַלץ־מער אָפּגעשליפן, און ס'צאַפּלדיק האַרץ שטעלט זיך אָפּ ווי אַ זייגער אויף דער וואַנט, וואָס הערט־אויף מיטאַמאָל צו קלאַפּן. און אַמאָל, פאַרקערט, הייבט דאָס האַרץ אָן פּלוצים שלאָגן ראַשיק און גיך, ווי אַ כוואַליע וואָלט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן און פאַלט באַרג־אַראָפּ איבער שטיינער...

יעדן צווייטן טאָג קומען זיי זיך צונויף אין קליינעם אָנגערויכערטן צימער, און באַלד צעוויקלט זיך דער וויכוח, אָן אָפּענער, אָן ערנסטער.

— די אידייע פונעם „בונד פון די גערעכטע" איז שוין ניט אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דער צייט. פאַר די קאָמוניסטן מוזן מיר אויסאַרבעטן אַ נייע פּראָגראַם, — הייבט־אָן מאַרקס.

— איך ווייס ניט ווי אין לאָנדאָן, ווי אין פּאַריז; אין דייטשלאַנד איז די לאַגע אַנדערש, — ענטפערט וויטלינג.

— ווילט איר פאַרזעצן דעם נעכטיקן שמועס? לאָמיר אָנהויבן, — זאָגט וויטלינג.

— יאָ, איך וואָלט וועלן איר זאָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געהעריק פאַרשטיין דעם פילאָסאָף העגעל.

דאָ הייבט מען אָן שפּאַצירן איבערן צימער. מאַרקס — שמאָל־בייניק, מיט אַ קיילעכדיקן באַוואַקסענעם קאָפּ און שאַרפע אויגן, וואָס ליכטיקן מיט פלאַמען און שפּריצן אָפּט מיט פונקען. ער איז אָנגעטאָן אין אַ סאַמעטענעם זשילעט. ער רעדט פעסט און הילכיק און זיינע אַקסלען באַוועגן זיך מיט עקשנות.

וויטלינג איז העכער און ברייטער. די אויגן — מילד און פאַרטראַכט, אָנגעשטרענגט הינטער די גלעזלעך. שוועבט ער שטיל נאָך מאַרקסן און מאַרקס גיט זיך אַ קער, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט, און מיט זיין הילכיקער שטים, וואָס פאַרמאָגט ברייטע אונטערשטע טענער, הייבט ער אָן צו ברומען, און ס'דאַכט זיך, אַז די ווענט און דער באַלקן ברומען צו.

— איך פרעג: אין העגעלן זייט איר קלאָר?

— געשטודירט. כאָטש מיך אינטערעסירט מער קאַנטס „ריינער פאַרנונפט". איך ווייס דאָך, אַז איר זייט העגעלס נאָכפאָלגער.

— ניין, פאַרקערט. ביי העגעלן שטייט די דיאַלעקטיק אויפן קאָפּ, איך וויל זי אַוועקשטעלן אויף די פיס, כדי אויפצודעקן דעם ראַציאָנאַלן קערן אונטער דער מיסטישער שאָלעכץ.

— פילאָסאָפיע איז ריינער פאַרנונפט, שטרעבט צו דערגיין די ווירקלעכע וואָרהייט... די וויסנשאַפט פאַרשט דעם אָביעקטיוון אמת. זיי ביידע ווייסן ניט פון קיין פריינט... דער אייביקער אמת . . .

— אידעאַליסטישע נאַרישקייט, פלוידעריי... ניטאָ קיין אייביקער אמת!

— ס'וועגדט זיך ווי מען קוקט אויף פילאָסאָפיע...

— זיכער, פילאָסאָפן טראָגן אַנדערע ברילן, געלערנטע — אַנדערע, אָבער די גלעזלעך פון בײדע זײנען פון קלאַסן־קאָליר...

— מען קרײזט אַ קרײז, מען צירקלט אַ צירקל, — טראַכט העס.

— אַ וואולגאַריטעט! ניט איר דאַרפט עס באַנוצן, — ענטפערט ווײט־לינג. — די דענקענדיקע פּערזאָן, די אינטעליגענץ געהערט דער גאַנצער געזעלשאַפט, זי איז אויסער קלאַסן, זי איז איבער קלאַסן...

— האָט איר שוין אַמאָל געזען, אַז אַן אײזערנער דאַך זאָל ליגן פינף הונדערט מײל איבער דער געבײדע, אַז אַ בריק זאָל הענגען איבער די זײלן? אויף וואָס וועט עס זיך האַלטן? נײן, אַ בריק הענגט ניט אין דער לופטן. אויך אַן אידײע מוז זײן אויף עפּעס אָנגעבויט, דאַרף עפּעס פאַר־דעקן, מוז זיך אויף עפּעס שטיצן.

— אַ בײשפּיל איז ניט די זאַך אַלײן, אַ בײשפּיל שפּיגלט אָפּ די זאַך, אָבער שטעלט ניט פאָר די עצם־זאַך. די אידײע דערהײבט זיך איבער אינטערעסן. די אידײע האָט אָפּגעשאַפט שקלאַפערײ קעגן אירע אײגענע אינטערעסן, די אידײע וועט באַפרײען דעם אַרבעטער־קלאַס.

— קעגן אײגענע אינטערעסן? ניט אמת. און וואָס איז די איצטיקע סאָציאַלע לאַגע, ניט די זעלבע ווי די אַמאָליקע קנעכטשאַפט? האָט איר געלײענט פרידריכס בוך „די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד"?

שפּאַנט מען, שפּאַנט מען און מען דרײט זיך אין אַ צירקל.

— דער גײסט, אין דער געשטאַלט פון דער פאָרגעשריטענער אינ־טעליגענץ, טראָגט דער מענטשהײט די אויסלײזונג. די וויסנשאַפט אַנט־דעקט נײע אוצרות פון דער נאַטור, ברענגט נײע דערפינדונגען. די מאַטעריעלע קולטור שטײגט מיטן פּראָגרעס פון גײסט.

— גײסטיקער פּראָגרעס איז ניט קײן טרײסט. טרײסטן אַ שקלאַף אָנשטאָט צו דערוועקן אין אים אַ ווילן פאַר אַן אויפשטאַנד, מײנט בלויז העלפן זײן האַר, מײנט אים נאָך מער צו פאַרשקלאַפן.

— מאַרקס, וואָס ווילט איר? צו די אַלטע מלחמות צווישן די פעלקער, ווילט איר צוגעבן נײע, פאַרביטערטע קריגן אין פאָלק, צווישן די באַ־זונדערע טײלן פון פאָלק...

— און איצט, האַלט איר, איז יאָ דאָ פרידן? אַן אײגנטימער פון אַ פאַבריק און זײן אַרבעטער; אײנער ציט פּראָפיטן און דער אַנדערער

שקלאַפּט — דאָס מיינט פרידן, רו; און אַז דער אַרבעטער זאָל זיך אויפ־שטעלן קעגן זיין אונטערדריקער, אַז דער פּראָלעטאַריער זאָל אָנהייבן רייסן די קייטן — דאָס איז שוין קריג, ברודער־קריג? האַ? זיי זיינען, הייסט עס, לייבלעכע ברידער, די רויבער מיט די באַרויבטע, די אונטער־דריקער מיט די אונטערדריקטע?

דער וויכוח הערט אויף. ווייט, פאַרוועבט אין מחשבות, זיצט העס. האַלט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און קלערט איבער די געדאַנקען, וואָס קרייזן איינער נאָכן אַנדערן. אַ קרייז נאָך אַ קרייז.

• • •

אין פאַרגלייך מיט דער נעפּלדיקער גראָוקייט אין די געסלעך ביי דער רוימישער קאַטעדראַלע, איז דאָ אויפן „גראַנד־פּאַלאַץ", געוועזן העכער, ליכטיקער. פון די פענצטער אין דער „קאַפע סין" האָט זיך אַ פאַרביסענע שיין פון אַ לאָמפּ געטוקט אין דער פאַררויכערטער לופט.

העס איז צוגעגאַנגען צום גאַנעקל, וואו ס'איז געהאַנגען אַ שילד מיט צעפּלאָנטערטע אותיות — „קאַפע סין".

אינעווייניק איז געווען אָנגערויכערט. אויף טישלעך זיינען געשטאַנען גלעזער ביר, שאַלן שוואַרצע קאַווע. ערגעץ אין דער טיף פונעם לאַנגן צימער האָט זיך געפּאַרעט אַ ברייטע קעלנערין, מיט אַ קאָלירט טיכל דעם קאָפּ פאַרבונדן. די מענטשן ביי די טישלעך האָבן מיט טיכלעך געווישט דעם שוויס פון די פּנימער און גערופן ס'מיידל, וואָס האָט געטראָגן גלעזער ביר.

— מאַדמאַזעל, אין מיר האָט איר פאַרגעסן?

— ענגעלס, הייסט דערלאַנגען ליקער. מאַרקס האָט נאָר־וואָס פאַר־ענדיקט שרייבן, — האָט זיך דערהערט אַ דין קול פון אַן אַרבעטער, וואָס דער קאַפּעליוש איז ביי אים געווען אָנגערוקט ביז די אויערן.

העס איז צוגעגאַנגען צו מאַרקס' טישל.

— האָט איר פאַרענדיקט דעם „קאַטעכיזם"?

— דעם „מאַניפעסט" מיינט איר?

— יאָ.

— פאַרענדיקט. וועל אים באַלד פאַרלייענען.

העס האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ מידער און אַן אָפּהענטיקער. געהאַט צער פאַרוואָס זיין אַרבעט „רויטער קאַטעכיזם" איז ניט צוגעשטעלט גע־

וואַרן צו דער לאַנדאַנער ביוראָ פון „קאָמוניסטן־פאַראיין". אין דרויסן האָט אָנגעהויבן רעגענען. ס'האָט געשמיסן אין די שויבן מיט רעגן און מיט קרעכצנדיקן ווינט.

ענגעלס איז צוגעגאַנגען מיט עטלעכע אַרבעטער. מען האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום טישל. מאַרקס האָט שטילערהייט געלייענט:

„אַ געשפּענסט גייט אום איבער אייראָפּע. — — די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף — — —"

אין דרויסן האָט זיך צעשפּילט דער שטורעם, געפייפט פון יענער זייט פענצטער.

שפּעט אין אָוונט איז מען אַרויס פון קאַפע. ס'איז געווען פינצטער, די אויגן אויסצושטעכן.

מאַרקס האָט זיך געהאַלטן אין ענגעלסן. מ'איז געגאַנגען, ביז מען איז געקומען צו דער קאַטעדראַלע, וואו אַן איינציקער לאַמטערן האָט זיך געוואָרגן מיט דער פינצטערניש און איינזאַם געהיט די פאַרשלאָפענע געסלעך.

העסן איז נאָכגעגאַנגען דער פייערדיקער געשריי פון דעם נאַר־וואָס פאַרענדיקטן מאַנוסקריפּט:

— אַרבעטער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

און שפּעט ביינאַכט, ווען ער איז שוין געלעגן אויף זיין געלעגער, האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דעם נייעם אָנגעשריבענעם דאָקומענט. ער האָט געזען פאַר זיך די הויכע קאַטעדראַלע פון ברוסעל, אַ גאָטישע, אַ האַרבע, אַ פינצטערע, רוימישע. און הינטער דער קירך — די פאַררויכערטע „קאַפע סין", וואו איבער אַ שאָל ביטערער קאַווע זיצט דער אַכט־און־צוואַנציק־יאָריקער מאַרקס מיט די קויל־שוואַרצע אויגן און פעך־שוואַרצן בערדל און קריצט דעם פּסק־דין פון דער געשיכטע.

1848

25טער פעברואַר, 1848. די פּאַריזער מאַסן האָבן געשטירצט די אָפּ־געשטאַנענע רעגירונג און איינגעשטעלט אַ ציטווייליקע רעגירונג, וואָס פאַרטרעט דעם פאָלק. פון פּאַריז טראָגט זיך דאָס פייער פון דער רעוואָ־לוציע. אין עטלעכע וואָכן דערגרייכט עס שוין ווין און בערלין.

העס באַשליסט גלייך צו פאָרן צוריק קיין פּאַריז. פאַרן אָפּפאָרן גייט ער אַרויף צו מאַרקסן.

— ליבער מאַרקס! איך האָב ערשט איבערגעלייענט דיין „מאַני־פעסט". ער איז דערשינען צו שפּעט, ער זאָל האָבן אַ ווירקונג אויף דער צוגרייטונג פון דער רעוואָלוציע. דאָך האָט דיין צאָרן און שטורעם גע־בראַכט דעם פרילינג. איך גלויב אין דיין פירערשאַפט און דיין שאַפונג. —

פון פּאַריז ביז קעלן, פון בערלין ביז ווין איז די ידיעה געפלויגן, אַז איצט, אין פרילינג פון 1848, האָט דאָס פאָלק גענומען די דעמאָקראַטיע אין די הענט. איצט וועלן מוזן אומעטום איינגעשטעלט ווערן פאָלקס־רעגירונגען. דער „פרילינג פון פעלקער" האָט זיך אָנגעהויבן. אומעטום איז געוואָקסן די האָפענונג און עס האָבן זיך פאַרשפּרייט די פלאַמען פון גלויבן אין די כוחות פון פאָלק.

די געשעענישן האָבן זיך אַלץ־מער און אַלץ־האַסטיקער צעוויקלט, אַז עס איז פאַר דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ פון פראַנקרייך ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי צו אָרגאַניזירן אַן עמיגראַנטן־אַרמיי צו באַפרייען דייטשלאַנד.

אין אַ פרילינגדיקן פּאַריזער באַגינען, ווען משה העס האָט פאַר זיך קלאָר געהאַט זיין אויפגאַבע: אַוועק קיין באַדען און זיך גלייך שטעלן אין איין ריי מיט די דרייסטע און פאַרצווייפלטע קעמפער, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט די ריזיקע שווערקייט, וואָס ער האָט זיך גענומען נעכטן אין „קאָמוניסטישן פאַראיין".

— משה, — האָט אים זיין ברודער פּנחס געזאָגט, ווען משה העס האָט מיט אים איינגעטענה׳ט, אַז סך־הכל וויל ער גאָר איינפירן אויף דער וועלט ניט ווייניקער ווי דעם סאָציאַליזם, — סאָציאַליזם, ווייס איך וואָס! דאָס איז אייגער פון דיינע יוגנט־חלומות, אַ פּוסטער חלום, ווי משיח... אָט קומט אַ בלוט־בלבול, אַן עלילת־דם, אַזאַ ווי מיט אַן ערך אַכט יאָר צוריק אין דמשק, איז אויס מיט אַלע דעמאָקראַטישע און הומאַניסטישע חלומות!

ניין, ניט אין דעם ליגט די שוועריקייט, — האָט אין יענעם באַגינען משה העס געטראַכט. — דער איצטיקער קאַמף האָט שוין סיי־ווי אויס־געמישט אַלץ אין איין קעסל, און עס איז שווער אָפּצוטיילן אַ ייד פון אַ ניט־ייד. דער ייד דאַרף דעם גוי און דער גוי, פאַרקערט, דעם ייד, כאָטש פאַרוואָס „פאַרקערט״ האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

ניין, ניט אין יידן גייט עס. עס ווילט זיך אים איצט גאָר אַרויסלאָזן צו יידן אַזאַ מין רוף:

„יידן, וואַרפט אַוועק אייער מסחר! קומט מיט מיר אויף די באַריקאַדן. לאָמיר מאַכן אַ סוף, אַן עק, איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווערן גלייך. גענוג גע־שלאָגן געוואָרן! פאַראַן אַ געלעגנהייט אַ קלאַפּ צו געבן. אַ קלאַפּ צו געבן און נאָכדעם איינשטעלן די פרייהייט און די גלייכהייט פאַר אַלעמען.״

אין דעם דאָזיקן האַרבסטיקן באַגינען האָט זיך גאָר משה העס אין שטומער בענקשאַפט דערמאָנט אין זיין מאַמען. די פרומע מאַמע זיינע האָט אין שטילער בענקשאַפט אָפּגעלעבט איר לעבן, אין שטילער בענקשאַפט נאָך בייזע צייטן, נאָך ליכטיקע טעג, וואָס אַנטקעגן זיי זיינען די איצטיקע טעג שטאַרק חושך. ער, משה, דער יינגסטער זון אירער, האָט ביז זיין 13טן יאָר אויך געלעבט און געטוקט זיך אין איר עקסטאַז און ניט געוואוסט קיין אַנדער פרייד ווי זיצן לעבן איר און הערן איר שטילן און זאַפטיקן מעלאָדישן געבעט פון דער מוטער רחל אויף אירע פאַרטריבענע קינדער.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל לעבט אַזוי ווי די מאַמע — יעדערער אין דער שיין און פרייד פון דערוואַרטונג אויף יענע צייטן, וואָס וועלן קומען. די מאַמע, זיין זיידע, די דאָזיקע צווייַ מענטשן האָבן ווירקלעך עפּעס פאַרמאָגט אויסער דער שטוב, דאָס צוקער־געשעפט און די זילבערנע און גאָלדענע חפצים: אין די פינצטערע ווינקלען פון זייער אַלטער יידישער שטוב האָבן זיי זיך פון שפּינוועבס ליכטיקע חלומות אויסגעוועבט און געלעבט דערמיט, דער זיידע און די מאַמע, ביזן טויט.

ער, משה — ביז ער איז צום טאַטן אין געשעפט אַריין, ביז ער איז קיין באַן געפאָרן, מיט מאַרקסן זיך באַקענט און איז קיין פּאַריז אַוועק.

דעם חשבון וועגן יידן האָט שוין העס פאַר זיך געמאַכט, און עס איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז עס שטימט. איצט האָט אָבער אַן אַנדער שווערינקייט געדריקט. די דאָזיקע שווערינקייט איז געווען: סיביל.

ווען ער איז געכטן פון פאַראיין אַהיימגעקומען, האָט סיביל מיט אַ פייכטן בליק פון די גרויסע, שטאָל־בלויע אויגן אויף אים געקוקט:

— אַזוי שפּעט, מאָזעס... פאַרהאַלטן...

און אַ היץ און אַ פאַרב האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין און די שפּיצן אויערן האָבן ווי מיט פייער געטריפט.

העס איז מיט סיבילן זיך צונויפגעקומען פּשוט, ווי דערוואַקסענע מענטשן, אָבער געפילט האָבן זיי זיך דערנאָך פאַרשיידן. העסן איז געוואָרן לייכטער און גרינגער אין געמיט און אין געדאַנק. ער האָט געהאַט דעם געפיל, ווי ער וואָלט עמעצן אַ דאַרשטיקן אָנגעטרונקען מיט ווייך פון זיין בלוט, און הינטער דער נשמה איז ביי אים געלעגן אַזוינס, וואָס האָט אים דאָס לעבן אין בונטער רויטער פרייד באַפאַרבט. ער האָט דאָס דאָזיקע מיידל געראַטעוועט פון שאַנד און דערפאַר זי פּשוט ליב באַקומען, און איבערגעלאָדן פון זיך צו איר דאָס איבעריקע ביסל ענערגיע, וואָס האָט ביי אים אין קערפּער געברויזט.

און סיביל האָט געפילט אַנדערש. זי האָט מיט פּלוצים־אויס־געוואַקסענער באַדערפעניש, וואָס איז גיך איבערגעגאַנגען אין אַ פאָדערונג, געגאַרט די דאָזיקע מינוט פון העכסטער דערנעענטערונג מיט העסן, וואָס האָט איר נשמה ווי אין אַ דלאָניע פאַרכאַפּט און ביז זיסן ווייטיק פאַרקלעמט.

אָבער ווען די דאָזיקע מינוט איז אָנגעקומען, האָט זי פּלוצים אַ ווייטיק און עקל דערפילט. אַ ווייטיק און עקל צו זיך, ניט צו העסן — און בלויז זיינע מידע, גרויע אויגן, וואָס זיינען נאָענט איבער אירע אויגן געהאַנגען, האָבן עטוואָס דעם ווייטיק געלינדערט, דעם עקל באַטויבט.

און ווען די דאָזיקע מינוט איז פאַרביי און ניט געוואָרן, ווי זי וואָלט אין תהום פאַרזונקען, איז צום ווייטיק און עקל, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרגיין — אַן אומצופרידנקייט, אַ שטילע אַנטוישונג אָנגעקומען. ווען אויך דאָס האָט אָנגעהויבן פאַרגיין און ניט ווערן, האָט פּלוצלונג אויפגעברויזט אין איר בלוט אַ נייע שטורמישע באַדערפעניש, אַ נייע דראָענדיקע פאָדע־

רונג און אַ מאָדנער פּחד פֿאַר אַ נייער, גרעסערער אַנטוישונג, וואָס דאַרף, וואָס מוז, וואָס וועט געוויס אָנקומען נאָך דער צווייטער מינוט פֿון העכסטער דערנענטערונג מיטן מענטשן, וואָס איז איר אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך נאָענט און ליב געוואָרן.

אָט דער פּחד, סיבילס, איז געווען די שווערקייט, וואָס העס האָט געדאַרפֿט בייקומען אויף זיין נייעם וועג צום קאַמף אין יענעם יאָר פֿון „פֿעלקער־פֿרילינג" — 1848.

אין יענעם פֿרילינגדיקן פֿרימאָרגן איז סיביל גלייך נאָכן אויפֿשטיין געווען עטוואָס אויפֿגערודערט און שטיל געפֿרעגט העסן:

— פֿאָרסט טאָקע אַוועק? אויף שטענדיק?

— יאָ.

— מאָזעס, — האָט סיביל מיט אַ ליידנדיקער מינע געזאָגט, — איך וואָלט געוואָלט מיט דיר רעדן.

העס האָט אַ שמייכל געטאָן, פּונקט אַזוי ווי עס שמייכלט אַ דער־וואַקסענער, ווען אַ קינד דערמאָנט אים אין עפּעס אַ צוזאָג.

— נו, גוט... רעד... איך וועל הערן...

סיביל האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע בלויע אויגן און געשוויגן. העס האָט דעם דאָזיקן בליק אירן אויף זיך געכאַפּט און געזאָגט:

— ס'איז מיט דיר מאָדנע. ווען איך האָב דיך צום ערשטן מאָל באַ־געגנט, איז דער בליק ביי דיר געווען, ווי דו וואָלסט געוואַרט אויף מיר. ווען איך וואָלט ניט געווען . . . נו, ווען איך וואָלט געווען אַן אַנדערער, וואָלט איך דיך מסתמא אַרומגעכאַפּט און אַוועקגעשלעפּט דיך ערגעץ . . . ווי יעדער פֿרעמדער שלעפּט אַ מיידל . . . אָבער מיר האָט זיך דווקא גע־וואָלט דיך אַרויסשלעפּן פֿון יענעם זומפּ. דו האָסט מיך פֿאַרשטאַנען?

— יאָ.

— גוט. דאַרפֿסט אַליין אויך וועגן עפּעס אַנדערש טראַכטן. . . . ווער ביסטו דען? — האָט ער כמעט ווי זיך אַליין געפֿרעגט. — דו ביסט דאָך אַן אָרעם מיידל, פֿון אַרבעטער־עלטערן.

— יאָ.

— אָט . . . און איך בין אַ רייכן יידנס אַ זון . . . פֿאַר מיר הויבט זיך ערשט איצט אָן דער קאַמף. לעבן הייסט קאַמף, פֿאַרשטייסט?

דערנאָך האָט ער זיך עטוואָס נעענטער צוגערוקט צו איר, אַריינגעקוקט איר טיפער אין די אויגן און געפרעגט:

— ביכער האָסטו געלייענט?

— יאָ.

— פאַראַן אַזאַ וואָרט „סאָציאַליזם“ — דו ווייסט, וואָס דאָס וואָרט באַדייט?

— יאָ.

— דו ווייסט יאָ? פונוואַנען האָסטו זיך עס דערוואוסט?

זי האָט אַ ווײלע געשוויגן, געשמייכלט מיט יענעם אומרואיקן שמייכל, וואָס שטאַמט פון ניט־זיכערקייט, פון שרעק פאַר פאַרלירן עפּעס נאָענטס און טייערס. אָבער — ווען זי האָט געהערט ווי ער האָט אַ פאַרטראַכטער, ווי פאַר זיך, געזאָגט, אַז ער האָט זיך ניט גערעכט, אַז זי זאָל עפּעס וועגן סאָציאַליזם וויסן, האָט זי געפילט, אַז מיט עפּעס איז דער דאָזיקער מענטש אָנגעבונדן צו איר, און זי האָט ניט געקאָנט געפינען די פּאַסיקע ווערטער אים צו זאָגן וואָס זי פילט, וואָס זי טראַכט. האָט זי גערעדט צו אים און כמעט ניט געהערט די ווערטער, וואָס זי האָט צו אים אַרויסגעזאָגט:

— מאָזעס, עפּעס ציט מיך צו דיר . . . דו ביסט אַ סאָציאַליסט, יאָ, איך ווייס . . . מען האָט מיר דערציילט. און דו ביסט אַ ייד. דיין פאָטער וועט זיך דערוויסן, אַז דו ביסט מיט מיר, ווער ווייסט וואָס ער וועט דיר טאָן?...

העס האָט זיך נעענטער צו איר צוגעזעצט. ער האָט אין איר שמאָלן, עטוואָס־לענגלעכן פּנים אַריינגעקוקט. ער האָט אירע דינע, שטייפע ליפּן דערזען. אים האָט פּלוצלונג אַ באַהאַלטענע פרייד אַרומגעכאַפּט פון דעם געדאַנק, אַז די דאָזיקע ליפּן האָט ער פייכטע און וואַרעמע אויף זיינע געפילט. ער האָט וועגן דעם געטראַכט און דעריבער ניט באַמערקט ווי סיביל איז פון זיין נאָענטקייט אויפגעברויזט געוואָרן; ווי די הויט האָט אויף איר שטיל געציטערט. זי איז פון זיין פאַרטראַכטקייט, פון זיין נאָענטקייט און פונעם שמייכל, וואָס האָט געשפּילט אין זיינע אויגן־ווינקלען, אַלץ־מער אויפגערודערט געוואָרן.

זי האָט זיך פאַרטראַכט און באַלד געזאָגט:

— איך וויל זיין מיט דיר, מיט דיר צוזאַמען אין דער עמיגראַנטן־

אַרמיי אַוועק. דיין פֿאָלק איז — מיין פֿאָלק. דיין אידעאַל — אויך מיינער.

און דעמאָלט האָט זי אים מיט איר שטילן דראַנג, מיט איר הייסן באַגער אָנגעשטעקט. דעמאָלט האָט ער אָפּגעדעקט פֿאַר איר דאָס לעבן, אַראָפּגעריסן אַלע צודעקן, באַוויזן איר די נאַקעטקייט, דעם שווידערלעכן לעבנס־דאָרשט, וואָס ווערט קיינמאָל ניט געשטילט. דעמאָלט זיינען דאָס זיינע אויגן איבער אירע אויגן געהאַנגען אַזוי נאָענט און ליב און אַלץ נאָך דערוויל בלויז צוגעזאָגט — אָבער ער האָט איר דעמאָלט עפּעס יאָ צוגעזאָגט:

— גוט, וועסט זיין מיט מיר...

און אַ יונגע פֿרייד, אַ נאָך ניט־פֿאַרזוכטע, האָט אים די איבעריקע ווערטער אין האַלדז געשטיקט.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געכאַפּט און מיט באַהאַלטענער שרעק איר געמאָלדן:

— אָבער . . . סיביל . . . מיט מיר צו זיין וועסטו מוזן עפּעס איינשטעלן. ווער ווייסט וואָס? וועסט מוזן נע־ונד זיין, אַ נייע רות ווערן. ווייסט ווער רות איז געווען?...

— דערנאָך —

דערנאָך איז איר געווען שווער און איבלדיק און שלעכט פֿון זיין נאָענטקייט, וואָס האָט איר דורשט ניט געשטילט. אין עפּעס אַנטוישט, אָבער גוט דערפֿון, וואָס איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט זיך אין אַ נייער וועלט איבערגעקליבן, אין אַ וועלט, וואָס איז נאָך ביז איצט אין ערגעץ פֿאַר קיינעם ניט געווען. זי האָט געהאַט דעם פֿאַרטונקלטן געפֿיל פֿון אויפֿסניי געבוירן ווערן, און אַ פֿרייד פֿון אַזאַ מין זעלטענעם ווידער־אויפֿקום.

און אויך אים האָט אָנגעהויבן באַוועגן יענער עקזאַלטירטער פֿיבער, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען פֿאַר זיין זיידן ר׳ נתן, וואָס האָט זיין שטאַם, ווי זיין מאַמע האָט אים פֿאַרזיכערט, פֿון מהרי״ק געצויגן, און אויך ער האָט געפֿילט די ריזיקע פֿרייד פֿון אַ נייעם אויפֿקום.

• • •

עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג, ווי די צעקלאַפּטע אויפֿשטאַנד־בריגאַדעס האָבן זיך געצויגן — ווער קיין דרעזדען מיט באַקונינען און זיין פֿראַנצויזיש־פּוילישער גוואַרדיע און ווער קיין באַדען, וואו גענעראַל

ווידעמייער האָט קאָנצענטרירט די רעשטן פון דער צעקלאַפּטער דיוויזיע פון קעלן.

באַדען. אַ העל־זוניקער יוני־טאָג. אַרום צוועלף אַזייגער מיטאָג. אויף ביידע זייטן טראָטואַר פון דער ווינער־שטראַסע זיינען געשטאַנען הונדער־טער מענטשן און געוואַרט אויף די פירער פון דער קעלנער אַרבעטער־בריגאַדע. און כאָטש קיינער האָט שוין ניט געגלויבט, אַז די היינטיקע דעמאָנסטראַציע וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד, האָט פונדעסטוועגן די נייעס, אַז די קעלנער פירער — העס, ענגעלס, בעקער — קומען אָן, אַרויסגערופן אַ גוט געמיט ביי די מאַסן. די האָפענונג, אַז מיט די פירער אינאיינעם וועט מען עפּעס אויפטאָן, איז געוואַקסן, און יעדער איינער האָט אין דער שטיל געגנומען טראַכטן דעם זעלבן געדאַנק: אויב עס זאָל געלינגען, קאָן זיך דער אויפשטאַנד אויפסניי צעצינדן אין די הערצער פון די אַרבעטער אין ווין, אין לייפּציג, אין בערלין.

די האָפענונג האָט אַרויסגעפּלאַטערט פון די הערצער, געמאַכט לויכטן די פּנימער מיט פרייד, מיט יום־טובדיקייט.

מיטאַמאָל, אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט אַרויפצו צו דער אָנהויב־גאַס. פון דאָרט זיינען אָנגעקומען די פירער פון דער דעמאָקראַטישער אַרמיי. ס׳האָט זיך געהערט ס׳געזאַנג פון דער „מאַרסעליעזע“.

דער עולם גריסט, כאָפּט־אונטער דאָס געזאַנג. מען שרייט: האָך! בראַוואָ! אויפן ערשטן „בראַוואָ“ ענטפערט גענעראַל ווידעמייער, אַ מיטל־וואוקסיקער, ברייט־ביינִיקער מיט אַ לענגלעך בערדל. נאָך אים גייען דריי אין איין ריי: מאָזעס העס, פרידריך ענגעלס, יאָהאַן פיליפּ בעקער.

דער עולם באַגריסט זיי מיט כוואַליעס אַפּלאָדיסמענטן.

דער ערשטער רעדט ענגעלס. ער רעדט וועגן דעם רעכט פון אַר־בעטער און אַרבעט; ער וואָרנט, אַז די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע קאָן נאָר זיגן מיטן אָנטייל פון די אַרבעטער־מאַסן. נאָך אים רעדט העס. ער לייענט עפּעס פאָר — אַ סטראָפע פון אַ ליד, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אינמיטן מאַי, ביי די מאַניפעסטאַציעס אין פּאַריז; געשריבן איז עס אין דער פאָרם פון דער „מאַרסעליעזע“ — צו זינגען מיט דער באַרימטער מעלאָדיע:

„פעלקער, גיט צוריק די פרייהייט אייערע פאַריער,
אייערע שקלאַפן! זאָלן קיינמאָל מער נישט זיין קיין

אומדערהערטע באַגרענעצונגען, קיינמאָל נישט מער קיין קייטן פאַר דער מענטשהייט. — — —"

מיטאָמאָל — ווי אַ פּייטשע ווינט־כוואַליע וואַלט אַ פּליץ געטאָן אויף דער מאַסע.

אַ מחנה מיליטער, רייטער, נאָך זיי פּאָליציי מיט בלאַנקענדיקע באַיאָ־נעטן. עס פליען קולות: „פאַרפלוכטע רעבעלן!" „געגאַנגען!" „האָך דער קייזער!"

צווישן עולם — אַ געדרענג און אַ טומל. אָנגעגליטע הענט פון צאָרן רייסן זיך אַליין אָפּ, פאַלן אויף „לאָיאַלן מיליטער", דעקן פּלייצעס פון פּאָליציי. פון דער רעגירונגס־געביידע קומט אַ נייע געדיכט געשריי — אַ מחנה ניי „לאָיאַל מיליטער" לאָזט זיך אַהער מיט בלאַנקענדיקע שווערדן. ס׳מיליטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער מאַסע, זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַזאַ רציחה, אַז דער המון האָט זיך גענומען וויגן. —

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן שוין די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז די דעמאָקראַטישע פעסטונג אין באַדען איז געפאַלן. ענגעלס האָט באַקומען עטלעכע באַיאָנעטן־וואונדן און אים איז געלונגען אַנטלויפן צו־פוס קיין שווייץ. העס איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דער קעלנער פעסטונג און איז אין געהיים אַרויסגעלאָזט געוואָרן דורך אַ וועכטער, וואָס האָט אָנגעהערט דעם אַרבעטער־פאַראיין פון עלבערפעלד. העסן און די אַנדערע קאָמוניסטן אין קעלן דערוואַרט אינגיכן אַ פּראָצעס.

האָפענונג

מיטן שליאַך, וויט פון דער פעסטונג, איז ער געגאַנגען, דער רעוואָ־לוציאָנער. ער האָט געשפּאַנט מיט אַן איינגעהאַלטענעם טראָט. דאָס העמד אָפן, דער בוזעם אַנטבלויזט, בעסער צו פילן דעם פרייען ווינט.

אויף אַ הויכן פעלד ביים רהיין־ברעג האָט נאָך געברענט דער טאָג. אין טאָל האָט געלויכטן די גרין־ווייסע בלום. דער הימל איז געווען לויטער און פוסט און ביים האָריזאָנט האָבן געבלאַנקט די ווייסע ווענט פון דער קעלנער פעסטונג.

משה העס, אַ הויך־וואוקסיקער, מיט אַ הויכן גאונישן שטערן, איז גע־גאַנגען מיטן שליאַך, זיך דערווייטערט פון דער פעסטונג. די אויגן האָבן אים געטריקנט פונעם סוף־טאָגיקן בלענד. דאָס האַרץ איז געווען פאַרזאָטן פון די איבערלעבענישן די לעצטע טעג אין דער תפיסה, אין אַרעסטאַנטן־פעסטונג. פון די אָפּיצעריש־פרייסישע זידלערייען, פון די פּאָליציייאישע קלעפּ. האָט אים שטאַרק געשמאַרצט די פּלייצע, דער רוקנביין האָט שרעקלעך ווי געטאָן, פּונקט אין די זעלבע ערטער וואו מען האָט אַנדערע חברים געשלאָגן.

ער האָט פאַרקערעוועט פון שליאַך און זיך געלאָזט גיין איבער דער גראָזיקער פאַרוואַקסעניש. פעלד־מייזלעך זיינען אָפּגעשפּרונגען אין די זייטן, אַ פויגל האָט נאָענט אַ זינג געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ רוקן פון אַ שיפל האָט אַ בלישטש געטאָן צווישן די כוואַליעס און אַוועק־געיאָגט אויף מערב.

פּונקט אַזוי האָבן זיך געטוקט די האָפענונגען פון די דעמאָקראַטישע קעמפער די לעצטע טעג. — האָט העס אַ קלער געטאָן. — צי דען זיינען די קאַמפן אויף די באַריקאַדן, דער אויפשטאַנד פון די וועבער אין שלעזיע, די הייסע הערצער פון יאָר 1848 — געווען אומזיסט? צי דען־זשע וועט די האָפענונג פון באַליידיקטן, פון אַרבעטער, בלייבן געבונדן?...

„קערט זיך אום צו דער פעסטונג, איר געבונדענע פון האָפענונג", — האָט ער זיך דערמאָנט אין אַ פסוק פון תנ"ך.

און ער האָט ווייטער געשפּאַנט און געפירט אין געדאַנק אַ פּאָלעמיק מיט געטען וועגן האָפענונג.

— געטע, איר זייט ניט גערעכט! — האָט ער גערעדט אין גראָוולעכן בערדל אַריין. — איר זייט ניט גערעכט, געטע, אַז די האָפענונג איז אייגנ־טימלעך בלויז די קליינע געמיטער...

ער האָט ניט געפילט ווי די אָוונטיקע קעלט נעמט אים אַרום. ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט און גערעדט צום דייטשן דיכטער, וואָס אַמאָל העכער, וואָס אַמאָל הייסער:

— די האָפענונג, דאָס איז אונדזער צאַרטע און געטרייע געליבטע... דאָס איז אַ הויכע גאָב דעם מענטשן, פאַרן גרויסן מענטשן ווי פאַרן קליינעם... מיט איר האָט געאָטעמט מיין יידיש פאָלק אין קנעכטשאַפט פון אוראַלטן מצרים, און זי, די האָפענונג, מוטיקט מיך צום קאַמף...

דער מעת־לעת — נאָך זיין באַפרייאונג — האָט זיך נאָך אַלץ ניט גערירט פון אָרט. מיט אַ ראָזן פליגל איז דער טאָג געשטאַנען געפאַנגען אויפן שפּיץ פון הויכן פעלז. דער אָוונט האָט געוואָרט ערגעץ פון יענער זייט טייך.

ער האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג. ס׳האָבן זיך פאַמעלעך גענומען אָפּציען די טיפע קנייטשן פון זיין שטערן. אַ וואַרעמע שיין האָט אַרויס־געלויכטן פון זיינע אויגן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען לייענען אויף אויסווייניק היינעס אַ ליד.

אַ ווינטל האָט אַ יאָג געטאָן און פאַרלאָשן דאָס ביסל רויטס אויפן פעלז. אַ שטערן האָט מיטאַמאָל אויפגעפינקלט. ווידער האָט זיך ס׳שיפל באַוויזן. דער ווינט האָט איצט געבלאָזן ניט פונעם טייך, נאָר פון דער שטאָט. ער איז געגאַנגען אַנטקעגן דעם שיפל. ערגעץ אינמיטן טייך איז עס געבליבן שטיין.

— וועט עס דערגרייכן דעם ברעג, אים אַרויפנעמען?

— משה, — האָט ער גערעדט צו זיך און געפּרוּווט איינגעמען דעם אייגענעם אומגעדולד, — באַוואָפן זיך מיט געדולד! דיין פאָלק ליידט אויך, ליידט לאַנג... אָבער זיינע ליידן וועלן שפּאַלטן ימען, זיינע טרערן וועלן שמעלצן אַלע אייזערנע פאַרצאַמונגען. די האָפענונג פאַרליר ניט! דאָס איז דער אַנקער ביים אויסברוך פון ווינט, ביים אויפברויז פון די כוואַליעס.

דאָס שיפל איז צוגעקומען צום ברעג.

עמוס

ס'איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט. העס האָט זיך געוואַלגערט אויף זיין געלעגער און אַלץ ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. זיין געפיל, אַז ער איז פאַרטריבן פון דייטשלאַנד, האָט אים געדריקט, זיך געלייגט שווער אויף זיין געמיט.

שטיקער בילדער פון די לעצטע חדשים אין צוריך, אין בריסעל זיינען אַרומגעשוואומען, געבלאָנדזשעט שווער אין זיין מידן קאָפּ און געשווערט ווי שטיקער בליי.

ער איז אַראָפּ פון בעט און איז אַריין אין שרייב־צימער. אויף די פּאָליצעס, אויפן קליינעם און ברייטן טישל, אויפן בענקל — אומעטום זיינען געלעגן ביכער, און לאַנגע בויגנס זיינען געווען צעשפּרייט אומעטום, פאַרדעקט די ביכער אַזוי, אַז מ'האָט זיי ניט אַרויסגעזען.

די יאָרהונדערטער, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די נביאים פון די דורות, האָבן איצט, ווי אַ כישוף, צעגומען די ווענט, און פאַר די אויגן האָט זיך געשפּרייט אַן אַנדער וועלט. ביז פאַרטאָג איז ער געזעסן, און מיט צעגליטע אויגן געקוקט אין תנ"ך, פאַרנומען גאָטס וואָרט, ווי עס האָט זיך געקייקלט דורך דונער און קראַך אין מדבר. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, און זיין בליק האָט געבלאָנדזשעט אין קאַרג־באַלויכטענעם חלל, ווייט־ווייט. —

— —

די צייט האָט זיך געצויגן אין פאַרטראַכטער איינזאַמקייט. אין די פרימאָרגנס האָבן זיך די רוקנס פון די בערג געהילט אין מילך־בלויען שלייער, און נאָך האַלבן טאָג האָט די זון געסמאַליעט, געגליט. הייסע ווינטן, ווי פון אַ קאַלך־אויוון, האָבן געקרייצט דעם טאָל און געדרייט דאָס זאַמד אין אַ געווירבל, פאַרטרייסלט די אויגן און געטריקנט ליפּן און גומען. און אַז די ווינטן האָבן זיך אויסגעוועפּט, האָט דער ירדן, פונ־דערוויטנס, זיך געדעמפּט. ביים הימל־נויג האָבן זיך געשלענגלט די בערג

פון יהודה און געאָטעמט אַזוי טריב. די גליאיקע לופט האָט פאַרוויגט און פאַרשלעפערט.

עמוס, אַ פּאַסטוך פון דאָרף תקוע, פאַרנורעט צווישן די איילבירט־ביימער ביים ראַנד פון אַ יהודה־באַרג, איז נאָכגעגאַנגען די שטילע שאָף, וואָס האָבן פרידלעך און גלייכגילטיק געגריזשעט דאָס מאָגערע גראָז, דעם אָפּשיט פון ווילדע פייגנבלעטער אין טאָל.

אָפט פלעגט פון באַרג זיך אַראָפּגליטשן אַ גרופּע דורכגייערס, זיך דערנענטערט צום הויכן פּאַסטוך און אים באַגריסט מיט אַ לייכטן נויג. עמוס האָט שטיל געענטפערט. און אַז זיי האָבן זיך דערווייטערט, האָט ער זיי שטיל נאָכגעקוקט, געזען ווי דער שטויב פאַרדעקט זייערע פיגורן, פאַרווייעט זייערע טריט — האָט ער זיך אומגעקוקט מיטן פּנים צום מזרח און איז נאָך שטילער געוואָרן, שטיל ווי די שטערן אין מדבר ביינאַכט.

די נאַכט איז געווען טיף און געהיים. שטערן, ווי אַראָפּהענגענדיקע טרויבן, האָבן געצונדן דעם הימל, קלאָר אַראָפּגעקוקט צו די וויסע זאַמדן פון מדבר יהודה. האַלב־חודש האָט די לבנה, ווי אַ ווייסע קויל, געשפּרייט אַ גליווער־שיין אויף די ווילדע פייגן, אויף די רואיקע, באַוואָלטע לעמער און אויפן ווייסן געצעלט פון פּאַסטוך — ביים רוקן פון באַרג.

אין דער נאַכט פון ראש־חודש אָדר האָט זיך אין נידעריקן טאָל פון תקוע, ביים וועלדל פון די ווילדע פייגנביימער, אויפגעהויבן אַ ווינט, אָנגעטריבן וואָלקנס ווי ווייסע לעמער, און געטרייסלט די פלאַכטעס פונעם געצעלט. פון צווישן די ביימער, פון יענער זייט, וואו די סטאַדע האָט זיך געפיטערט, האָט זיך דערהערט ס'קול:

— עמוס! פאַרלאָז די שאָף, די ווילדע פייגנביימער! גיי, זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל!

עמוס האָט אָוועקגעבייטשט די סטאַדע. די שאָף האָבן זיך צעטאַנצט אין אַ קאַראַהאָד, און זייערע טלאָען האָבן אַ הייב געטאָן אַ הויפן שטויב. עמוס איז געלאָפן נאָכן ווינט, געלאָפן אין דער ריכטונג פון צפון, זיך אָנגעשלאָגן אין די פעלזן פון די באַרג־שפּיצן. איבער די בערג האָט זיך געטראָגן ס'קול, זיך געקייקלט אין דונערנדיקע עכאָס: „גיי, זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל!" — — —

מיטאַמאָל זיינען די וועגן פון יהודה קיין שומרון פול געוואָרן מיט

װאַנדערער, װעלכע האָבן דערציילט װעגן אַ פּאַסטוך פֿון מדבר־יהודה, װאָס זיין מויל שפּייט מיט גיפֿט און גאַל אויף דער קעניגלעכער ירבעם־דינאַסטיע, דונערט מיט צאָרן אויף די קעפּ פֿון די רואיקע אין שומרון און די זיכערע אויפֿן באַרג אפרים, און יעדעס װאָרט זיינס פֿינקלט מיט מרידה.

זיינע רייד, װאָס האָגלען װי ברענענדיקע שטיינער אויף די רייכע, מונטערן־אויף די אָרעמע. הויך און שלאַנק איז ער, דערהויבן איבער אַלע. זיינע קוטשעראַװע האָר זיינען געטריקנט פֿון װינט און זון. דאָס פּנים — שאַרף, געקנייטשט און ברוין פֿון שטענדיקן זיין אין פֿעלד, און די אויגן — אָנגעצונדענע, פֿיבערדיקע, קוקן װייט־װייט... זיין ברוסט איז ברייט און האַריק, זיין דיך איז פֿאַרבונדן מיט אַ רימענעם גאַרטל, און זיין אויסזען דערמאָנט אינעם תּשבי...

• • •

פֿאַרנאַכט איז דער נידעריקער און טונקעלער קעניג ירבעם געגאַנגען אויף שפּאַציר. דער בין־השמשות האָט זיך געלייגט איבער גאַנץ שומרון. אַרום, אין דער קילער פֿאַרנאַכטיקער לופֿט, האָבן געדוט קעמלען. זיי האָבן פֿויל געקוקט און גלייכגילטיק גע׳מעלה־גירה׳װעט. ביים ברונעם האָבן זיך אַרומגעדרייט באָרװעסע קינדער און פֿאַרחושכטע פֿרויען, האָבן געשעפּט װאַסער. לעבן ברונעם איז געשטאַנען אַ פֿולער קאַרב מיט ברוינע פֿייגן.

מיטן װעג אַנטקעגן איז אָנגעקומען עמוס. װען ער איז שוין געװען דריי פֿוס נאָענט, האָט דער קעניג אויפֿגעהויבן די אויגן, דערזען אַ הויכן, פֿון זון פֿאַרברוינטן מענטשן מיט אַ לויזן מאַנטל, דער קאָפּ — לאַנגע, געקרייזלטע האָר, עטװאָס גראָלעך, און די ברוסט — ברייט און האַריק; זיינע לענדן זיינען געװען אַרומגענומען מיט אַ לעדערנעם גאַרטל.

דער אָנקומענדיקער האָט אים באַגריסט:

— גוטן אָװנט!

דער הויכער האָט מיט אַ שאַרפֿן בליק דורכגענומען דעם מלך, און אין זיינע קוילן־גליענדיקע אויגן האָט געשטורעמט אַ װאָלט מיט צאָרן. ס׳איז אים עפּעס אויסגעקומען מאָדנע: שטייען צװיי מענטשן, איינער אַנטקעגן אַנדערן: ביידע אַרויסגעקומען פֿון אַ מוטערס בויך, ביידע װעלן זיך אַמאָל אומקערן צו דער ערד, פֿון װעלכער זיי זיינען גענומען, און —

ס׳אַראַ אָפּגרונט! אין דער זעלבער צייט, וואָס זיינע אויגן האָבן אויס־געדריקט צאַרנדיקע פאַרוואונדערונג, האָבן זיי פונדעסטוועגן געוואָלט וויך מאַכן דעם הערשער.

— ירבעם, זון פון יהואָש, פאַר דיר שטייט איינער, צו וועמען גאָטס וואָרט האָט גערופן. פאַרנעם מיינע רייד!

גאָט האָט מיר געוויזן אַ קאָרב מיט זומער־אויבסט און צו מיר געזאָגט: „געקומען איז דער סוף אויף ירבעמען. איך וועל אים מער ניט פאַרגעבן."

— גיי פון דאַנען! לויף אין דיין לאַנד יהודה. דאָרט זאָג נביאות. . . .

• • •

. . . די נעכט אין שומרון זיינען געווען פריילעכע, פולע מיט לוסט און רעגונג. די צייט פון אָסיף, ווען מען נעמט אַריין דעם קאָרן אין שייער און די ווייגטרויבן אין די קעלערס. פון גאַנץ אפרים האָבן זיך מענטשן געצויגן צום באַרג שומרון, געוואָלט דאָרט פאַרברענגען די האַרבסט־נעכט אין געהויבענעם געגנוס.

די בעלי־נחלאות האָבן פאַרבראַכט ביז האַלבע נאַכט ביי פולע כוסות ווייז אונטער די קלאַנגען פון אַ לירע. דער יונגער סגן אחימעץ האָט שטיפעריש געלאַכט און דערציילט ווי נעכטן זיינען צוויי בעלי־נחלאות פון שומרון, אַ פאָטער און אַ זון, געגאַנגען צו איין מיידל...

אביגיל האָט זיך געטוליעט צו אים און דער ריח פון אויל האָט געררייצט זיין לייב.

אמציה, דער הויפּט־כהן, האָט געפילט ווי דער שווערער וויין שטייגט צום קאָפּ, פליסט רוישיק דורך די אָדערן, און וועלנדיק אויפהיטן די מונטערקייט, האָט ער מיט פאַררויכערטע אויגן געזוכט פנינהס בליק.

אביגיל, באַטרונקען פון וויין, האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צו זיין אויער און מיט הייסן באַגער געפּליסטערט: „אמציה, גלעט מיינע האָר. איך ווער פאַרצערט . . ."

פנינה איז געהאַנגען אויף אחימעצס האַלדז.

אויבנאָן, אין אחינועמס וויין־קעלער, זיינען געזעסן ביי אַ טישל, אָנ־געשטעלט מיט קרוגן וויין, אמציה — אַ בייכיקער, מיט אַ פעטן קאַרק און אַ ברוינער באָרד, און זיין געהילף אחימעץ — אַ יונגער, אַ שלאַנקער, און צווישן זיי ביידן — די שוואַרצע פנינה און די גאָלד־האָריקע אביגיל.

אַ שמעקנדיקער בוימל־לאָמפּ האָט געשפּרייט זיסלעכן עסענץ אין

בלויען ליכט, זיך געשפּיגלט אין דעם שווער־רויטן ווײַן פון קרוג, באַלויכטן די גאָלדיקייט פון אביגילן, געגלאַנצט אויף דער מאַרמאָר־קלאָרקייט פון פנינהן און באַזונדערס אויסגעצייכנט די עלפאַנטביין־ווײַסקייט פון איר געזיכט און פּיין־געשניטענעם האַלדז.

נאָכדעם ווי דער ווײַן האָט געהאַט זײַן ערשטע ווירקונג, האָט דער יונגער אחימעץ באַפוילן אַ באַדינער, ער זאָל ברענגען אַ נײַעם שפּרענגבעקן ווײַסן ווײַן און האָט אויפגעלייגטערהייט געקוקט אויף די פרויען:

— וואָס באַגערן די איידעלע טעכטער?

— פאַר מיר אַ פלעשל זאַלב־אייל פון נחלת־אשור, — האָט אביגיל אַ וואָרף געטאָן איר גאָלדענעם קאָפּ.

— און איך וויל, אַז יואש זאָל שפּילן אויף דער לירע דוד׳ס אַ זמר, — האָט פנינה געפינקלט מיט די אויגן.

— ניין, זאָל עוזיאל פון בית־אל צימבלען אויף דער גיטאַר.

אַז די קלעזמער זײַנען צוגעקומען, האָט אביגיל אויפגעכאַפּט פנינהס פרייליכן בליק און האָט זיך פאַרטראַכט, און ס׳האָט איר פאַרדראָסן פאַר וואָס יענע איז יינגער. פנינה, ווי זי וואָלט געלייענט אביגילס געדאַנקען, האָט געקוקט אויף דער פאַרטראַכטער און ס׳איז איר אײַנגעפאַלן, אַז אביגיל איז אַ סך עלטער פון איר; אירע בריסט זײַנען ניט אַזוי שטײַף, די היפּטן ניט אַזוי אָפּגערונדיקט — און אחימעץ איז אַזאַ יונגער, אַזאַ שיינער. ער געהערט צו אביגילן און זי וועט היינט געהערן דעם אַלטן כהן, אמציהן. איצט איז אין איר געבוירן געוואָרן אַ באַגער צו טיילן אחימעצס געלעגער.

אמציה האָט זיך צוגעטוליעט צום דינעם אחימעצן און אים אין שיכורער גוטברודערשאַפט דערציילט ווי ער האָט יענע נאַכט, אונטער דער נאָז פון מלכס אַ וועכטער, פאַרבראַכט אַ נאַכט מיט אַן אומגעזעטיקטער זונה...

• • •

עמוס איז געגאַנגען מיט שווערע טריט, וואָס האָבן פאַרטויבט די קלאַנגען פון שענק. ער איז אַרײַן אין אחינועמס ווײַן־קעלער, זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ הינטערשטן טישל, וואו אַ מאָגערער יונגערמאַן איז געזעסן איבער אַ שיסל דאַרע פייגן.

— פיש, שאָפענע קעזלעך, געפּרעסטע פייגן, יונגער רויער ווײַן ניט

צו־זיס פאַרן גומען, נחמד למאכל ותאווה לעינים,[1] — האָט אַ גראָבער באַ־דינער אויסגעזונגען און אָנגעשטעלט די אויגן אויפן משונהדיקן גאַסט.

— איך וויל גאַרנישט, — האָט עמוס געענטפערט.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין פון לאַנד יהודה. בין געקומען זען ווי די רייכע פאַר־ברענגען די נעכט מיט זונות און אין שיכרות פאַרן געלט פון די פאַר־משכנטע נחלאות.

— אויב דו ביסט פון יהודה, זעץ זיך ביים דריטן טיש. דאָרטן זיצן די אביונים פון יהודה.

— שוייג, עמיהוד! — האָט דער אָפּגעצערטער אָוועקגערוקט די שיסל פייגן. — דער מאַן איז אַ נביא.

אין שענק איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. די קלעזמער האָבן אויפ־געהערט שפּילן. אַ שוואַרצער יונג האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין טיש, אַז די כוסות האָבן זיך צעקלונגען.

— שטיל זאָל זיין! דער נביא האַלט אַ משא.[2]

— מיר דאַרפן דאָ ניט די נביאים!

אַ קול האָט באַלד דורכגעבויערט די טומאַנישע געדיכטקייט:

„הערט איר, וואָס ווילט איינשלינגען דעם שטויב ערד,
אויפן קאָפּ פון די אָרעמע און דעם וועג פון די געדריקטע
פאַרדרייען זיי; און אַ מאַן און זון גייען צו איין מיידל.
די וואָס ליגן אויף בעטן פון עלנפביין — די, וואָס טרינקען
אין שפּרענגבעקנס וויין און מיט די בעסטע איילן זאַלבן
זיי זיך — איך זאָג אייך, אַז הייזער פון געהאַקטע
שטיינער וועט איר בויען און וועט ניט וואוינען אין זיי,
גלוסטיקע ווייגערטנער האָט איר געפלאַנצט און וועט ניט
טרינקען זייער וויין — אַזוי האָט גאָט געזאָגט.“

מיטאַמאָל האָט עמוס אָפּגעהאַקט. אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט אויבנאָן. אמציה, וואָס איז געזעסן ביי אַ כוס וויין, האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

---

[1] געשמאַק צום עסן, אַ גלוסט פאַר די אויגן.

[2] אַ פאָרטראָג.

— קינדער פון אפרים און ישראל! דער מאַן פון יהודה צינדט מרידה. ירבעם דער מלך פון ישראל האָט מיר באַפוילן צו זאָגן, אַז דאָס לאַנד ישראל קאָן ניט אויסהאַלטן זיינע רייד.

— דורך אַ שווערד וועט שטאַרבן ירבעם, — האָט עמוסעס קול ווידער אָנגעהויבן שמייסן.

— זעער, אַנטלויף! גיי אין לאַנד פון יהודה און עס דאָרט ברויט און דאָרטן זאָג נביאות, אָבער ניט אין בית־אל, ווייל עס איז אַ קעניגס אייגנטום, אַ מקדש מלך . . .

— שווייג, אַלטער נואף, פאַלשער חונף! — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ ווינקל.

איצט האָט זיך אין שענק אויפגעהויבן אַ ווילדער גערויש. פון די מיילער האָבן זיך געריסן קולות און ווערטער. אַלץ האָט זיך געקנוילט, שיכורע קולות, אַ יאָמער פון ווייבער. בענק און טישן האָבן זיך איבער־געקערט. אַ שיסל אייל האָט זיך אויסגעגאָסן. ס׳האָט אויפגעפלאַמט אַ העל פייער, באַגאָסן מיט אַ רויט ליכט ס׳גאַנצע שענק.

און אַז די קולות האָבן זיך אַביסל איינגעשטילט, איז שוין אחימעץ מיט די ווייבער ניט געווען. אמציה איז געזעסן אַ מידער און געהערט אין שיכורן שלאָף ווי עמוסעס שטים בויערט די געדיכטע לופט:

— איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון אַ נביא, נאָר אַ נאָכגייער פון רינדער און צוריכטער פון ווילדע פייגן, און גאָט האָט מיך גענומען פון הינטער די שאָף און האָט צו מיר געזאָגט: גיי, זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל. —

העס האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן חלום און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער:

— איז נאָך ווייט צו טאָג?

דורכן פענצטער האָט אַריינגעשלייכט דער ערשטער גרוי פון פרי־מאָרגן. ער האָט גענומען זיין אַלטן מאַנטל אויף זיך, אַ קליין רענצל מיט ביכער און פאַפירן, און איז שטילערהייט אַראָפּ די טרעפּ. ער האָט זיך געלאָזט צו דער באַן. אין זינען געהאַט, אַז קיינער זאָל אים ניט זען, ניט דערקענען. געווען זיכער, אַז ווי נאָר איינער וועט אים באַגעגענען, אַזוי גיך וועט ער איבערגעגעבן ווערן צו דער פּאָליציי, און פון פּאָליציי־אַמט —

קיין פרייסן, צום קעלנער געריכט, וואו מען וועט אים משפט פֿאַר אַנטלויפֿן פֿון דער פֿעסטונג.

פֿון דערוויילטנס האָט לויטערער בורשטין געשטרייפֿט דעם זוים פֿון מזרח. אַ פֿריש מאָרגן־ווינטל האָט ווייך און גלעטנדיק געבלאָזן, אַנגעזאָגט די נאָענטקייט פֿון דער סעין.

ביסלעכווייז איז דער מאָרגן־גרוי איבערגעגאַנגען אין פּערל־גרוי. דער מזרח האָט זיך פֿאַרצויגן מיט אַ שווינדזיכטיקער רויטקייט.

פֿון טייך האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל, געבראַכט מיט זיך די פֿרישקייט פֿון נייעם טאָג. העס איז געגאַנגען און געקוקט אַרום זיך. געזען ווי טירן עפֿענען זיך, מענטשן רוקן זיך אַרויס פֿון די טירן, שטעלן זיך אָפּ און קוקן אויפֿן הימל, ווי זיי וואָלטן משפּטן דעם וועטער לויטן זון־אויפֿגאַנג.

העס האָט זיך פֿלוצים דערמאָנט אָן דעם פֿרומען רב פֿון פֿראַנקפֿורט, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז די אַמאָליקע קאָמוניסטן, די איסיים, פֿלעגן זיך טובלען אין פֿרימאָרגן פֿאַר זון־אויפֿגאַנג. און ניט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ שייכות די איסיים האָבן מיט עמוסעס רייד, מיט זיין איצטיקן אַנטלויפֿן פֿון פֿראַנקרייך.

ער האָט זיך געדרייט אין די קרומע געסלעך, וואָס האָבן אים מיטאַמאָל אויסגעזען אַזוי פֿרעמד. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט דער וועג צו דער נאָרדלעכער באַן־סטאַנציע, אַז ער בלאָנדזשעט. אָבער עס האָט אים שוין ניט געאַרט. פֿאַרקערט, גוט איז כאָטש איינמאָל אין ערגעץ ניט אָנצוקומען.

העס האָט זיך אומגעקערט אַהיים, באַשלאָסן זיך אַרויסציען פֿון דער „קאָמונע", וואוינען מיט סיבילן אָפּגעזונדערט, איבערוואַרטן דעם פּראָצעס פֿון די קאָמוניסטן אין קעלן, אויספֿאָלגן דעם נביאס רייד: „חבי כמעט רגע, עד יעבור זעם." [3]

[3] באַהאַלט זיך אַ ווײַלע, ביז דער צאָרן וועט איבערגיין.

הושע

קאָן זיי, אַז די מורא באַפאַלן צו ווערן אין שלאָף פון חיה אָדער ווילדן מענטשן האָט דער בעל־חי געיאָגט צו בויען זיך אַ נעסט, זיך אָפּצוטיילן פון דער וועלט דורך פעסטן שטאָף פון ליים, ציגל און אייזן. מעגלעך, אַז די בויט האָט דעם בן־אדם געצוואונגען, אין אַ שעה פון פחד, צו פאַרטרויען זיין שוואַכקייט דעם שווערן צאַם.

און אפשר גאָר האָט דער דראַנג פון מענטשן צו געניסן דעם העכסטן תענוג — ליבע, — און דער ווילן איינצופלאַנצן נייע צווייגן אין שטאַם, געמאָנט: פון אַלץ און אַלעמען זיך אָפּצאַמען. און אויך דאָס איז איינע פון די סיבות, וואָס האָבן אים באַוואויגן צו בויען זיך אַ הויז.

נאָר משה העס, פון זינט ער האָט דערקענט, ווי קורח־רייך ס׳גלאַנצט די וועלט מיט גאָלד, מיט זילבער און דימענטן, און אַז דעם מין פון ווייץ דערקענט מען דווקא, ווען ער איז אָפּגעזונדערט פון זאַק, — זיינען אים ס׳הויז, די אייגענע פיר ווענט, נאָך האַרציקער, נאָך ליבער געוואָרן.

ביי זיין אומצופרידנקייט מיט אַ סך פון די טעאָריעס און פּראַקטיק פון זיינע חברים אין פּאַריז, מיט וועלכע ער האָט געוואוינט אין דער „קאָמונע“ נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע, נאָך זיין אַנטלויפן פון באַדען, — האָט ער געבענקט נאָך אַ מענטשן, נאָך אַ האַרץ, וואָס זאָל אים פאַרשטיין, זאָל אים מיטפילן, און וואָס זאָל אויך זיין דער אָביעקט פון זיין מיטלייד.

די „אינטעלעקטועלע ליבע“ פון שפּינאָזאַן, וועלכע ער האָט אַזוי פאַר־הערלעכט אין זיין יוגנט און וועלכע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט אין דער נאַטור־עטיק פון רוסאָ, אונטערגעגאַנגען אין דער בייסיקער אָפּ־לאַכערישקייט פון וואָלטעיר און אין צאָרן פון די קאָמוניסטן, — האָט איצט אומגעריכט אויפגעלעבט אין אַ נייעם באַנעם.

מיט אַ צען יאָר צוריק, ווען ער האָט באַגעגנט סיבילן, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס זי געפינט זיך אין יענעם טאַנץ־קעלער. אין דעם פאַר־דרוס איז געווען אי הייליקער רחמנות, אי צאָרן אויף דער געזעלשאַפט,

וואָס צווינגט מענטשן צו לעבן פון שאַנד. איצט איז דער פּאַרדרוס איבער־געגאַנגען אין אַ בענקשאַפט נאָך מוטערלעכקייט, וועלכע ער האָט כמעט קיינמאָל ניט געהאַט. וואָרים ביזן פערצנטן יאָר איז ער געווען ביים זיידן אין באָן, בעת די מוטער איז געווען אין קעלן, און נאָכדעם ווי ער איז געקומען צום פאָטער אין קעלן, איז שוין די מוטער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע.

אין סיביל פּריטש האָט ער צום ערשטן מאָל אין לעבן געפונען די פולע מוטערלעכקייט, וואָס איז אויסגעמישט מיט אַ זיסער נאָכגעביקייט. און כאָטש ער האָט אַזוי גיך ניט גערעכנט חתונה האָבן מיט איר, ווייל אים איז פרעמד געווען דער „דעספּאָטיזם" פון פאַמיליע־לעבן, — האָט ער איצט אָנגעהויבן בענקען אויף אַן אמת נאָך אַ הויז, נאָך אַ משפחה, אַן אייגענער נעסט.

טעג און וואָכן האָט ער גערעדט מיט סיבילן וועגן זיינע סאָציאַליס־טישע פּלענער און חלומות. ער האָט איר אויך דערקלערט, אַז אויב זי וויל מיט אים הייראַטן, מוז זי זיך אָפּזאָגן פון יעדער פאַרשווענדערישקייט, ווייל ער אַליין איז פון קינדהייט אָן געוואוינט צו אַ לעבן פון שטרענגער עקאָנאָמיע, סיי ווען ער איז געווען ביים פאָטער אין הויז, סיי אויף זיינע נסיעות. באַשיידנקייט, — האָט ער געזאָגט, — איז איינער פון זיינע טיפּסטע אידעאַלן, וועלכע האָבן אים געפירט דערצו, ער זאָל אָנערקענען דעם אמת פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון אַ בשותפותדיק לעבן.

און זי האָט אים דערקלערט, אַז זי פאַרשטייט אים. אויך איר איז פרעמד דער טיף פרוי, צוליב וועלכער אַ סך מענטשן אַרבעטן שווער, גראָבן גאָלד פאַר איר צירונג, יאָגן חיות אין די וועלדער פאַר אירע פוטער־מאַנטלען, בלענדן זיך אויס די אויגן פאַר אירע קליידער און פרעסן אויס די זאַפט פון טויזנטער פלאַמיקע רויזן, כדי צו פאַרפיומירן איר הויט. איר אידעאַל איז די מוטערלעכע איבערגעגעבנקייט.

און פון יענעם טאָג אָן קוקט העס אויף סיבילן ווי אויף אַ לעבעדיקן מאַטעריאַל, פון וועלכן מען קנעט אויס אַ געליבטע, אַ מוטער, אַ מלכה.

• • •

עטלעכע טעג נאָכדעם ווי העס האָט זיך אַרויסגעצויגן פון דער „קאָמונע" און זיך באַזעצט אויף דער גאַס ד'אַרלאָן, האָט ער זיך אָפּ־געשלאָסן אין זיין דירה, ווי ער וואָלט זיך אינגאַנצן געוואָלט אָפּזונדערן

פון זיינע קעלנער פריינט, פון די פיל רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן, וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט.

אַ געוואָלדיקער באַגער האָט אים אָרומגעכאַפּט צו שטודירן און שרייבן. פון פרימאָרגן ביז פאַרנאַכט איז ער געזעסן אין שרייב־צימער, וואו דאָס איינציקע פענצטער האָט אַרויסגעקוקט צום טייך סעין, און גע־בלעטערט פאַרשיידענע ביכער, וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפן אומעטום, אויפן טיש, אַרום די ווענט און אויף די שטולן.

העס׳ שטאָלצער און שוואַרץ־גרויער קאָפּ איז געווען פאַרטאָן אין הויכע געדאַנקען. ער האָט זיך געוויגט איבער אַ בוך, יעדעס מאָל זיך אויפ־געכאַפּט, אָװעקגעריסן די אויגן פון בוך און גענומען שרייבן.

אין זיינע גרויסע אויגן איז געווען מידקייט, אומעט און שטאָלץ. דער שטאָלץ פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט זיין אייגענעם ווערט, אָבער אויך די נישטיקייט פון אַלץ אַרום אים. ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אויך זיינע חברים — קאַרל גרין, באַקונין, די פּוילישע סאָציאַליסטן — פאַרשטייען אים ניט, לאָכן פאַרוואָס ער האָט אויף אַ געזעצלעכן אופן געהייראַט סיבילן, זיך איינגעאָרדנט אַ הויז, פּונקט ווי זיי וואָלטן ניט געווען קיין רעוואָ־לוציאָנערן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיין אינטים־פּערזענלעך לעבן גייט זיי אָן.

איצט האָט זיין ברייטער שטערן, די אומעטיקע אויגן איינגעזאַפּט דעם פאַרדרוס און די האַנט האָט נערוועז געשריבן.

העס האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. די סעין האָט אַריינגעקוקט אַזוי רואיק, קלאָר און פאַרחלומט. אַ פריש ווינטל האָט געווייעט פון דעם גרין־בלוילעכן וואַסער. פון יענער זייט „נייער בריק" האָבן זיך געצויגן פאַסן מאַראַנצן־קאָליר, ווי גאָלדענע סטענגעס. די זון האָט זיך געזעצט.

אין דערבייאיקן צימער, וואו אויף דער וואַנט איז געהאַנגען געשייערט קופּערוואַרג, אַ פאַן און צוויי פענדלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צע־בויגענע לבנות, האָט זיך די דרייסיק־יאָריקע סיביל געפּאָרעט, צוגעגרייט דאָס עסן.

העס האָט זיך ווידער אַריינגעזעצט אין טיפן שטול און אויסגערופן:

— דאָס ביסטו, סיביל?

— יאָ, מאָזעס. דיך הונגערט שוין?

— ניין. נאָר אויב דו האָסט צייט, קום אַריין.

סיביל — אַ דינע, אַ שלאַנקע, די האָר שוואַרץ־געלאָקט און אויפן נאָך קינדערשן פּנים אַ בלאַסקייט — איז אַריינגעלאָפן, זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשטעלט אויף אים אירע שוואַרצע אויגן. אין איר קערפּער, קול, אין איר קוק און גאַנצן וועזן — אַ ציטערנדיקע ליידנשאַפט, אַ פייער־שטראַל, וואָס לאָזט זיך ניט לעשן.

— מאָזעס, מאָזעס, — האָט זי זיך געלאַשטשעט, — זע ווי אָנ־געשטרענגט, ווי מיד דו ביסט! טעג און נעכט פאַרברענגסטו צווישן די ביכער און איך בין אַזוי איינזאַם. קום, לאָמיר שפּאַצירן ביי דער „נייער בריק".

— וואַרט, וואַרט, טייערע.

— מאָזעס, שעמסט זיך ניט מיט מיר?

— וואָס פאַלט דיר איין, סיביל, קינד מיינס! דו ווייסט ווי איך פאַר־אַכט די אַרומיקע... אָט באַלד, איך וועל דיר עפּעס פאַרלייענען און נאָכדעם וועלן מיר גיין אויף אַ שפּאַציר.

— לייען, לייען, מאָזעס! מיר איז אַזוי אָנגענעם ליב דיך צו הערן, — האָט סיביל געווישט זיין שטערן, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַ הויכער קופּאַל.

העס האָט גענומען פון טיש עטלעכע בייגעלעך און געלייענט מיט אַ טיף קול:

„דורכן יידנטום איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט געוואָרן אַ הייליקע געשיכטע, אַן איינהייטלעכער אָרגאַנישער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ליבע צו דער משפּחה, און וואָס וועט זיך ערשט פאַרענדיקן נאָכדעם, ווי די גאַנצע מענטשהייט וועט ווערן איין־איינציקע פאַמיליע, וואָס איר מיטגלידער וועלן זיין אַזוי ענג אויסגעבונדן מיטאַנאַנד דורך דעם שעפּערישן גייסט פון דער געשיכטע, ווי די גלידער פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם זיינען אויסגעבונדן מיטאַנאַנד דורך אַ גלייך־הייליקן, שעפּערישן נאַטור־כח.

„דאָס יידנטום זונדערט אין ערגעץ ניט אָפּ דעם יחיד פון דער משפּחה, די משפּחה פון דער נאַציע, די נאַציע פון דער מענטשהייט און די מענטש־הייט פון דער קאָסמישער שאַפונג, און די שאַפונג פונעם באַשעפער."

— בראַוואָ, מאָזעס! אַ נייער געדאַנק. ביז אַהער האָב איך אין דיינע

שריפטן ניט באַגעגנט אַזאַ לויב־געזאַנג פאַר יידן.

— מיינסט אַזוי ?

— זיכער. צווישן דיינע ערשטע שריפטן איז דאָ אַ שריפט וועגן יידן און געלט. דו שרייבסט דאָרט, אַז יידן האָבן אַנטוויקלט די געלט־גייציקייט, די בייזע חיה אין דער מענטשהייט.

— אַך, פאַרגעס ! דאָס איז אַן איבערבלייבעניש פון יוגנט־זינד. מיר אַלע האָבן דאַן אַזוי אָפּגעשאַצט די יידן : מער ווי עגאָאיסטישע און געלט־גייציקע יידן האָבן מיר ניט באַגעגנט. האָסט געלייענט מאַרקס׳ שריפט אין די „יאַרביכער״ ?

— אין וועלכע „יאַרביכער״ ?

— אַרנאָלד רוגעס, דער וועלכער רופט מיך „קאָמוניסטן־ראַבינער״. קיין ראַבינער בין איך ניט, אָבער איך בין שטאָלץ אויף מיין שטאַם. אַ צווייג, וואָס רייסט זיך אָפּ פון וואָרצל, טריקנט, שטאַרבט אָפּ.

— הערלעך, מאָזעס ! האָסט זיך איבערגעבעטן מיטן פאָטער ?

— יאָ, טייערע. ווען איך טראַכט, ווי איך האָב אין מיין קינדהייט פאַרבראַכט ביי מיין זיידן, דערוועקט זיך אין מיר אַ האַס צו די, וועלכע האָבן פאַרלאָזן דעם שטאַם. אַ פאָלק איז שווער צו בייטן, ווי אַ געליבטע, ווי אַן אייגן ווייב. איך פיל, אַז ביז איצט בין איך אַ פרעמדער געווען, אַ פרעמדער צו מיין אייגן פאָלק — דאָס פאָלק, וואָס האָפט און וואַרט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר אַז עמעצער זאָל קומען און אויפהייבן די פאָן פון זיין דערלייזונג אויף זיין אוראַלטן באָדן אין לאַנד יהודה.

— מאָזעס, איך גיי אַרונטער אין שפּייז־קראָם. מאַך זיך גרייט פאַר אַ שפּאַציר.

מיט איין שפּרונג איז סיביל געווען אויף יענער זייט טיר.

העס האָט זיך ווידער אַריינגעזעצט אין שטול, גענומען אין האַנט אַ קליין תנ״ך מיט מענדעלסאָנס איבערזעצונג. ער האָט זיך פאַרטיפט אין אַ קאַפּיטל און מער גאָרניט געזען וואָס אַרום אים. —

ס׳איז געווען אַ בלאַסע לבנה־נאַכט. אויף אַ בערגל הינטער שכם האָט אַרומגעשפּאַצירט דער נביא הושע. אַ פעסט־געבויטער, אַ הויכער. זיינע לאַנגע האָר פאַרדרייט אין לאָקן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן

ווייסן כאַלאַט, פאַרגאַרטלט מיט אַ ברייטן שנור, און דער קאָפּ געהילט אין אַ ווייסן טורבאַן.

עס האָט געהערשט אַ טויבע שטילקייט. פון צייט צו צייט האָט זיך צעשריען אַ נאַכט־פויגל.

הושע האָט אַרומגעוואַנדלט ווי אין חלום. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, פאַרקנייטשט דעם שטערן און זיך אַרומגעקוקט.

— יאָ־יאָ, דאָס איז דאָס בערגל, דאָס לעצטע פאַרן דרום־טויער. יאָ, איך דערמאָן זיך: דאָ האָב איך זי באַגעגנט צום ערשטן מאָל. דאָ האָב איך דערהערט צום ערשטן מאָל גאָטס שטים:

„גיי, נעם דיר אַ ווייב אַ זונה
און קינדער פון אַ זונה,
וואָרים אָפּקערן טוט אָפּקערן דאָס לאַנד,
אַוועק פון הינטער מיר.“

„אין יענער נאַכט האָב איך געוואַנדערט אין פעלד, זיך געיאָגט נאָך איר, נאָך גומר׳ן, דער טאָכטער פון דבליים. ס׳איז דעמאָלט געווען ווינטיק און דער ווינט האָט פאַרבלאָזן איר קלייד, זי איינגעהילט אין אירע צע־בלאָזענע לאַנגע האָר. זי האָט זיך ניט געוועהרט און איך האָב זי גענומען. און זי האָט מיר געשוואוירן טרייהייט. און איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיין מיינע. איך וועל זי ניט פאַרלאָזן ווי לאַנג אַן אָטעם וועט באַוועגן מיין ברוסט. אָ, האַר צבאות, אַ סך יאָרן זיינען שוין זינט דעמאָלט פאַרגאַנגען. איך האָב די אַלע יאָרן דיין וואָרט געשליידערט אויף אַלע מערק און פלעצער, און זיי, די בייזע, ניט־באַגרייפנדיקע, האָלטן אַלץ אין איין שטורעמען: טויט אים, דעם נביא, וואָס פאָדערט אמת און גנאָד און לעבט מיט אַ זונה. אָ, האַר צבאות, פאַרלאָז דיין זינדיק פאָלק. בייט אים איבער פאַר אַן אַנדער אומה, וואָרים זייער צונג איז פול מיט באַטרוג, זיי זיינען פאַלש און זינדיק.“

ער איז שטיל געבליבן, ווי איינגעדרימלט. אַ בלענדנדיק־לייכטנדיקער נעפל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און אים אַרומגעהילט. ער האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעכאַפּט און אויפגעציטערט:

— עפּעס קלינגט מיר אין די אויערן. ווער רופט עס?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און ניט־זעענדיק קיינעם, איז ער ווייטער געבליבן זיצן. אָבער דאָס קול האָט זיך איבערגעחזרט:

— הושע! הושע!

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן פּנים צו דער ערד:

— מיין האַר! איך בין גרייט!

דאָס קול: הער, הושע! ס'האָט אַ מאַן געהייראַט אַ פרוי, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט. נאָר זי האָט אים גענאַרט. זי פלעגט גיין מיט פרעמדע מענער. זאָג־זשע מיר, הושע, וואָס דאַרף דער מאַן טאָן צו זיין פרוי, וועלכע ער האָט געטראָפן מיט פרעמדע?

הושע: מיין האַר, זאָל ער זי פון שטוב פאַרטרייבן און נעמען אַן אַנדערע.

דאָס קול: געדענק, הושע, די ווערטער פון דיין מויל און פאַרלאָז דיין ווייב גומר, די טאָכטער פון דבלים. נעם אַ צווייטע. מעק זי אויס פון דיין האַרץ, האָב זי מער ניט ליב.

הושע: אָ, מיין האַר! ווי קאָן איך זי פאַרלאָזן, ווען מיר לעבן ביידע אַזוי לאַנג? ווי קאָן איך מיט מיינע אייגענע הענט אָפּשטויסן די מוטער פון מיינע קינדער?

דאָס קול: פאַרטראַכט זיך וועגן דיינע אייגענע רייד, הושע: ווי קאָן יהוה פאַרלאָזן זיין געליבט פאָלק, אַפילו ווען ס'האָט אָפּגעקערט פון אים? קאָן מען אַזוי לייכט אַ ווייב פאַרלאָזן, אַ פאָלק פאַרוואָרפן?

הושע: אָ, האַר צבאות, פאַרגיב מיר מיינע פריערדיקע רייד! נישט שטראָף ישראלן. דו זעסט דאָך און ווייסט, אַז ניט שלעכט איז דאָס פאָלק, נאָר פאַרפירט.

אַ פויגל האָט זיך צעשריען. אַ געצוויטשער פון אַן אומגעזעענער מחנה פויגלען האָט זיך דערהערט איבערן פעלד. באַלד איז ווידער געוואָרן שטיל. פון די קוסטעס האָט זיך געהויבן אַ לבנה־בלאַסער, לייכטנדיקער נעפּל און איז צעשוואומען אין דער לופט. —

העס האָט זיך אויפגעכאַפּט, פאַרמאַכט די ביבל. ער האָט צונויפּגענומען די אָנגעשריבענע בלעטלעך און הנאה געהאַט פון זיין געדאַנק וועגן משפּחה און פאָלק, וואָס ער האָט ערשט געלייענט פאַר סיבילן, און איז געווען צופרידן, וואָס זיינע געדאַנקען האָבן אַן אָנשפּאַר אין תנ״ך, אין דעם לעבן פון יענעם נביא, הושע, וואָס האָט געהייראַט איינע פון יענע

פרויען און זיך נאָכדעם ניט געקאָנט שיידן מיט איר, — אַ משל פאַרן זינדיקן פאָלק ישראל, וואָס דער נביא האָט גענוצט.

סיביל איז אַריינגעקומען. אַ שמייכלענדיקער האָט זי העס אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און ביידע האָבן זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר צום טייך.

אַ מרה־שחורהדיקער פּאַריזער טאָג. אין זאַל פון דער „קאָמונע" קומט פאָר אַן אויפנאַמע פאַרן דיכטער פרייליגראַט, וואָס איז געקומען פון לאָנדאָן. ער דערציילט וועגן קעלנער „קאָמוניסטן־פּראָצעס", וועגן די פאַר־אורטיילטע פאַרן באַדענער אויפשטאַנד, וואָס מען האָט געהאַלטן אין תפיסה און נאָכדעם שוידערלעך געפּייניקט, און גיט איבער אַ גרוס פון מאַרקסן אין לאָנדאָן. מאַרקס זיצט גאַנצע טעג אין דער ביבליאָטעק פון בריטישן מוזיי, אַרבעט אין טיפסטן עלנט און דער גרעסטער נויט. ווייבאַכט איז ביי אים אַ קינד געשטאָרבן פון בראָנכיט. דריי טעג האָט ס'קינד געקעמפט מיטן טויט און ער האָט ניט געהאַט קיין געלט צו רופן אַ דאָקטאָר. די פאַמיליע לעבט אויף ברויט און קאַרטאָפל.

ווען פרייליגראַט פאַרענדיקט, שטעלט זיך אויף העס:

— חברים! פרייליגראַט איז דער אָפיציעלער פּאָעט פונעם פּראָלע־טאַריאַט. איך וויל היינט, אין פאַרבינדונג מיט זיין טרויעריקן גרוס פון מאַרקסן, דערמאָנען דריי אַנדערע פּאָעטן. מאַרקס האָט מיר נאָך אין ברוסעל געזאָגט, אַז זיין באַליבסטער העלד איז פּראָמעטעאוס, דער טיטאַן, וואָס האָט גערויבט ביי די געטער פייער פאַר די אָרעמע מענטשן, און צעאוס האָט אים דערפאַר צוגעשמידט צו אַ פעלז אויף די הויכע בערג. דריי פּאָעטן שילדערן פאַרשיידן דאָס בילד פון דעם טראַגישן טיטאַן. שעלי שטעלט אים פאָר אַ געשמידטן, אין גרויסע ליידן. בייראָן שטעלט אים אויך פאָר אַ געשמידטן, אָבער פול מיט שטאָלצן האַס, אַז ער לאָזט אַפילו קיין קרעכץ ניט אַרויס. געטע, אָבער שטעלט אים פאָר אַ באַפרייטן און אַ שטאָלצן. פרייליגראַט, איר דאַרפט אין פּראָמעטעאוסן אַריינגעבן דעם ברונעטן פייער פון מאַרקסן. מאַרקס איז אַזאַ טיטאַן. ער איז אַ פּראָמע־טעאוס מיט יידיש־נביאישן צאָרן. אַ פּראָמעטעאוס פון יידישן אָפּשטאַם, וואָס איז דער שטאָלצער מאַרטירער פון פּראָלעטאַריאַט...

גערανגל

אין אָנהויב איז געווען די שרעק, אַ גרוילּיקע פאַרטויבונג צוליב דעם אומגליק, כאָטש אין דער אמתן האָט ער עס מאוימדיק פאַרגעפילט.

טאָג און נאַכט, דריי וואָכן נאָכאַנאַנד, האָט ער געוואַכט איבערן קראַנקן גוף פון זיין ביין־יאָריקן מוש, וואָס האָט זיך געקאָרטשעט אין קאָנוואולסיעס. יעדעס מאָל אים גענומען אין די אָרעמס. דער קליינער האָט געקוקט אויף אים מיט זיינע פרעכטיקע אויגן, געוויזן אַז ער פאַרשטייט צופיל.

און אַז די מידקייט האָט גובר געווען דעם ווייטיק און אַ שלאָף האָט די אויגן געשלאָסן, האָבן זיי זיך אויפגעריסן מיט אומרו. און ווי ס׳האָט נאָר גענומען בלויען אין פענצטער, איז ער אָוועקגעלאָפן זוכן דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר באַטראַכט דאָס קראַנקע קינד. ער שאָקלט מיטן קאָפּ, גייט־צו צום פענצטער, קוקט אויפן האַלב־פאַרשנייטן הויף, דרייט זיך אויס און רייבט זיך די הענט.

— קאַלט אין אייער וואוינונג. ניטאָ מיט וואָס צו הייצן, האַ? פאַר־וואָס זאָלט איר וואוינען אין אַזאַ פאַרוואָרלאָזט הינטערגעסל? און פאַרוואָס זאָלן אייך פעלן די מינימאַלסטע מיטלען צום לעבן?

— ווער זאָל באַזאָרגן מיין עקאָנאָמישע עקזיסטענץ? אפשר די האַרן פון דער געזעלשאַפט, וועמעס אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג איך זאָג פאַראויס? זאָלן זיי מיך באַלוינען פאַר דעם?

— זייט איר אַזוי זיכער אין דעם זיג פון סאָציאַליזם?

— זיכער ווי דער טויט!

דער קליינער מוש ציטערט אויף. דער דאָקטאָר ווערט בלייך. דער פאָטער איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט, אַפילו זיין געדאַנק איז געליימט געוואָרן.

אין טיר איז געשטאַנען זשעני, אַ דערשלאָגענע, טרויעריק געקוקט מיט בלייענע אויגן. באַלד האָט זי זיך אַ קאָרטשע געטאָן פון אינערלעכן

אויפשרייַ, קלאַמערנדיק זיך אין טויטן קערפּערל, וואָס איז געלעגן רואיק, שטייף.

מיט ברייט־צעפּראַלטע אויגן האָט ער געקוקט אויף דער אַנידער־געזונקענער פרוי מיט דער בלאָנדער האָר־קרוין אויפן טויט־פאַרשטייפטן קאָפּ, וואָס האָט ברייט געגליווערט אינעם קרייז פון סומנעם שיין. —

צום טיר איז צוגעפאָרן אַ שוואַרצער וואָגן.

— ווער איז געשטאָרבן? — האָבן די אָרעמע איינוואוינער פון דער קליינער און שמאָלער גאַס, דיען סטריט, זיך אָנגעהויבן צונויפקלייבן.

— ביים דאָקטאָר מאַרקס איז געשטאָרבן דער זון.

— מיין גאָט! שוין ס׳דריטע קינד. ס׳וועט ניט לאַנג דויערן, וועט מען ניט פרעגן ווער ס׳איז געשטאָרבן אין דער פאַמיליע, נאָר ווער ס׳איז געבליבן לעבן.

צוויי יונגען האָבן אַרויסגעטראָגן אין הויז אַ שוואַרץ טרונעלע, אַרייַנגעלייגט דעם טויטן. שכנים און פריינט האָבן אַראָפּגעפירט מאַרקסן מיט זשענין, זיי אַרייַנגעזעצט אין אַ באַזונדער אָמניבוס. די מוטער האָט געקוקט מיט צעפלאַמטע אויגן. ער איז געזעסן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין די הענט.

„מאַר, האָסט דאָך אַ פרוי, מיידלעך און אונדז. מיר אַלע האָבן דיך ליב.“

„דעם יונג קענט איר מיר צוריקגעבן?“

אויפן בית־עולם האָט אים ליבקנעכט שטייף געהאַלטן, ער זאָל ניט אַרייַנשפּרינגען אין גרוב...

• • •

שטיל און אומעטיק אין הויז. די גאַס דרימלט אין פולער גלייַכגילטיקייט. נאָך חדשים זיין פאַרקאָוועט אונטער אַן אייז־פאַראַסטיקער קלעם, האָט דער ווינטער זיך ניט געוואָלט שיידן. צען מאָל אין טאָג האָט מען געמיינט: אָט גייט ער אויס, דער ווינטער, און ער האָט זיך אָנגענומען מיט נייע כוחות און ווייטער אויסגעשפּרייט זיינע פראָסטיקע פליגל, ווייטער אַרומגעפאָכעט מיט זיין בייז־ווינטיקן אָטעם. נעכטן האָט געשאָטן אַ שניי.

אייגנטלעך איז עס שוין ניט קיין שני. עפּעס אַ שיטערער שוים, ווי ביי אַ גוסס אויף די ליפּן.

אין גאַס איז אומעטיק און שטיל. פון צייט צו צייט פאָרט דורך אַ קאַוטש. עס שלעפּט זיך דורך אַ וועגעלע מיט קוילן. די פאַדקאָוועס, די רעדער קלאַפּן־אויס צום אויער אַזוי דייטלעך: טויט, טויט, טויט...

איצט זיצט ער, דער פיר־און־פופציק־יאָריקער קאַרל מאַרקס און פילט זיך אַזוי פאַרשניטן, אונטערגעהאַקט פון אַלעם, ווי ער זאָל קומען פון ערגעץ אַ וויסטעניש, וואו עס איז נישטאָ קיין אַריינגאַנג און קיין אויס־גאַנג. אַ יתומדיקייט האָט אים אַרומגענומען און אַ טרויער, וואָס האָט ניט קיין גלייכן ביז איצט, ווייל ער קאָן מער ניט געפינען קיין טרייסט.

ער האָט ערשט פאַרענדיקט שרייבן אַ בריוו צו זיין פריינט לאַסאַל:

„בעקאָן זאָגט ערגעץ, אַז גרויסע מענטשן זיינען מיט אַזויפיל קנופּן צוגעבונדן צו דער וועלט, פאַרמאָגן אַזויפיל אינטערעסאַנטעס, אַז עס איז לייכט פאַר אַזאַ מענטשן זיך צו טרייסטן נאָך יעדן פּערזענלעכן אומגליק. אויב אַזוי, געהערט ער ניט צו יענע גרויסע פּערזענלעכקייטן.“

ער האָט אָוועקגעלייגט דעם בריוו און ווייטער געצויגן די מחשבה... איין זאַך וויס ער: נאָך מושס טויט פילט ער זיך אַזוי עלנט ווי אַ בלינדער אין אַ האַגל, אַזוי אומעטיק — ווי טויזנט שטאַרבנדיקע סאָוועס וואָלטן געיאָמערט איבער אים. מער פון אַלץ עקבערט אים דער טיפער צער פון זשעניך. זי, וואָס האָט אים פאַרוויגט אין זיידנסטן טרוים, געצונדן אין אים די באַגייסטערונג, אים געהאָלפן שטעלן זיכערע טריט, פאַנאַנדערוויקלען זיין ליכט, — זי איז די לײדנדיקסטע, די עלנטסטע.

אַ, זשעני! ווי לאַנג קאָן זי באַך אָנהאַלטן דעם געפּעכט מיט קרענק און מיט טויט אין לאַנדאַנס הינטערגעסלעך?

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, אַ רוק געטאָן פאַראויס זיין באַוואַקסענעם קאָפּ, וואָס האָט געלייגט אַ שאָטן אינעם אָנגערויכערטן צימער, און איז צוגעגאַנגען צום טיש, וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט ביכער און האַלב־פאַרשריבענע בויגנס.

ער האָט אָנגעצונדן די ליולקע, גענומען פּיפּקען און זיך איינקוקן אין די געדיכטע קנוילן רויך, וועלכע האָבן זיך געפּאַליעט איבערן טונקעלן חדר, איינגעהילט ס׳צימער אין אַ טומאַן. ער האָט געוואָלט פאַרזינקען אין דער אומדורכדרינגלעכער פינצטערניש און שלאָפן, שלאָפן...

עס דאַכט זיך בלויז, אַז ער שלאָפט, וואָרים זיינע דיקע ברעמען זיינען ווי צוגעמאַכטע לאָדנס איבער זיינע אויגן פאַרלייגט. ניין, ער שלאָפט ניט! דאָס שווערע אָטעמען, וואָס באַוועגט די גרוי־שוואַרצע האָר פון דער געדיכטער באָרד איבער דער ברוסט, איז מער אַ צייכן פון טיפער פאַר־קלערטקייט, פון טיפן פיין, איידער פון לעבנס־מידקייט.

נאָך אַלעמען, וואָס האָט ער דערגרייכט? — טראַכט ער זיך. — אַז דאָס לעבן גייט קעגן אים. וואו זיינען זיי, די פּראָלעטאַריער? קיינער, חוץ ענגעלסן און זיין איינציקער זשעניך, קומט אים ניט אַנטקעגן, און — די איראָניע פון שיקזאַל —ביידע שטאַמען פון פרייסישן אַדעל...

זיצט ער איצט אין דער טונקלקייט, אין אַ צעריסענעם זשילעט. דעם אויבער־סורדוט האָט ער פאַרזעצט און פאַרן געלט געקויפט פּאַפּיר. דער ווירט מאָנט דירה־געלט. באַלד וועט ער געצוואונגען ווערן פאַרקויפן ס׳לעצטע מעבל און זיך אַריינציען אין די איינזאַמע באַראַקן. ער שווידערט אויף ביים געדאַנק, אַז ער וועט מוזן פאַרלאָזן די וואוינונג, אין וועלכער עס ליגן יאָרן פון לײדן און פיין, דערינערונגען פון זיינע יונגע קינדער, די פאַרשטאָרבענע זשענכען, דאָס מלאכל—מוש, וועמענס נשמהלע שוועבט נאָך איצט אום אין דער טונקלקייט.

איצט, אין דער נעפּלדיקער טונקלקייט, וואָס הערשט אין שטוב אונטער זיינע שווערע ברעמען, זעט ער נאָכאַמאָל די זעאונג, וואָס באַווייזט זיך צו אים אין דער לעצטער צייט — אַ רעזולטאַט פון זיין פאַרצווייפלטער שטימונג. ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיינע יוגנט־חברים, באַזונדערס נאָך מאָזעס העסן, מיט וועמען ער האָט קיינמאָל ניט מסכים געווען, האָט אָפּט דעמאַסקירט דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון זיין סאָציאַליזם, גע־מאַכט אַש און שטויב פון זיינע אידייען, וואָס שמעקן מיט אַ ריח פון בבל,— אָבער האָט אים דאָך אין דער שטיל מקנא געווען.

יאָ, ער האָט אַ גרויס האַרץ, דער תּלמודישער מאָזעס. ער האָט געקאָנט אַרויסנעמען אַ מיידל פון קויט און שאַנד און זי אויפהייבן צו זיך, איר געבן גליק. און ער, מאַרקס, וואָס האָט ער געטאָן פאַר זיין ליכטיקער זשעני? פאַר איר ליבע און טרייהייט האָט זי באַקומען צענדליקער קראַנק־הייטן, גרויזאַמע אָרעמקייט און אָפּצערונג — די גיליאָטינע פון די אָרעמע. אַז ער קאָן קיין פּשרות ניט מאַכן, אַז ער קאָן מיט די פיליסטערס ניט אויסקומען. — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַט, פונעם געדיכטן טומאַן שאַרט זיך אַרויס אַ בלייך געשטאַלט, ווי אַרויסגעשוואומען פון דער שאַטנדיקער וואַנט, בלייבט שטיין מיט אַ מילדן בליק אין זיינע אויגן:

— וואָס איז, מאַרקו ליבער, פאַרוואָס אַזוי אומעטיק, טרייסטלאָז?

— שלעכט, מאַזעס, איך בין אינגאַנצן דערשלאָגן. מוש ליגט שוין אין אַ קאַלטן קבר און פאַר זשענין איז קיין טרייסט ניטאָ.

— אין עלנט, מאַרקס, צעשטראַלט זיך די ליבע מער. זשעני האָט זיך דיר אינגאַנצן אָוועקגעגעבן—איר האַרץ! און דאָס וויכטיקסטע איז די שטאַנדהאַפטיקייט פון מענטשלעכן האַרץ.

— נאַרישקייטן, מאַזעס! דו רעדוצירסט דעם מענטשלעכן אינטעלעקט, דעם גרעסטן רעאַלן פאַקטאָר אין דער געשיכטע, כדי צו קרוינען אויבנאָן דעם קריסטלעכן פרינץ פון אַלע סענטימענטאַלע הייליקייטן—דאָס האַרץ.

— אָבער ליבע און געפיל איז דער באַלזאַם פאַר אַלע ווייטיקן און טראַגעדיעס.

— דער גאַנצער אויבערבוי פון פאַרשיידנאַרטיקע געפילן און אילוזיעס וואַקסט אָן בלויז אויף די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון עקזיסטענץ.

— האָט זשעני דיך אויסגעווילט צוליב עקאָנאָמישע מאָטיוון? האָט זי ניט פאַרניכטעט איר מאַטעריעלן וואוילזיין און זיכערקייט צוליב דיין גליק און צוקונפט?

— זשעני איז עפעס אַנדערש!

— די שטילע,ליידנדיקע זיינען דאָס זאַלץ פון דער ערד, דאָס ליכט פון דער וועלט.

— גענוג, גענוג, מאַזעס, מיט דיינע סענטימענטאַלע פראַזן! דער ערשטער באַנד פון מיין „קאַפּיטאַל" וואַרט. איך דאַרף באַווייזן דורך ציפערן די אייזערנע נויטווענדיקייט פון די פּראָדוציר־כוחות, וואָס וועלן פאַרטרייבן דעם וואָלף פון הונגער און די שלאַנגען פון אַלע קראַנקהייטן...

— עס איז טונקל אין צימער, זאָל מען אָנצינדן דעם לאָמפּ, — האָט זיך מאַרקס אויפגעשטעלט און געגומען ברומען. — אַ ים מיט אַרבעט וואַרט אויף מיר. וואַרט, מאַזעס, מיר וועלן שפּעטער דיסקוטירן וועגן סענטימענט און אינטעלעקט, וועגן האַרץ און געפיל...

אָבער ווען זשעני איז אַריינגעקומען מיט אַ לאָמפּ, איז שוין העס ניט געווען. ער איז פאַרשוואונדן מיטן נעפּל...

דאָס קאַפּיטאַל

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!" — מיט איין־און־צוואַנציק יאָר צוריק איז דער געדאַנק פאַרזייט געוואָרן, און היינט שניידט מען די פּרוכט.

דעם חודש סעפּטעמבער, 1869, האָט זיך אין באַזעל פאַרזאַמלט דער פערטער קאָנגרעס פונעם „אינטערנאַציאָנאַל". עס זיינען געקומען דעלע־גאַטן פון פאַרשיידענע לענדער, געקומען דערלאַנגען זיך ברודערשע הענט, ענגער שמידן די חברשאַפט און מעלדן דער וועלט: מיר זיינען אייניק!

העס האָט אויף דעם קאָנגרעס געהאַלטן איינע פון די הויפּט־רעדעס.

מאַרקס איז דאָס מאָל ניט געזעסן אויף דער טריבונע, נאָר צווישן די דעלעגאַטן, און זיך צוגעהערט שווייגנדיק. עס איז געווען צו דערקענען אויף אים, אַז ער איז שטאַרק צופרידן פון העס' רעדע.

דער רעפעראַט איז אויפגענומען געוואָרן דורכן גאַנצן קאָנגרעס מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. נאָכן אַראָפּגיין פון דער טריבונע האָבן אים מאַרקס און ענגעלס געדריקט די האַנט.

— מאָזעס, — האָט ענגעלס ניט אַרויסגעלאָזט העסעס האַנט פון זיינער, — דו האָסט מיט דיין רעדע באַוויזן, אַז קיין זאַך איז ניט העכער פון אַרבעטס־מענטש. די פאַרקנעכטעטע נשמות באַקומען און די פּראָדאָציסטן האָבן געציטערט. בראַוואָ!

די ווערטער פון זיין יוגנט־פריינט האָבן אים געוואָרעמט, אויפגע־הייטערט. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט יונג, בכוח אָנהייבן פונסניי זיין צקטיווקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין קריגערייען און טומל אויף דעם קאָנגרעס. דעם הויפּט־טומל האָט אָנגעמאַכט באַקונין. העס האָט אים גע־פּרוואוט איינשטילן:

— באַקונין, איר מעגט טאַקע זיין אויפריכטיק, אָבער אייער סביבה

איז שטאַרק פאַרדעכטיקט און מיר קאָנען שוין אויך צו אייך קיין צוטרוי ניט האָבן.

באַקונין איז געווען צערייצט, און נאָך דער זיצונג געהאַלטן אין איין שרייען:

— וואָס ליאַרעמט ער אַזוי שטאַרק, דער דייטשער זשיד העס? וואָס וויל ער, דער יידישער קאַרליק?

— די געשיכטע וועט באַווייזן, ווער עס איז אַ ריז און ווער איז אַ קאַרליק, — האָט עמעצער געענטפערט.

— ס'איז כוליגאַנישע זידלעריי, — האָט ענגעלס געזאָגט.

— דאָס איז דערפאַר, ווייל באַקונין פילט שוין דעם באַנקראָט פון זיין אידייע, — האָט מאַרקס צוגעגעבן.

וועגן דעם פערטן קאָנגרעס און העסעס רעדע האָט מען אויספירלעך געשריבן אין אַלע צייטונגען.

„אין זעכציק ראַיאָנען פון לאָנדאָן שטאַרבן, לויט דער סטאַטיסטיק, פון הונדערט טויזנט קינדער אונטער 1 יאָר — 9,000, און אין איין ראַיאָן פון די זעכצן, גיט מען צו צו די 9,000 נאָך 7,074 קינדער. די פאַבריקן זיינען געפאַקט מיט קינדער.

„די אַנגליקאַנישע קירך וועט גיכער מוותר זיין אויף 38 פּראָצענט פון אירע 39 אַנפאַלן אויף זייער גלויבן, ווי אויף איין טייל פון אירע הכנסות און רווחים.

„דער יידישער היסטאָריקער, וואָס באַשרייבט דעם חורבן פון ירושלים דורך טיטוסן, זאָגט, אַז עס איז נישט קיין וואונדער, פאַרוואָס עס איז געקומען צו אַזאַ שרעקלעכער פאַרניכטונג, ווייל מוטערס פלעגן מקריב זיין זייערע אייגענע קינדער כדי צו שטילן דעם הונגער.

„אין אַ געוויסן זין פאַסירט עס מיטן מענטשן ווי מיט דער סחורה. אַזוי ווי ער קומט ניט אויף דער וועלט מיט אַ שפּיגל אין האַנט, געפינט דער מענטש צום ערשטן מאָל זיין שפּיגל אין אַן אַנדער מענטשן.

„משה פון מצרים האָט געזאָגט: 'דו זאָלסט ניט פאַרצוימען דאָס מויל פון אָקס בעת ער דרעשט.' די קריסטלעך־גערמאַנישע פילאַנטראָפּן אָבער פלעגן אַרויפלייגן אַ גרויסע הילצערנע ברעט אויפן האַלדז פון דעם לייב־אייגענעם, וועלכן זיי האָבן באַנוצט אַלס טרייב־קראַפט צום מאָלן,

כדי ער זאָל ניט קאָנען ברענגען קיין מעל מיט דער האַנט צום מויל.

„לאָמיר צום ערשטן באַטראַכטן אָט דעם אַקומולאַציע־פּראָצעס. אַ שפּינער, למשל, האָט אַריינגעלייגט אַ קאַפּיטאַל פון 10,000 פונט — 4/5 דערפון אין באַוול, מאַשינען א. אַז. וו., און 1/5 אין אַרבעט־לוין. ער פּראָדוצירט יערלעך 240,000 פונט גאַרן, וואָס זיינען ווערט 12,000 פונט. ביי אַ מער־ווערט ראַטע פון 100 פּראָצענט, ליגט דער מער־ווערט אין דעם מער־פּראָדוקט אָדער נעט־פּראָדוקט פון 40,000 פונט גאַרן — 1/6 פון דעם גאַנצן פּראָדוקט. אָט דער מער־פּראָדוקט האָט אַ ווערט פון 2,000 פונט, וואָס דער פאַרקויף וועט רעאַליזירן. אויב אָט די 2,000 פונט ווערן ווידער אַריינגעלייגט אין קאַפּיטאַל, דאַן וואַקסט דער אורשפּרינגלעכער קאַפּיטאַל פון 10,000 אויף 12,000, אָדער אין אַנדערע ווערטער: ער האָט זיך אַקומילירט.

„... עס איז די אַלטע געשיכטע: אברהם הוליד את יצחק, יצחק הוליד את יעקב א. אַז. וו., א. אַז. וו. דער אורשפּרינגלעכער קאַפּיטאַל־ווערט פון 10,000 פונט ברענגט אַ מער־ווערט פון 2,000, וועלכער ווערט קאַפּיטאַליזירט. דער נייער קאַפּיטאַל פון 2,000 פונט ברענגט אַ מער־ווערט פון 400 פונט.

„אַקומילירט, אַקומילירט! דאָס איז משה און די נביאים! שפּאָרזאַמקייט און ניט אַרבעטזאַמקייט (אינדוסטריע) איז די דירעקטע סיבה פון דער אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. די אַרבעט ליפערט דעם מאַטעריאַל, וועלכן די שפּאָרזאַמקייט אַקומולירט. בכן שפּאָרט, שפּאָרט, דאָס הייסט פאַרוואַנדלט צוריק דעם מעגלעכסט גרעסטן טייל פונעם מער־ווערט אָדער מער־פּראָדוקט אין קאַפּיטאַל. אַקומולאַציע צוליב אַקומולאַציע — אין אָט דער פאָרמולע האָט די קלאַסישע עקאָנאָמיע אויסגעדריקט די היסטאָרישע מיסיע פון דעם בורזשואַזן פּעריאָד.

„... אויב דער פּראָלעטאַריער גילט פאַר דער קלאַסישער עקאָנאָמיע נאָר ווי אַ מאַשין אויף צו פּראָדוצירן מער־ווערט — — —"

שוין די דריטע נאַכט אַז העס זיצט איבערן „קאַפּיטאַל". נאָך פאַרן קאָנגרעס האָט ער געהאַט בדעה זיך נעמען צו דער איבערזעצונג. באַלד ווי ער וועט זיך אומקערן קיין פּאַריז, מוז ער איבערזעצן דעם ערשטן טייל אין פראַנצויזיש.

יעדע נאַכט פאַרקלײַבט ער זיך אין זײַן האָטעל־צימערל אין באַזעל און לײענט פּלייסיק. ער לײענט מיט אַן אינעווײניקסטער שפּאַנונג. זײַן בליק שנײַדט דעם וואַלד פון ציפערן, און עס דאַכט זיך אים, אַז מאַרקס גרײַפט אַן אין געשלעג די קאַלטע מאַטעמאַטישע טאַבעלעס.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט העס געשריבן. פאַרנאַכט איז ער מיד געוואָרן, באַטראַכט די פאַרשריבענע בויגנס מיט די פאַרדרייטע פראַנצויזישע אותיות און געלייענט אַ שורה נאָך אַ שורה, אַ זאַץ נאָך אַ זאַץ.

ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין פאָטעל און געזען דורכן פענצטער, ווי דער רהײַן, אַ בלויער, רויטלט זיך אין דער פאַרגײענדיקער זון. ער האָט זיך פאַרטראַכט און באַשלאָסן היינט מער ניט צו אַרבעטן, נאָר רוען, רוען.

פון נישט האָבן וואָס צו טאָן, האָט ער זיך גענומען צו אַ פאַרלעגן פּעקל דאָקומענטן. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ בריוו, וואָס לאַסאַל האָט אים געשריבן מיט עטלעכע חדשים פאַר זײַן טראַגישן טויט. אָט דעם ברעסלויער ייִדן, וואָס איז אַ צײַט געווען דער אָפּגאָט פון די דײַטשע אַרבעטער, פאַרשטייט ער אינגאַנצן ניט. לעצטנס קומט ער אים צו חלום. דערמאָנט אים, אַז ער האָט נאָך ניט געהערט העסעס מיינונג וועגן זײַן פילאָסאָפיש ווערק „העראַקליטוס“.

העס האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך געוואָלט דערמאָנען אַ ציטאָט פון „העראַקליטוס“, און ניט געקאָנט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ מידקייט, אַז עס האָט אים געצויגן צום בעט.

אין האַלב־דרימל האָט ער דערהערט אַ באַקאַנטע שטים:

— מאָזעס העס, וואָס טוסטו?

— פערדינאַנד?!

— דערקענסט מיך שוין ניט?

— ביסט דאָך, דאַכט זיך, שוין לאַנג טויט.

— האָסט פאַרגעסן וואָס איך זאָג אין מײַן דראַמע „פאַן זיקינגען“, אַז קעמפער שטאַרבן ניט.

— אָה!

— איז טאַקע אמת, אַז מאַרקס האָט וועגן מיר געשריבן, אַז איך האָב געדינט ביסמאַרקן?

— איך ווייס ניט? ואַרשיינלעך, יאָ! ווייסט דאָך ווי שאַרף־צאַנדיק ער קאָן אַמאָל זיין.

— און דו זיצסט איבערן „קאַפּיטאַל״?

— „דאָס קאַפּיטאַל״ איז דער לייט־מאָטיוו פון אונדזער גאַנצער אַרבעט. זיינע ציפערן באַלייכטן דעם וועג צו דער דערלייזונג פון אַרבעטער־קלאַס...

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט:

— אַריין!

— וואָס זיצסטו אין דער פינצטער? — האָט זיך דערהערט ענגעלס' שטים.

— האָ? אין דער פינצטער? — האָט זיך העס געטומען רייבן די אויגן. — יאָ, מען דאַרף אָנצינדן ליכט. זיץ, פרידריך! וועסט מיר דער־וויל קלאָר מאַכן איניקע שטעלן אין „קאַפּיטאַל״.

העס האָט אָנגעקלונגען. אַ דינער איז אַריין און אָנגעצונדן אַן אויל־לאָמפּ. ענגעלס האָט אַ ווײַלע געקוקט אין דיקן בוך, האָט באַלד אויפ־געהויבן די בלויע אויגן, אַרויפגעשאַרט די דיקע, בלאָנד־גרויע וואָנסעס און זיך צערעדט מיט אַן אימפּעט:

— מאַרקס ווידערהאָלט דאָ בלויז וואָס מיר האָבן געשריבן מיט 22 יאָר צוריק אין „מאַניפעסט״. ביסט ניט מסכים?

— אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש!

— וואָס עפּעס אַנדערש?

— איז מיר שוין קלאָר . . .

— היינט מאַכט די באַזעלער אָרגאַניזאַציע אַן אויפנאַמע. גייסט מיט?

— ביין! וועסט מיך אַנטשולדיקן פאַר זיי. איך בין מיד.

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

העס איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געקוקט מיט שלעפעריקע אויגן אין דער זייט וואו ענגעלס איז פאַרשוואונדן. מיטאַמאָל זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום טיש, אַ נעם געטאָן דאָס בוך און זיך ווידער פאַרטיפט אין „קאַפּיטאַל״.

ד

רוים און ירושלים

יהודה הלוי

— געוואַלד, סיביל, שטעל זיך אָפּ! אָט דאָ!

— וואָרום, מאַזעס? ער זינגט אַזוי שיין. איך וואָלט ניט מיד געוואָרן אים צו לייענען אַ גאַנצן טאָג. —

סיביל האָט פאַרמאַכט ס׳בוך, פאַרפרעסט די ליפּן און אירע בלויע אויגן האָבן קלוג געשמייכלט.

העסעס שאָטנדיקער פּנים איז געוואָרן אומרואיקער. ער האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אין ווייכן פאָטעל. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַ נעם געטאָן זיין בערדל, און זיין ברייטער שטערן האָט זיך געקנייטשט.

— ס׳איז מיר שווער זיך צו שיידן מיט היינען. ער איז פון די ווייניקע, וועמען איך פאַרשטיי, איינער פון די געציילטע פּאָעטן, ריכטיקער: מענטשן אין דער סביבה, אין וועלכער איך האָב פאַרקערט, וועמעס געדאַנקען זיינען נאָך פאַר מיר איצט אויך אַן אָנרעגונג; איינער פון די גאָר זעלטענע, וועמעס שאַפן עס האָט געהאַט אַ זינען.

— יאָ, ווירקלעך, היינע איז אַ זון־שטראַל. אַזוי פיל צאַרטקייט, אַזוי פיל שטילקייט. —

ער האָט אַ נעם געטאָן ס׳בוך פון סיבילס האַנט. זי האָט זיך אַוועק־געזעצט אַנטקעגן, גענומען אין האַנט אַ שפּינדל מיט אַ קנויל באַוול.

העס האָט געלייענט, פאַרטיפט. מיטאַמאָל אויפגעהויבן די אויגן:

— אַ וואונדערלעך געזאַנג, דאָס ליד „בן הלוי״... הערסט, סיביל, הערסט וואָס איך רעד צו דיר?

— איך הער!

— דורך היינען פאַרשטיי איך מער די בענקשאַפט פון יענעם גרויסן דיכטער פון מערב. ס׳איז אַ בענקשאַפט פון אַ וואָרצל צום טויזנט־יאָריקן שטאַם. יענער דיכטער איז געקומען קושן דעם שטויב, דאָס גראָז, די גערטנער, וואָס זיינען פאַרזייט פון אַנדערע. איך וויל זען דאָס לאַנד באַבויט און באַגרינט פון אייגענע הענט. הערסט, סיביל? —

סיביל, וואָס איז שוין געזעסן אַנטקעגן מיטן שפינדל אין האַנט, האָט אויפגעהויבן די אויגן, פון וועלכע אַ שטילע בלויקייט האָט מנוחהדיק געפלייצט.

— שפינסט, סיביל? גוט! אַזאַ ווייב איז טייערער פון פערל, זאָגט שלמה המלך.

העס האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין מחשבות. ער איז אין דער רגע דערגאַנגען צו דעם צושטאַנד, ווען פאַרזעצן טראַכטן ווערט שוין פיזיש אוממעגלעך, און דער מענטש גיט זיך, ווילנדיק ניט־ווילנדיק, אַ קער צו דער ווייטקייט, שאַפט זיך אַליין אַ בילד פון דעם, וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט אין דער געשיכטע. —

. . . פון דער זון־פאַרטריקנטער סעווילאַ איז ער אויפגעגאַנגען, דער דאָקטאָר פון טאָלעדאָ און דער משורר יהודה הלוי, און זיך געלאָזט אויף די כוואַליעס פון מיטלענדישן ים.

די זון האָט גענידערט צו די בלויע בערג. די כוואַליעס, ווי לאַנגע ציטערדיקע שורות, האָבן זיך געצויגן צו דער וואַרעמקייט פון זאַמד. די שטילקייט אַרום און אַרום האָט געווייעט מיט בין־השמשותדיקער שטימונג.

און ווען די שיף האָט, ווי אַ שוואַרצער פיש, זיך אַנגעהויבן באַוועגן אויפן אויבערפלאַך פון ים, האָבן די אויגן פון זיין משפחה, פון זיין פרוי און איינציקן זון און זיינע פריינט, געוואָרפן זייערע בליקן, ווי בריקן, צו דעם הויכן, זון־פאַרברוינטן מאַן, וואָס איז געזעסן איינגעוויקלט אין בורנוס און מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ. ער אַליין האָט יעדעס מאָל געוואָרפן זיינע אויגן צום מזרח, אַ געגאַרטער בליק צום געגאַרטן ברעג.

דער ברעג, וואָס איז געלעגן אומבאַוועגלעך, פרעמד און שווייגנדיק, האָט זיך אַלץ מער אָפּעגרוקט, און אין דער בלויקייט פון די בערג זיינען ווייסע, פלאַכע שטיבעלעך געשטאַנען ווי מצבות, און ס׳האָט געווייעט פון זיי מיט אומעט, מיט שטילן טרויער.

די כוואַליעס האָבן שטיל געשלאָגן אין די זייטן פון דער שיף, און ביים סאַמע סוף פון דעק, וואו עס זיינען געלעגן די שווערע שטריק פון אַנקער, איז דער שלאַנקער און טונקעלער משורר געזעסן איינגעוויקלט אין רויטע פלאַמען פון ליבע און בענקעניש, בענקעניש נאָכן מזרח.

מיט דריי טעג שפּעטער, ווען דער מאַסט האָט שוין די שיף ווייט,

ווייט פאַרטראָגן, האָבן שוין אַלע געוואוסט, אַז גלייך נאָכן אָונט־ברויט, ווען די זון בויגט זיך צו מערבֿ, גייט ער, דער יידישער דאָקטאָר פון טאָלעדאָ, אַרויף אויף דעם דעק, צום סאַמע נאָז פון דער שיף, און קוקט אויף די שטערן, און שפּעט אין אָונט, ווען ער קומט צוריק צו זיין רו־פּלאַץ, אין שמאָלן בויך פון דער שיף, פאַרצייכנט ער עפּעס אויף פּאַרמעט, וואָס ער ציט אַרויס פון אַ געפלאָכטענעם קוישל.

ער האָט ווייניק גערעדט, דער פאַרחלומטער ייד מיטן טורבאַן אויפן קאָפּ. ניט געהאַט מיט וועמען צו רעדן. איז ער דאָך געווען דער איינציקער ייד אויף דער שיף, וואָס האָט, ווי אַן אַלטן ניגון, געטראָגן אין זיך די בענקעניש נאָך מזרח, נאָך ציון.

די כוואַליעס האָבן שטיל געגלעט די זייטן פון דער שיף, און זייערע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט אויף אַ פרעמדער שפּראַך, פרעמד צו אַלע מיטרייזנדע, און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געפליסטערט אַ געשפּרעך מיט אַ הייסער געליבטער.

קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. קיינעם האָט ער ניט געקימערט. בלויז דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט באַמערקט, ווי שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע זינקען שוין אין שלאָף, זיצט דער ייד און ביים ווייסן שיין פון די שטערן קריצט ער אויף אַ פּאַרמעט.

ערשט אויפן זיבעטן טאָג האָט זיך דער ים אָנגעבֿרוגזט. אַ שטורעם איז אָנגעלאָפן, כוואַליעס זייערן געלאָפן איינס אויף ס'אַנדערע און באַגאָסן מיט ווייסן שוים דעם גאַנצן דעק־פּלאַץ. די שיף האָט זיך געטראָגן מיטן שטורעם, זיך געוואָרפן ווי אין קראַמפּן.

דער קאַפּיטאַן האָט אָפּיגעצויגן דעם פאַרהאַנג פאַר די טרעפּלעך פון דעם דעק און אויסגערופן:

— דאָקטאָר, אַראָפּ! וואָס איז מיט דיר? וועסט באַלד אָפּגעשווענקט ווערן פון אַ כוואַליע, איינגעשלונגען ווערן אין תהום.

— זאָרג ניט! מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל. ער שפּאַלט ימים מיט זיין אָרעם, אויף זיינע שטורעמדיקע פליגל טראָגט ער מיך צום ליבן לאַנד.

— קום אַראָפּ! קום אַראָפּ, זאָג איך!

דער דאָקטאָר, מיטן קוישל אין האַנט, איז אַראָפּגעקומען אַ נאַסער,

אַן אויסגעוויקטער. פון טורבאַן, פון דער באָרד האָבן זיך געצויגן שטראָמען. אַן אויסברוך פון געלעכטער האָט אים באַגעגנט.

די רייזנדיקע האָבן געקרעכצט. אייניקע האָבן זיך געצלמט פאַר שרעק.

— ער איז משוגע... — האָט זיך אָנגערופן אַ דינער מאַנאַך מיט אַ שפּיציק בערדל.

— ניין, ער איז ניט משוגע. דאָס בענקט ער נאָך ערד, גאָרט צו זען אַ ברעג! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן פון הינטערן פאַרהאַנג, און דער מאַנאַך איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— אָ, ווי איך בענק, ווי עס ווילט זיך מיר שוין שפּאַנען מיט די נאַקעטע פיס אויפן הייליקן באָדן, וואו גאָטס וואָרט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיינע אויסדערוויילטע! — האָט דער משורר אָנגעשטעלט זיינע ליכטיקע אויגן אויפן ברוגז'ן מאַנאַך.

— און וואָס ווערסטו טאָן, אַז דער שטורעם וועט די שיף צעברעכן און מיר וועלן אַלע פאַרזינקען אין תהום?

— אָ, האָב בטחון, האָב בטחון, ס'וועט זיך איינשטילן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז צוגעגאַנגען צו די טרעפּ פונעם דעק, געקוקט אויפן האָריזאָנט. ביסלעכווייז האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט. די כוואַליעס האָבן זיך שטילער געוויגט. דער הימל האָט זיך גענומען לייטערן. אַנטקעגן האָט זיך אַ שיפל, מיט אַ טונקעלן זעגל, ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגל, געהויבן אויף די בלויע כוואַליעס.

— קוקט ווי דער הימל ווערט בלוי. באַלד וועט זיך דער רויטער פייער פון דער זון צעגיסן איבערן מזרח.

אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און אַ פרייד האָט זיך געלייגט ביי די פיס און אַ האָפענונג האָט זיך געהויבן צום הימל, וואו שטערן האָבן אויפגעציטערט.

יהודה הלוי האָט זיך ווידער געזעצט איבער זיינע פאַרמעטן און געזייעט מיט קיילעכדיקע אותיות שורות וועגן כוואַליעס, וואָס זיינען צעשפּרייט ווי שאָף; וועגן דעם, וואָס פאַרנדיק אויפן בלויען ים איז שווער צו וויסן: וואו איז ים און וואו איז הימל. ער איז געווען זיכער, אַז ביידע ים'ען שלאָפן דאָ ווי גלייכע ברידער. בלויז איין ים — זיין האַרץ — שלאָפט ניט.

... און עס זיינען אַוועק טעג און נעכט, און די ווינטן האָבן געטריבן

די שיף, און קיין יבשה איז אַלץ ניט געווען צו זען. ערשט נאָך דרייסיק טעג האָט זיך די שיף דערנענטערט צום ברעג פון מצרים.

איינזאַם, אָן באַגלייטער, האָט זיך דער משורר געצויגן איבער שטייניקע חורבות צו דער אַלטער פאַרטשאַדעטער וואַנט, און ווען ער האָט דערגרייכט ירושלים און זיך געלאָזט מיט די שמאָלע געסלעך, וואָס פירן צום כותל מערבי, איז אין הימל אויפגעגאַנגען אַ לבנה. די בערג אַרום האָבן זיך געוויקלט אין שוואַרצן בלוי. צאַרטע סאַמעט־ווינטלעך האָבן קיל געוויעט און צעפלאַשעט זיין באָרד. די שטערן האָבן געשימערט, געפלייצט מיט גאָלד אויף די קרומע געסלעך.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין כאַלאַט אויף דער ערד, איז אַנידערגעפאַלן און זי באַדעקט מיט הייסע קושן. זיינע אויגן האָבן פייערדיק געבליצט און ס׳האַרץ האָט אים געברענט ווי דער סנה אין דער מדבר, ווי דער צער פון דורות וואָלט פון אים אַרויסגעגליט. „בענקסטו אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון?... בייגאַכט אויף דיינע חורבות בין איך דיין סאָווע... און חלומט זיך מיר נאָר דיין מאָרגנשטערן, ווער איך דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיקע האַרף...“

פון אַ שמאָל געסל איז אָנגעריטן אַן אַראַבער אויף אַ ברוין אייזעלע. ער האָט דערזען דעם משורר און אַרויסגעדונערט:

— יאַהוד, וואָס פלאַנטערסטו זיך דאָ?

דער משורר האָט אויסגעדרייט זיין פּנים פון דער וואַנט און פּאָר זיינע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ בלאַנקער מעסער, און דער מעסער איז געזונקען אין האַרץ פון ווינענדיקן משורר. בלוט האָט אַ שטראָם געטאָן אויף די שטיינער. דער אַראַבער האָט מיטן פוס אָוועקגעשאַרט דעם גוסס און איז איילִיק אָוועקגעריטן. פון מזרח־זייט האָבן זיך געריסן גרויע פאַסן. באַלד איז דער באַגינען אויפגעגאַנגען אין אַ ציטערנדיקער רויטקייט. —

— —

ביז פאַרטאָג־גרויקייט איז העס געזעסן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. אין אומרואיקן שלאָף, אין צעפּלאָנטערטן חלום זיינען צעפאַלן די ווענט פון זיין צימער. זיין חלום האָט אים אָוועקגעטראָגן קיין ירושלים. ער האָט זייער אַ וויכטיקע שליחות — דערפאַר טרעטן אים אַלע אָפּ דעם וועג. אָט איז ער שוין גאָר נאָענט צום ציל. דער סולטאַן אַליין פאַרהאַנדלט מיט

אים. נאָר פלוצלונג באַוויזט זיך אַ רוימישער גלח, אין אַ ברייטן שוואַרצן מאַנטל, פאַכעט אָן אויפהער מיט אַ גרויסן זילבערנעם צלם. פאַרהאַלט אים.

העס שרייט פאַרשטיקט:

— טרעט אָפּ! דעם וועג לאָז פאַר די דערלייזטע!

קיינער הערט ניט זיינע קולות. זיינע ווערטער זינקען אין ווייסן זאַמד. פון פאַרטראַכטקייט האָט זיך העס אויפגעכאַפּט.

סיביל איז פון בעט אַראָפּגעקראָכן. געבליבן שטיין האַרט לעבן העסן און שטאַרק געבעטן:

— מאַזעס, ביז איצט האָסטו געדרימלט, זיך אַפילו ניט צוגעלייגט. גיי היינט אין ראַט פון דער קאָמונע. איך וועל אַרויפכאַפּן פרישטיק און דו וועסט בלייבן אין שטוב. וועסט זיך גוט אויסשלאָפן. ביסט דאָך אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן!

העס האָט זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט. גלייך ווי זיין חלום וואָלט אים אַריינגעבראַכט אין אַ פריילעכער שטימונג.

ער איז צוגעגאַנגען צום שלאָף־צימער, אַ ווײַלע געשטאַנען ביים פענצטער. דורכן פענצטער האָט געקילט אַ פרישער מאָרגן־ווינט. ערגעץ פון וויטן האָט אַ ליכטיקייט אויפגעגרויט, זיך צעלייגט איבער די דעכער פון פאַריז. פון דעם מאָדנעם חלום איז ביי אים דאָס פּנים געוואָרן יינגלשער און די פאַרצויגענע אויגן האָבן מאָדנע געפינקלט.

עס איז געווען סוף ווינטער 1862. העס האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אַרויסוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו די יידן פון פאַריז. באַזונדערס האָט ער זיך אָנגעהויבן טרעפן מיט די יידישע אייַנוואַנדערער פון מזרח־אייראָפּע, פון רוסלאַנד און פוילן, געזען אין זיי די אמתע טרעגער פון נאַציאָנאַלן גייסט.

אַנטפּלעקונג

שווערלייביק, ברייטבייניק, די טיפע ווינקלען פון גרויסן שטערן האָבן געמאַכט די אומרואיקע אויגן גרעסער און די גרויע האָר האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן ברייטן שטערן.

עס האָט געוואַנדערט איבער די פּאַריזער גאַסן און ווייטער געוועבט די מחשבות, וואָס די נביאים האָבן אָנגעהויבן אין ירושלים, אויף די בערג פון שומרון און וואָס האָבן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט איבערגעריסן.

ער האָט דערשפּירט, אַז ער לעבט דורך אַ נייע התגלות, אַז ער שטייט ביים קוואַל פון אַ נייער אַנטפּלעקונג, און אים איז איינגעפאַלן, אַז דער יידישער נביאישער געדאַנק לעבט אייביק צווישן די פעלקער, וועקט און מונטערט זיי צו נאַציאָנאַלער דערוואַכונג.

אַפילו ווען ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס געצנדינערישע רוים מאַכט אַ סוף צו דער יידישער און גריכישער קולטור, האָט אַ ייד אַנטפּלעקט אַ ניי לעבן, אַ נייע קולטור.

ער האָט פאַר זיך געזען שפּינאָזען, ווי ער זיצט אָפּגעזונדערט אין זיין אויבערקאַמער אין האַאַג. שלייפט דאָס גלאָז און שלייפט גלייכצייטיק אויס אַ נייעם נביאישן אמת. און אים איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז איצט, ווען ס׳קריסטלעכע רוים זינקט און ס׳נייע לעבן קלאַפּט שוין אין די פענצטער, וועקט דעם מענטשן צו מעשים, צו דער „פילאָסאָפיע פון דער טאָט“, — איז די העכסטע צייט, אַז אויך דאָס יידישע פאָלק זאָל אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די קייטן פון גלות און אויפשטיין צו אַ ניי לעבן אויף דער ערד פון די נביאים.

די איינוואוינער פון דער „קאָמונע“, די עמיגראַנטן פון פוילן, דייטש־לאַנד, איטאַליע און אונגאַרן, האָבן זיך צעטיילט אַרום אים אין צוויי לאַגערן. אַ טייל האָבן אים פאַרגעטערט, דערציילט וועגן אים לעגענדעס, אים גערופן „הייליקער“, און אַז משה העס פלעגט קומען אין די פאַרנאַכטן אין זאַל פון דער „קאָמונע“ און זיך צערעדט, געוואָרפן מיט פּסוקים פון

תנ״ך, מיט משלים פון מדרש, האָבן די צוהערער פאַרגעסן, אַז צווישן זיי שטייט דער קאָמוניסט העס, נאָר דערזעען איבער זיך אַ נביא, וואָס שעפּט גאָטס וואָרט, ווי פלאַמען אין אַ כלי, און שליידערט די פלאַמען אין די גאַסן, צינדט אומרו, שטורעם.

אַנדערע האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם; נביאות גע־זאָגט, אַז ער וועט זיך באַזעצן אין אַ קלויז און זיין סיביל וועט ווערן אַ מאַגדאַלענאַ.

• • •

צווי ביינאַכט איז העס אַהיימגעקומען. ער איז שטיל אַריין אין צימער, ניט אָנגעצונדן קיין ליכט, ניט געוואָלט אויפוועקן סיבילן, און אַזוי געבליבן זיצן אין דער טיפער שטול. געשעעניש אָן אַ פאַרבינדונג האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן אין זיינע געדאַנקען און זיך געלאָשן ביי אים אין האַרצן ווי פונקען.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און בילדער פון דער פריער קינדהייט האָבן גענומען שוועבן פאַר זיינע אויגן. עס איז אויפגעוואַקסן דער זיידע מיטן ווינענדיקן ניגון, ווי ער זיצט אויף דער ערד, זיין שטערן באַשאָטן מיט אַש און ריכט אָפּ חצות. ער האָט דערזען די מאַמע, ווי זי וויגט אים אין מיט ליבשאַפט, זאָגט אים: „האָסט די זכיה, מיין זון, צו לערנען ביי דיין זיידן וואָס שטאַמט פון מהרי״ק. עס שטייט געשריבן: ווען דער זיידע און דער אייניקל זיינען ביידע תלמידי־חכמים, טוט זיך שוין די תורה ניט אָפּ פון דער משפּחה און גייט איבער בירושה פון דור צו דור.״

וואָס לענגער ער האָט געטראַכט וועגן זיידן, וועגן דער מאַמען, אַלץ שטאַרקער האָט ער דערפילט אַ שייכות צו זיין שטאַם, און אַ פריידי איז אין אים אויפגעגאַנגען — אַ פריידי, וואָס אין זיין ברוסט, אין זיין האַרץ און אין זיין נשמה האָט זיך איבערגעטראָגן דער גייסט פון זיין פרומען זיידן, וועלכער האָט תמיד געוואָרט אויף משיחן.

אים איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז אין יענע קינדער־יאָרן דאַרף ער זוכן די זוימען־קערנדלעך, פון וועלכע עס וואַקסט איצט, נאָך אַ לייטערונג פון יאָרן, זיין ליבע צום אַלטן יידישן פאָלק און זיין אַלט לאַנד.

העס האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין שטול, זיך צעוויגט און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי דער פינצטערער חלל צערינט און ער געפינט זיך ביי די טויערן פון אַ גרויסער, ווייטער שטאָט. ביים טויער זיינען

געזעסן אַ בינטל קאַליקעס, געהאַלטן אין איין איבערבינדן די וואונדן. ער איז צוגעגאַנגען צו זיי נענטער.

— ווער איז דאָס? אַ באַקאַנט פּנים... אָ, דאָס ביסטו, מאַדזיני! וואָס איז, מאַדזיני? וואָס טייטלסטו אויפן טויער? אויף די שפּיצן פון די קירכן?

פון יענער זייט טייך טיבער האָט זיך דערהערט אַ קול, וואָס האָט זיך צעשאָטן אין עכאָס:

— אַ מלוכה קומט אויף! די ממשלה פון פאָלק. רוים ווערט פאַלן. דער פּויפּסט וועט פאַרלירן זיין הערשאַפט. ס'איז צייט, אַז אויך ירושלים זאָל אויפגעריכט ווערן. משיח זיצט ביי די טויערן פון רוים. — — — די נבואה האָט זיך דיר אַנטפּלעקט. העלף ברענגען די גאולה. דיינע געדאַנקען זיינען ריין און דיינע מעשים זיינען באַוויליקט. אויך דער נביא האָט באַפוילן זיך דערנענטערן צו אַ „אשת זנונים”. געדענק! ירושלים מוז אויפגעריכט ווערן אינאיינעם מיט רוים. — — —

העס האָט געעפנט די אויגן, דערפילט ווי די פיס זיינען אים איינגעשלאָפן אַזוי ווי קלעצער. עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען וואָס אים האָט זיך געחלומט, אָבער ניט געקאָנט. אַ פוס האָט אים געשטאָכן ווי מיט נאָדלען און אויף דעם אַנדערן האָט ער זיך געלאָזט איבערן צימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טיש. לאַנג געקוקט אויף אָנגעשריבענע בויגנס און דערנאָך ערשט צוגעגאַנגען צום בעט. ער איז איינגעשלאָפן אין די קליידער.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג ווען משה העס האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און איז אַריין אין שרייב־צימער און פאַרשלאָסן די טיר. ער האָט געוואָלט זיין מיט זיך אַליין. דאָס מאָל האָט ער באַשלאָסן אַריינקוקן טיף אין זיך און זען וויפיל עס איז נאָך פאַרבליבן אין אים פון פייערבאַכס ראַדיקאַלן הומאַניזם, פון דעם העגעליאַנער ביטול צו רעליגיע און ייִדישקייט.

יאָ, ער מוז וויסן, צי האָט ער זיך באַשאַפן דעם געדאַנק פון ייִדישער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער דערלייזונג, די אידייע פון אָרגאַנישן, סאָציאַלן און קאָסמישן שבת, דערפאַר ווייל ער איז שוין איבערזעטיקט מיט דעם העגעלשן דענקען, מיט די פּראָלעטאַרישע טעאָריעס; צי דערפאַר, ווייל די אידייע האָט זיך אַנטפּלעקט אין אים פּסיכיש, אָדער ווי אַ ירושה פון

זיינע זיידעס, די רבנים. ער האָט איצט איבערגעלעבט אַ שעה פון דער־וואַכונג.

ניט אַנדערש ווי אַ נביאישע אַנטפּלעקונג האָט אים באַזעסן! אַ, ווי ער וואָלט איצט וועלן אויסזען ווי אַ ייד פון מזרח־אייראָפּע, ווי אַ פּשוטער ייד פון פּוילן, אָנגעטאָן אין אַ לוסטרינענער קאַפּאָטע! די באָרד און פּיאות צעפלויגן אין ווינט, און ער זאָל שרייען מיטן קול פון אַ נביא:

— יידן מוזן צוריק ווערן אַ פאָלק און ווידער לערנען די סאָציאַלע לערעס פון די נביאים אויף יענער ערד, וואו זיי האָבן געאָטעמט און געלעכצט נאָך אַ מלכות שדי.

אַ גרויסע פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט, פונקט ווי ער זאָל איצט געפינען עפּעס, וואָס ער האָט שוין לאַנגע יאָרן געזוכט, שוין דורות אויף דורות. ער האָט זיך געפילט, ווי ער זאָל אַלט זיין ניט פופציק יאָר, נאָר הונדערטער יאָרן; ווי ער זאָל זיין אַ בן־דור פון יהודה הלוי, פון שלמה מולכו, וואָס זיינען ניט געשטאָרבן און לעבן אייביק.

עס ווילט זיך אים איצט זאָגן אָפן פאַר אַלעמען — פאַר זיינע פריינט, דעם דייטש קאַרל גרין, פאַר וויטלינגן, וואָס האַלט זיך פאַרן משיח פון פּראָלעטאַריאַט, פאַר קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, און אויך פאַר זיין אייגענער פרוי סיביל:

— איך הייס מער ניט מאָזעס, מיין נאָמען איז משה! אַ האַלב לעבן האָב איך פאַרזען מיין פאָלק, בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון פרעמדע אידייען, אָבער פאַרבאָרגענערהייט האָט אין מיר געגליט די שטרעבונג פון מיין זיידן, פון מיינע ברידער, וואָס דאַוונען מיטן פּנים צו מזרח, צו ירושלים, צו דער אייביקער, פייערדיקער ירושלים, וואָס די רשעותדיקע רוים האָט ניט געקאָנט איינגאָנצן פאַרניכטן. אַהין, צו יענער ירושלים, האָט געוואָגלט יהודה הלוי און אַהין האָט זיך געצויגן מיט די לעצטע בליקן פאַר זיין גסיסה מיין גרויסער פריינט און חבר היינריך היינע...

די טיר איז פאַרשלאָסן. סיביל איז ניטאָ. קיינער זעט אים ניט און הערט אים ניט. פאַראַן אַזאַ שעה אין לעבן, אַן איינציקע שעה, וואָס מאַכט אַן איבערקערעניש אין מענטשנס גאַנג.

ער האָט געוואָרפן זיין צעגליטן בליק אויף אַ לענגלעכער בראָשור פון 23 זייטן: „קאָמוניסטישער מאַניפעסט". אָט די בלעטלעך, ווייסט ער, וועלן ווערן די לוחות פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט.

„די געשיכטע פון דער גאַנצער ביז־איצטיקער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף. פרייער און שקלאַף, פאַטריציער און פּלעבעי, באַראָן און לייב־אייגנטימער, צעך־מייסטער און געזעל, מיט איין וואָרט, אונטערדריקער און אונטערדריקטע — זיי האָבן שטענדיק געפירט אַן אומ־אויפהערלעכן, אַמאָל אַ באַהאַלטענעם, אַמאָל אַן אָפענעם קאַמף.״

ער האָט די בראָשור אָפּגערוקט אַן אַ זייט. מאַרקס און ענגעלס זיינען גערעכט. אָבער צי האָט זיך דען די גאַנצע ביז־אַהעריקע געשיכטע באַוועגט נאָר אין קלאַסנקאַמף? און וואָס איז מיטן ראַסן־קאַמף? איז ניט דער ראַסן־קאַמף דאָס אורשפּרינגלעכע און דער קלאַסנקאַמף—דאָס סעקונדערע? ער האָט שוין וועגן דעם ניט איינמאָל געטראַכט. נאָך מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, בעתן בלוט־בלבול אין דמשק, זיין מיטגעפיל מיט יידן איז דעמאָלט אונטערדריקט געוואָרן דורך דעם גרויסן ווייטיק, וועלכן דער איראָפּייאישער פּראָלעטאַריאַט האָט דערוועקט אין זיין ברוסט.

און ביי יידן האָט דען דער קלאַסנקאַמף אַמאָל אויפגעהערט? עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט מיט צען יאָר צוריק געשריבן, קומען אים אַרויף אויפן זכרון:

„אַלעמאָל איז ביי יידן געווען אַ קליינער קערן, צו וועמען מען דאַרף צורעכענען אַלץ וואָס איז גרויס און הייליק אין יידישן גייסט. אָבער אַלעמאָל איז אויך געווען און איז אויך היינט דאָ, אין מיטן פון אונדזער פאָלק, אַן עגאָאיסטישער, אַלץ־איינשלינגענדיקער, פּוסט־שטאָלצער קלאַס, וואָס יאָגט זיך נאָך רייכקייט און שטייט אין ווידערשפּרוך צו די פון די צדיקים און ענווים.״

ער פּרוּווט זיך דערמאָנען אין שטעלן פון דער ביבל, פון תלמוד. וואָס זאָגן די יידישע אַלטע קוואַלן וועגן דעם? איז ער דאָך אין די אויגן פון מאַרקסן אַ „תלמודישער יודע״, „ראַבינער מאַזעס״ רופט ער אים...

ער האָט אויפגעזוכט גרעצס „מאָנאַטשריפט פאַר יודענטום״ און גע־לייענט:

„דער תנא ר׳ יהושע בן לוי איז אַמאָל געגאַנגען אין אַ שליחות קיין רוים. אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער דערציילט ווי ער האָט געזען ריזיקע פּאַלאַצן, באַדעקט מיט גאָלד און זייערע זיילן פאַרדעקט מיט טעפּיכער, אַ שוץ פאַר קעלט און היץ. לעבן די פּאַלאַצן האָט ער באַמערקט

אָן אָפּגעריסענעם אביון, געוויקלט אין צעריסענע זעק. דער חכם האָט גלייך אָפּגעזאָגט דעם פּסוק: דיינע משפּטים זיינען אַ תהום."

און אַז דער נביא עמוס, דער פּאַסטוך פון תקוע, איז געקומען אין שומרון, האָט ער ניט באַוואונדערט די רייכע פּאַלאַצן, די טעמפּלען פון עלפאַנטביין, נאָר ער האָט גערעדט קעגן דעם, וואָס ביי דער זייט פון עשירות מערט זיך דער נאַקעטער דלות.

גערעכט איז מאַרקס. און וואָס פאַר אַ מיינונג ער זאָל ניט האָבן וועגן דער ביבל, וועגן רעליגיע, שרייט דאָך אַרויס פון זיינע שריפטן דער הייסער פּראָטעסט פון זיינע זיידעס, די נביאים, די תנאים, די מפרשים. ס'איז דער געשריי נאָך דער מלוכה פון פרייהייט, נאָך דער ממשלה פון גערעכטיקייט.

ער, מאַרקס, וואָס נעמט אַרום מיט זיינע וויט-זעענדיקע אויגן די גאַנצע וועלט, ווי איז עס מעגלעך ער זאָל ניט זען אויף יענער זייט פּרייסן דעם טייל פון זיינע ברידער, וואָס האָדעווען-שוין עטלעכע הונדערט יאָר אין ערגסטן דלות די העלסטע גאולה-וויזיע?

ער איז פרעמד צו זיין פאָלק, מאַרקס. און אויך ער, העס, איז אויף פרעמדער ערד. רוים איז באַפרייט געוואָרן פון דער מלכות הרשעה. עס איז געקומען די צייט פאַר ירושלים.

אין צימער איז געוואָרן טונקעלער. די זון האָט זיך געזעצט. העס האָט דערשפּירט ווי דער קאָפּ פלאַמט אים, דער מוח ווערט צעגאַנגען. ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ שפּאַציר.

ער איז אַראָפּ אין גאַס. אַ לייכט ווינטל האָט אים באַגעגנט, אים געקילט דעם שטערן, די ברוסט. ער האָט איצט געוואָלט שפּאַצירן ביים סעין, זיך צוהערן צו זיינע שטיפערישע און לייכט-סודותדיקע כוואַליעס. זיי ווירקן אַזוי לייכט אויף זיין צעשטורעמטן געמיט.

ער האָט שפּאַצירט ביים ברעג. די כוואַליעס האָבן זיך לייכט געוויגט פון פרילינג-ווינטל.

ער האָט זיך צוריק געאיילט אין שטוב, האָט ווידער פאַרשלאָסן די טיר און זיך איבערגעגעבן דעם שטראָם זכרונות פון זיין יוגנט. פאַר די אויגן איז אויפגעשוואומען אַ בילד ביים זיידן אין הויז, אין באָן. תשעה-באב איז עס געווען. אויף דער ערד איז געזעסן דער אַלטער מיט דער ווייסער באָרד, אַ פאַרקנייטשטע, אַ צעווייטיקטע. אין איין האַנט האָט ער

געהאַלטן אַ טריפנדיק ליכט און אין דער אַנדערער אַ ספרל, און האָט עפּעס געזאָגט מיט אַ ווייט קול. פון די שוואַכע קלאַנגען געדענקט ער די צוויי ווערטער: אדום, ירושלים.

ער האָט גענומען אַרומשפּאַצירן איבערן צימער און חזרן די ווערטער: אדום, רוים, ירושלים. זיין פּנים האָט זיך ביסלעכווייז גענומען לייטערן. ער האָט אַ שאַר געטאָן די גרויע האָר און זיין געקאַרבטער שטערן האָט אַנגעהויבן העלן ווי אַ פרילינגדיקער הימל נאָך אַ רעגן.

משה העס האָט ווידער פאַרלאָזן פּאַריז. אָפּגעמאַכט ביי זיך, פון איצט אָן זיך צו ווידמענען צו דער „יידן־פראַגע", און געטראַכט וועגן אָנשרייבן אַ בוך וועגן דער לעצטער „נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע", וואָס דאַרף אויך, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, לייזן די „יידן־פראַגע".

ער איז געפאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער. געווען אין בערלין, אין פראַנקפורט. באַזוכט די רעפאָרמירטע טעמפּלען און די פרומע סינאַגאָגעס. אומעטום זיך געטראָפן מיט יידן, און אַז זיינס אַ חבר פון „אינטערנאַציאָנאַל" האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט פאַרוואָס ער ווייזט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויס זיין יידישקייט, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז שטאָלץ אויף זיין יידישער אָפּשטאַמונג, אויף זיין יידישן נאָמען „משה", און אַז אים טוט באַנג וואָס ער הייסט ניט „איציק" — אַ שאַנד־נאָמען ביי די דייטשן פון ריינעם אַרישן בלוט...

נאָך עטלעכע חדשים אַרומרייזן דייטשלאַנד, איז העס אָנגעקומען קיין ברעסלוי, וואו ער איז שוין פאַרבליבן אַ לענגערע צייט.

אין ברעסלוי

משה העס האָט האַסטיק געשפּאַנט איבער די גאַסן פון ברעסלוי. אַ גרויסער אומרו האָט אים געטראָגן ווייטער און ווייטער פון דעם הויף אויף וואַל־שטראַסע, וואו עס געפינט זיך דער יידישער ראַבינער־סעמינאַר, פון דער יידישער געגנט, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ פּאַרצייטיקער געטאָ.

פון דעם סעמינאַר, פון דעם יידישן קוואַרטאַל, האָט ער ניט געהאָט קיין סך צוצוגיין צו זיין האָטעל אויף אָדער־שטראַסע. איידער ער האָט זיך נאָך אומגעקוקט, איז ער שוין געווען ביים צוויי־שטאָקיקן רויטן מויער, וועמענס פענצטער האָבן אַראָפּגעקוקט צום טייך.

די לעצטע דריי טעג האָט ער פאַרבראַכט מיט זיין פריינט, דעם פּראָפעסאָר פון סעמינאַר און היסטאָריקער היינריך גרעץ. אין זיין אַרכיוו האָט ער געפונען דעם טאָגבוך פון זיין גרויסן חבר, דעם געקרוינטן פירער פון די דייטשע אַרבעטער און יוריסט פערדינאַנד לאַסאַל. די נאָטיצן פון דעם יונגן לאַסאַל האָבן אין אים אויפגעוועקט זכרונות פון אַמאָל, און ער האָט איצט געוואָלט זיין מיט זיך אַליין.

עס איז געווען אַ זומערדיקער פאַרנאַכט. פון לינקס האָט די פאַרגייענדיקע זון געוואָרפן אַ כישוף־ליכט אויפן טייך אָדער און זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ גרינער שיין. די ברייטע פענצטער פון האָטעל האָבן זיך געטונקט אין ליכט.

אין צימער איז געשטאַנען אַ לעדערנע שטול מיט אַ הויכן אָנלען ביי אַ טישל, פאַרלייגט מיט פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין פאַרנאַכטיקן לעצטן ליכט פון זון־פאַרגאַנג. העס האָט אַוועקגערוקט די שטול אין שאָטן, האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען לייענען נאָכאַמאָל דעם טאָגבוך פון פערדינאַנד לאַסאַל:

„ווען איך פאַרטיף זיך אין מיינע ערשטע קינדערשע חלומות, איז עס אַלעמאָל געווען מיין ליבלינג־אידייע — זיך שטעלן בראש פון די יידן מיט געווער אין האַנט, זיי זעלבסטשטענדיק צו מאַכן.״ (1839).

„. . . אַ בלוט־בלבול, אַ פּאָגראָם אין דמשק. אַ פאַלק, וואָס טראָגט דאָס אַריבער, איז שרעקלעך. . . . אַפילו די קריסטן וואונדערן זיך אויף אונדזער פוילער בלוט, וואָס מיר הייבן ניט אויף קיין אויפשטאַנד, וואָס מיר ווילן ניט בעסער שטאַרבן אויפן שלאַכטפעלד, איידער אין פּאָגראָם־פּיין. איז דען ווען ניט איז געווען אַ רעוואָלוציע וואָס זאָל זיין אַזוי באַ־רעכטיקט, ווי דער אויפשטאַנד, וואָס די יידן וואָלטן געדאַרפט מאַכן אין דמשק?" (1840).

העס האָט זיך דערמאָנט אין זיינע יונגע יאָרן, אין יענעם טאָג ווען עס איז דערגאַנגען צו אים די ידיעה וועגן דמשקער בלוט־בלבול. האָט ער דען אַליין ניט איבערגעלעבט דעם זעלבן געפיל ווי זיין פריינט לאַסאַל, וועלכער האָט געשריבן די ווערטער אָט־דאָ, אין ברעסלוי?

העס האָט דערפילט ווי זיין נשמה טראָגט זיך אין וויטן. ער האָט דערזען פאַר זיך די יידישע עדה אין דמשק, וואָס ווערט געטריבן פון זעלנער מיט בייטשן אין די הענט, מיט פּיקעס און מיט צלמים. דער המון און די גלחים באַלאַגערן די גאַסן, קוקן זיך צו ווי מען שלאָגט יידן, און קלייבן נחת. און די גרויסע וועלט? די אַריסטאָקראַטן און פּלעבייער, די מאָנאַרכן און די דעמאָקראַטן, האָבן זיך צוגעקוקט צום אימה פון בילד, צו דער ווילדער אומזיניקער מיטלאַלטערלעכער אויסטראַכטעניש, וואָס הייסט: בלוט־בלבול, און האָבן געשוויגן.

העס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע זעאונגען. ער האָט ברייט גע־עפנט די אויגן, אויפגעשטאַנען פון שטול און איז געבליבן שטיין, רעדנדיק צו זיך:

„לאַסאַל איז זייער פרי אַנטוישט געוואָרן אין יידן... די הענדלער און באַלמעלאָכעס פון דמשק האָבן קיין רעוואָלוציע ניט געמאַכט. אין יענע טרויעריקע טעג פון דמשק איז צערונען געוואָרן מיין פריינטס משיח־חלום. אויך מיין יידן־וויטיק איז פאַררוקט געוואָרן צוליבן וויטיק פון פּראָלע־טאַריאַט. אָבער איצט געפין איך זיך ווידער אין יענעם צושטאַנד.

מאָדנע, זייער מאָדנע. אַזעלכע קלאָר־פּשוטע ווערטער: „זעלבסט־שטענדיק מאַכן יידן"! וויפיל מאָל האָט מען זיי שוין געשריבן, אָבער ער האָט קיינמאָל זייער באַדייט ניט געפילט ווי איצט.

אַ מאָדנע פלינקייט איז אַריין אין זיין לייב. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, אַרויסגענומען פון טיש־קעסטל טינט און פעדער, און אָנ־

געהויבן שרייבן מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון זיינע חושים שוואַרצע, פולע אותיות:

„ווען עס הערט־אויף די פיינטלעכע שטעלונג פון קריסטנטום צו דער קולטור, הערט אויף איר פיינטלעכע שטעלונג צום יידנטום.

„ווען עס באַפרייט זיך די אייביקע שטאָט אויף דעם טייך טיבער, הייבט זיך אָן די באַפרייאונג פון דער אייביקער שטאָט אויפן הר מוריה; ווען איטאַליע לעבט אויף, לעבט אויף יהודה.

„אויך די פאַריתומטע קינדער פון ירושלים וועלן זיך באַטייליקן אין דעם גרויסן תחית־המתים פון די פעלקער פון דעם ווינטער־שלאָף פון מיטלאַלטער און זיינע בייזע חלומות.

„. . . קיין מאָדערן פאָלק, וואָס קעמפט פאַר אַ פאָטערלאַנד, קאָן ניט אָפזאָגן אַזאַ פאָטערלאַנד דעם יידישן פאָלק.

„. . . די שטימען, וועלכע לאָזן זיך הערן פון אומעטום פאַר נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט פון דעם פאָלק ישראל, זיינען קודם־כל באַרעכטיקט דורך דעם יידישן קולט, אָבער אויך די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון דער וועלט־געשיכטע און איר רעזולטאַט: די איצטיקע לאַגע, פירט צו דער יידישער אויפלעבונג. — — —“

לאַנגע שעהען איז העס געזעסן איינגעבויגן און געשריבן. אין שרייבן איז ער ווי געלייטערט געוואָרן. ער האָט שוין מער ניט געזען פאַר זיך דעם קאָשמאַר פון דמשקער פאָגראָם, ער איז אינגאַנצן געווען פאַרטאָן מיט דעם חלום פון שיבת־ציון און מיט זיין פלאַן, וואָס האָט אים אויסגעזען אַזוי וויכטיק און דערהויבן און וואָס וועט ברענגען גאולה צו זיין פאָלק און אפשר צו דער גאַנצער וועלט.

ווען ער האָט געענדיקט שרייבן איז שוין געווען פאַר דער דריטער אשמורה. אַ שטילקייט האָט באַהערשט די וועלט. ווי גאָלדענע אותיות זיינען די קאַלטע שטערן געשטאַנען אין הימל.

ער איז געזעסן און די צוויי ווערטער „רוים“ און „ירושלים“ האָבן געזונגען אין אים אָן אויפהער, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שטערן, די לבנה, די כוואַליעס פון קאַלטן, שטאָל־בלויען טייך אָדער, זינגען נאָך דעם געזאַנג.

די רויז פון יריחו

גאַנצע זעקס וואָכן האָט משה העס פאַרבראַכט אין ברעסלוי און דאָרט געשריבן זיין ווערק „צו דער לעצטער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע“, וואָס ער האָט, לויט דער עצה פון זיין פריינט, דעם פראָפעסאָר פון ראַבינער־סעמינאַר היינריך גרעץ, געקרופן „רוים און ירושלים“.

דעם גרעסטן טייל טאָג און די נאַכט האָט ער פאַרבראַכט צווישן די ווענט פון זיין צימער. אויפן טיש זיינען געלעגן אָפן צוויי ביכער אין דייטש: אַ תנ״כ מיט מענדעלסאָנס איבערזעצונג, און שפינאָזעס „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט“. אויף די ראַנדן פוןביידע ביכער איז מיט אַ קליינער געדיכטער שריפט געווען צוגעשריבן באַמערקונגען.

ווען העס איז מיד געוואָרן פון שרייבן, פלעגט ער אַוועקשאַרן די אָנגעשריבענע בויגנס, די צענדליקער נאָטיצן, און אָנהייבן אַרומשפּאַצירן אין צימער אַהין און צוריק, פון טיר ביז צום פענצטער, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט צו דער אָדער־שטראַסע, וואָס איז געווען צעטיילט אויף צווייען דורכן שטראָמיקן טייך אָדער.

איין מאָל אַ וואָך פלעגט ער אַוועקגיין אין דער ביבליאָטעק פון ראַבינער־סעמינאַר, דאָרט געבלעטערט אין ספרים, ביכער און איבערגעשריבן פון כתב־ידן, אַנטיקן, וואָס גרעץ האָט אים אָנגעגרייט.

אין איינעם אַ טאָג, ווען העס האָט זיך צוריקגעקערט פון ביבליאָטעק, האָט ער אין זיין צימער געטראָפן אַ דיקן קאָנווערט, וואָס זיין ברודער האָט אים צוגעשיקט פון קעלן. עס איז געווען אַן אַלטער פנקס, אַ כראָניק וועגן די טעג פון צווייטן קרייצצוג, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אין זייער משפחה. דאָס איז געווען אַ דיקע העפט מיט בלוילעכע בלעטער, געשריבן אין האַלב־דייטש, האַלב־העברייאיש.

עס איז געווען אַ הייסע זומער־נאַכט. דורכן אָפענעם פענצטער האָבן זיך געטראָגן קולות פון פאַרשפּעטיקטע הענדלער, וועלכע האָבן אויסגערופן זייערע סחורות. פון אַ דערבייאיקן שענק האָבן זיך געהערט טענער

פון גרילצנדיקער מוזיק, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַ גערודערײ פון לאַסט־וועגענער און שווערע פערדישע פּאַדקאָוועס.

העס האָט זיך אָוועקגעזעצט איבער דער כראָניק. פונעם קאַרגן ליכט האָט אים צום אָנהויב געשווינדלט פאַר די אויגן. די אותיות זײַנען געוואָרן דאָ גרין, דאָ גאָלדיק. די שורות האָבן זיך אונטערגעהויבן, זיך אַרונטער־געלאָזן, געשפּרונגען אײנע איבער דער אַנדערער, און איבערגעלאָזט נאָך זיך בלוילעכע פלעקן, ווי זיי וואָלטן אויף אַ סודותדיקן אופן אַרויסגעפלויגן פון פּאַפּיר. —

. . . עס איז געווען אין שפּעטן זומער פון יאָר 1147.

די צווייטע קרייצציגלער, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר געפירט אַ פאַר־עקשנטע מלחמה מיט די אַראַבישע שבטים, האָבן פאַרלוירן די מלחמה. מיאוס פאַרלוירן. די מאַכמעדאַנער האָבן צעשטערט אַלע קירכן פון גליל ביז דרום־יהודה, האַלב־חרוב געמאַכט די קירך פונעם „הייליקן קבר"; בלויז איין קירך האָבן זיי געלאָזט גאַנץ, די „כניסת הלידה", די קירך פון געבורט, אין בית־לחם.

הונדערטער גלויביקע אינעם נוצרי האָבן פאַר מורא אויסגעטאָן די כאַלאַטן מיטן אויסגענייטן צלם און אָנגעטאָן בגדים מיט דער האַלבער־לבנה אויפן אַרעם, געזוכט אַ וועג ווי צו אַנטרינען לעבעדיק פון הייליקן לאַנד.

מחנותווײַז האָבן זיך די נוצרים געצויגן פון ירושלים, געצויגן צום ים־המלח, צו דרום, ביי די גרענעצן פון מצרים.

און אַז די סוף־זומערדיקע נאַכט איז צוגעפאַלן גיך, כמעט אָן אַ בין־השמשות, האָט זי אויסגעמישט די פאַרבן און געמאַכט איין שוואַרצע מחנה, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף אַראָפּ, וואָס טיפער אין טאָל, דער שונא זאָל ניט באַמערקן.

עס איז געווען אַ סוף־חודש־נאַכט. פון הינטער די טריבע יהודה־בערג, וואָס פירן צום ים־המלח, האָבן זיך אַרויסגעהייבן זילבערנע פעדים. דאָס האָט די לבנה געשיקט אָנזאָגן, אַז זי קומט אָן ניט קיין פולע, אָבער אַ גענוג־ליכטיקע, און צו חצות וועט זי שוין דעם גאַנצן טאָל באַלויכטן און דעם המון, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, מיט זילבער אויסשלייערן.

אין אַזאַ נאַכט האָט זיך טאָמאַס פרידענזייל, דער הויפּט פון דער

שטראַסבורגער אָפּטיילונג קרייץ־טרעגער, ניט געלייגט שלאָפֿן. ער איז געזעסן פאַרטיפט אין מחשבות, וואָס האָבן אים געהאַלטן אין איין עקבערן.

דער שטראַסבורגער מיליטערישער הויפּט איז געווען אַנדערש פון זיינע חברים און אונטערטעניקע סאָלדאַטן. יענע זיינען געווען אייפעריק, פול מיט פאַנאַטישן ברען און געפּערלעכע שונאי־ישראל. ער איז געווען אַ רואיקער, אַ געלאַסענער. דערצו האָט אים פאַרבונדן אַ לאַנג־יאָריקע פריינטשאַפט מיט די יידן פון זיין געבורט־שטאָט רומריג אין צפון־פראַנק־רייך, וועלכע האָבן אים געליען געלט אויף אַ קליינעם פּראָצענט. באַזונדערס נאָענט איז ער געווען צום רייכן רב און געלערנטן פון דער שטאָט, רבי יעקב.

אין רומריג, האָבן יידן געוואוסט, וועלן די קרייץ־טרעגער ניט פאַרגיסן קיין בלוט און ניט רויבן, ווייל פרידענזייל איז אַ פריינט פון זייער רב. מען האָט אויך גערעדט, אַז דער קריסט האָט זיך פאַר זיין אָפּפאָרן געזעגנט מיטן רב און יענער האָט נביאות געזאָגט, אַז די מלחמה וועט פאַרשפּילט ווערן, אָבער ער וועט זיך אומקערן אַהיים אַ געזונטער. דערביי האָט אים ר' יעקב געבעטן, ער זאָל אים ברענגען אַ מתנה פון הייליקן לאַנד.

איצט, אין דער שטילער מזרח־נאַכט, פאַרן באַגינען, איידער נאָך עס הייבט אָן ליכטיקער ווערן אויף די שיפּועים פון די בערג, און ווייס טיילט זיך אָפּ פון שוואַרץ — האָט זיך טאָמאַס דערמאָנט אין דעם אַלטן רב, און מאָדנע מחשבות זיינען אָנגעפלויגן, אַז ער האָט ניט געוואוסט צי זיינען די נאַכטראַכטענישן פון גאָט אָדער פון שטן.

די מחשבות זיינען געווען פאַרשיידענע. ווי צום ביישפּיל: הייסט דען גאָט אַליין דורכאויס האָסן אַנדערע, ווייל ער האָט אונדז ליב? זיינען די קריסטן אַליין אָן חטא, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן העכער פון יענע? איז אַזוי וויכטיק וואָס ירושלים געהערט צו די מאַכמעדאַנער, איז ניט גענוג וואָס רוים געהערט אונדז? און וואָס איז וועגן די יידן, וואָס האָבן אויך אַ חלק אין דער הייליקער שטאָט?...

אַז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז טאָמאַס צוגעגאַנגען צום געצעלט, וואו זיין באַדינער איז געשלאָפן, און אים געגומען וועקן:

— גאָטפריד, — האָט ער גערעדט צום פאַרשלאָפענעם, — איך האָב די גאַנצע נאַכט געטראַכט וועגן אונדזערע מפּלות. מיר אַלע האָבן תפילה געטאָן, געבעטן און געהאָפט, אַז דער האַר יעזוס וועט שוין מער ניט

קאָנען צוזען דיליידן פון זיינע קינדער, ער וועט אויפשטיין און זיי אַליין פירן צו זיין קבר... אָבער ניין, ער שטייט ניט אויף, און אונדזער מחנה ווערט אַלץ קלענער — אפשר איז גאָר זיין ווילן מיר זאָלן זיך אויף אומקערן אַהיים, צו ווייב און קינד?

גאָטפריד — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שוואַרץ בערדל — איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער, געזשמורעט מיט די אויגן קעגן באַרג־ליכט און געהערט די ווערטער פון זיין הויפט, וואָס זיינען געקומען אומ־דערוואַרטע, אומפאַרשטענדלעכע. — — —

ביידע זיינען אַרויס פון טויער. אַרום זיינען געלעגן די איילבירט־פעלדער פריש־געוואַשענע און געוואַרט אויף דער זון. ערגעץ אין די עברים־בערג, פון דער אַנדערער זייט ים־המלח, האָבן געטליעט די ערשטע ליכט־פאַסן. דערנער־געוויקסן און גראָזן פון ביידע זייטן זיינען געווען פייכט פון טוי.

אַ ריס אין די בערג אויפן ראַנד פון יריחו־טאָל האָט באַלד אַנטפּלעקט אַ שטיק ים אין פלאַמען, וואָס די מאָרגן־זון האָט אַנגעצונדן. באַלד אָבער האָט זיך דער שטעג פאַרנומען קיין צפון. שטיקער זון, ווי העל־בלויע פלאַמען, האָבן געטאַנצט אַרום די רויטע רויזן, וואָס האָבן דאָ געוואַקסן בשפע.

— אונטן—אַ ים וואָס ברענגט טויט, דאָ—רויזן וואָס ברענגען לעבן, — האָט טאָמאַס גערעדט צו זיך אַליין און געוואָרפן אַ בליק אויף זיין באַדינער. די אויגן אין זיין צעאַקערטן פנים זיינען געווען אָפן, געוועגדט צום רויזן־פעלד.

ער האָט זיך איינגעבויגן, אויסגעריסן אַ רויטע רויז און זי פאַרשטעקט אין כאַלאַט. ביידע האָבן זיך געלאָזט קיין יריחו.

די ערשטע נאַכט האָבן זיי גענעכטיקט אין יריחו, די צווייטע — אין בית־לחם, און אויפן דריטן טאָג, נאָך איידער די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל, האָבן זיי זיך געלאָזט צו מצרים, כדי פון אַלעקסאַנדריע אָפּפאָרן מיטן ים אַהיים.

ניט ווייט פון באר־שבע האָט אַ מיליטערישער פאַטרול זיי אָפּ־געשטעלט, געוואָלט וויסן וואוהין זיי גייען.

— נעם אַראָפּ די הענט פון הייליקן מאָן! — האָט גאָטפריד געזאָגט. — ער האָט אַ כתב, מיטן פויפסטס זיגל, וואָס וועט דיר באַווייזן, אַז ער אַנט־

לויפט ניט, נאָר קערט זיך אום לויטן ווילן פון היילקן פאָטער, — האָט גאָטפריד געזאָגט צום פּאַטרול. דער יונגער קרייץ־טרעגער האָט גענומען דאָס פּאַפּיר אין האַנט, מיט אַ שטרענגער מינע באַטראַכט דעם רוימישן זיגל, און באַפוילן גיין.

פאַרנאַכט האָט זיך אין רומריג געצויגן אַ פּראָצעסיע צום מאַרק — צום זעלבן אָרט, וואו די קרייץ־טרעגער האָבן זיך מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק פאַרזאַמלט. דער פּויפּסט האָט באַפוילן, אַז יעדע אָפּטיילונג מוז זיך אומקערן אויפן זעלבן פּלאַץ, וואו זיי האָבן געגעבן די שבועה אויסצולייזן דעם היילקן קבר.

געפירט די פּראָצעסיע האָט טאָמאַס פרידענזייל. הינטער אים זיינען געגאַנגען די אַנדערע קרייץ־טרעגער און נאָך זיי אַ געזעמל גלחים.

דער גרויסער קירכן־גלאָק האָט אָפּגעקלונגען. אַ שווערער, דיקער קלאַנג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די לופט און אַרויפגעדריקט אַ שווערע שטילקייט.

די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט. טאָמאַס האָט אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ פאַראויס, די אויגן אומרואיק, זוכנדיק. ענדלעך האָט ער אַ וויז געטאָן צו דער יידן־גאַס:

— ברענגט דעם רב!

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שושקעריי. אַלע אויגן זיינען איצט געווען געווענדט צו דער יידן־גאַס. באַלד האָט זיך באַוויזן די מיטלוואוקסיקע, געבויגענע, גרייז־גרויע געשטאַלט פונעם רב יעקב. ער איז צוגעגאַנגען. די אויגן אַרונטער, די לאַנגע ברעמען אַראָפּגעלאָזט און צוגעמאַכט, כדי נישט צו קוקן אויף דער תיפלה קעגן אים. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען דעם קרייץ־פירער, וועמענס געזיכט האָט איצט אויסגעזען פאַר־עלטערט.

— געבענטשט איז דיין צוריקקומען! — האָט רבי יעקב געזאָגט און געבליבן שטיין אַן אונטערטעניקער.

— דאָ האָסטו די מתנה, — האָט טאָמאַס אַרויסגענומען די פאַר־טריקנטע רויז. — זי איז שוין פאַרטריקנט, אָבער איך האָב זי אָפּגעריסן פון היילקן טאָל לעבן יריחו.

דער רב האָט גענומען די רויז, זיך אויסגעגלייכט. באַלד האָבן זיינע

אויגן אַנגעהויבן פּיכטן. אַ גלוטיקע טרער איז געפאַלן פון זיינע אויגן און באַנעצט די פאַרוויאַנעטע בלעטער פון דער רויז, און געשען איז אַ וואונדער — די רויז איז ווי אָפּגעפרישט געוואָרן, די בלעטער האָבן זיך צעשפּרייט, גענומען בליען און שטראַלן, ווי אונטער טוי...

טאָמאָס, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן רב, האָט אויסגעגלאָצט זיינע דערשראָקענע אויגן. זיין געעלטערט געזיכט איז געוואָרן טויט־בלאַס. די איינציקע גרויע האָר אין זיין אַרומגעשוירן שוואַרץ בערדל זיינען געוואָרן קאַנטיקער און דורכזיכטיקער. ער האָט אויפגעהויבן די הענט, ווי אין פאַרגליווערטן פרעגן: ווי איז עס געשען? איז עס מעגלעך? —

העס האָט אויפגעהערט לייענען. האָט זיך אויפגעהייבן און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. די אָדער־שטראָסע איז געשלאָפן. אַ טיפע שטילקייט האָט פון איר געאָטעמט. די גאַז־לאָמטערנס האָבן געצאַנקט. פון די קראָמען, פאַרמאַכט מיט אייזערנע שטאַבן, האָט געהויכט מיט תפיסה. אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן פון טייך און עס האָט זיך צומאָל דערהערט אַ טיפער הויך, ווי אַ זיפץ. העס האָט אַ קוק געטאָן צום הימל. ער איז געווען באַזייט מיט שטערן אַרום אַ בלינצלדיקער און גליווערנדיקער לבנה, ווי אַ קאַלטע, פרישע רויז.

ער איז צוריקגעגאַנגען צו טישל, איינגעטונקט די פעדער און געשריבן:

„יעדער היסטאָרישער טאַט קאָן ניט געשען אָן קאַמף און איבער־מענטשלעכן עקסטאַז. גרויסע געשעענישן וועלן אין דער צוקונפט געשען אין מזרח פאַרן אויפבוי פון אַ ידישער מדינה דורך דער גרינדונג פון יידישע קאָלאָניעס ביים סועץ־קאַנאַל און ביי די ברעגעס פון ירדן, אויפן וועג וואָס וועט פירן קיין אינדיע און כינע.

„די לעגענדע וועגן דער רויז פון יריחו און די האַנט פון מיטל־אַלטערלעכן רב זיינען אַ סימבאָל פאַר יידיש־לאַנד און יידיש־פאָלק. ווען דאָס אַלטע פאָלק וועט זיך ווידער צורירן צו זיין לאַנד מיט ליבע, וועט די פאַרוועלקטע און פאַרטריקנטע ערד ווידער אויפבליען...“

ר׳ צבי קאַלישער

דער גרייז־גרויער רב פון טהאָרן, פּרייסן, ביי דער פּוילישער גרענעץ, איז געזעסן איינגעקאָרטשעט אין ווינקל פון אַ ריזיקן שטול, אויסגעבעט מיט קישעלעך און איבערגעצויגן מיט אַ זיידענעם ליילעך. כאָטש ס׳איז געווען אָנהייב תמוז, איז דער אַלטער רב פונדעסטוועגן געווען איינגעטוליעט אין אַ לאַנגער, שווערער זשופּיצע פון טונקל־גראַנאַטענעם סאַמעט און די ראַנדן פאַרברעמט מיט סויבל. זיין קליין ראָזעווע פּנים האָט זיך אינגאַנצן פאַרגראָבן און פאַרלוירן אינעםברייטן סויבעלנעם קאָלנער פון דער זשופּיצע.

לעבן אים איז אויפן טיש געשטאַנען אַן איינציקער גרויסער זילבערנער לייכטער, מיט געקרייזלטע באַצירונגען, און כאָטש ס׳האָבן זיך נאָך אַריינגעכאַפּט אין שטוב אַריין די לעצטע רעשטלעך טאָג־ליכט, האָט שוין זינט אַ היפּשער צייט געטשאַדעט אַ גראָב ליכט, ווייל אַ לאַנגער עק פון איבערגעברענטן קנויט האָט פונעם פּלעמל אַראָפּגעשטאַרצט, זיך פון מאָל צו מאָל אָנגעכאַפּט מיט פייער און געמאַכט טריפן דעם חלב, אַזוי אַז ס׳האָט אַלץ מער און מער אַראָפּגעטריפט און אַרומגערינגלט דעם לייכטער מיט דיקע זיילעכלעך.

אַז ר׳ צבי איז געוואָרן רב אין טהאָרן, האָט זיך די גאַנצע שטאָט מיט אים געפרייט. ר׳ צבי איז געווען אַ טהאָרנער איידעם. ווער שמועסט נאָך, אַז ער האָט ניט געוואָלט קיין שכירות פון שטאָט און האָט זיך מפרנס געווען פון זיין שווערס ירושה, איז זיין חשיבות נאָך מער געשטיגן.

ער איז געווען אַ גרויסער גאון. אַ תלמיד פון ר׳ עקיבא אייגער און אַ מחבר פון אַ ספר אויף חושן משפט, האָט ער אויסגענומען ביי אַלע קלאַסן יידן. די לומדים האָבן זיך געקוויקט מיט זיינע שקלא וטריא׳ס, וואו ער האָט אויף די וואָגשאָלן פון שכל פאַרענטפערט די האַרבסטע שטעלעס אין גמרא; די חסידים האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער בקי אין זוהר און קבלה, און אויך די משכילים האָבן אים געגעבן גרויס כבוד, ווען זיי

האָבן אויסגעפונען, אַז ער איז געגאַנגען צו חקירה, לייענט אַפילו די דיכטער שילער און געטע אין דייטש.

ערשט מיטאַמאָל האָט זיך דער רב אָנגעהויבן פירן אַנדערש ווי אַלע רבנים. ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיינע ענגע פיר איילן און טאָג־און־נאַכט געזעסן און פאַרשריבן נייע געדאַנקען.

די נייע געדאַנקען האָבן זיך געקרייזט אַרום דעם גורל פון יידן אין גלות. ער האָט דערזען אַ ליכט, דאָס נייע ליכט פון ציון, און זיך דערמאָנט, אַז עס איז צייט עפּעס צו טאָן פאַר דער יידישער אויסלייזונג אין הייליקן לאַנד.

צום ערשטן האָט ער זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו זיין חבר, דעם גאון ר' משה סופר, און אים אָנגעפרעגט צי מעג מען מקריב זיין קרבנות בזמן הזה, אויפן הייליקן באַרג, און נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען אַ תשובה אַז מ'מעג, האָט ער אָנגעשריבן אַ ספר „דרישת ציון", וואו ער האָט אָפן אָנגעהויבן פריידיקן, אַז יידן דאַרפן קויפן לאַנד אין ארץ־ישראל, קאָלאָני־זירן די דאָרטיקע ערד און פאַרגרעסערן דעם ישוב. אין די הערצער פון אַ סך פרומע יידן האָט זיין רוף געפונען אַן אָפּקלאַנג. די, וועלכע האָבן זיך געשטעלט קעגן זיינע פּלענער, זיינען געווען די משכילים. בעיקר זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אים די רעפאָרמער, בראש מיטן ראַבינער גייגער פון ברעסלוי... אויך ביי זיך אין שטאָט האָט ער אָנגעטראָפן אויף שאַרפע קעגנער. ר' צבי האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן. ער האָט צונויפגערופן די ראשי־הקהל און האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ דרשה און זיי אויפגעפאָדערט צו העלפן אין זיין פּלאַן.

„יידן", האָט ער געזאָגט, „די חבלי־משיח דערנענטערן זיך און זיי וועלן זיין אומעטום, טאָ וואוהין קאָן מען אַנטלויפן, אויב ניט קיין ציון?

„משל למה הדבר דומה? צו איינעם, וואָס שטעלט אָפּ דעם זייגער און מיינט, אַז אויך דער געלויף פון טאָג וועט בלייבן שטיין; עס וועט ניט קומען די נאַכט און ניט דער מאָרגן. מענטשן בינדן זיך אַרום מיט קייטן פון נאַרישער האָפענונג און מיינען, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט איבער־רייסן, און דערווייל גייט משיח מיט ריזן־טריט."

ער איז געשטאַנען אויף דער בימה, דער אַלטער רב, געדרשנט און געוועקט, און קיינער האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט. בלויז איין ייד האָט

זיך געמאָלדן, זיך אָנגעבאָטן צו ווערן אַ משולח, פאָרן זאַמלען געלט פאַר דעם הייליקן רעיון פון שיבת־ציון.

איצט, אין דעם זומערדיקן פאַרנאַכט, איז ער געזעסן און געטראַכט וועגן אַ דייטשן ספר, וואָס ער האָט באַקומען צוגעשיקט פון ברעסלוי פון איינעם משה העס — „רוים און ירושלים״. און כאָטש עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט האַלב געדרימלט, אַ זקנישן דרימל, איז אָבער אינעווייניק אין אים אויפגעגאַנגען אַ פרייד. עס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס אַ דייטשער ייד, אַ סאָציאַליסט, ווייזט אויס אַ בעל־תשובה, ברענגט ראיות פון זיין ספר אין זיין בוך, און רעדט וועגן צוריקקער פון יידן קיין ציון.

דער שמש איז אַריין און אים געמאָלדן, אַז אַ גאַסט איז געקומען. ר׳ צבי האָט אַ לאַנגזאַמען, קוים־קוים אָנזעעוודיקן קער געטאָן דעם קאָפּ פון קאָלנער אַרויס, און פאַמעלעך אים צוריק אַראָפּגעלאָזט אין סויבל אַריין.

ווען מען האָט אַריינגעלאָזט דעם גאַסט, הערץ לעווינשטאַם פון ברעס־לוי, אַ תלמיד פון גייגערס ראַבינער־סעמינאַר, האָט ר׳ הירש זיך ווי אַ הויב געטאָן, אויפגעמישט אַ בלאַט אין דעם בוך, וואָס איז געלעגן פאַר אים, און געלייענט מיט אַ זקניש קול:

„כאָטש עס איז נאָך ניט געקומען די צייט פון גנאַד, צו זוכן מיטלען ווי מיר זאָלן אויפבויען גאָטס מזבח אין ציון, איז דאָך ראַטזאַם אַ פּלאַן, אַז זיי זאָלן באַשאַפן אַ קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט פאַר ארץ־ישראל.״

— ווער איז דער מחבר? — האָט דער גאַסט געלאַסן געפרעגט.

— מאָזעס העס, דער פירער פון די קאָמוניסטן אין קעלן.

— אָ, ווי? — האָט זיך דער גאַסט געחידושט. — ווי אַזוי איז דאָס געמאָלט?

אַנשטאָט ענטפערן, האָט ר׳ הירש ווייטער געלייענט:

„די פרומע יידן וועלן אויסשטרעקן די האַנט צו די אויפגעקלערטע יידן אויף דעם געמיינזאַמען באָדן פון אונדזער נאַציאָן.״

— אָבער רבי, וואָס האָט קאָמוניזמוס מיט ציון? — האָט דער גאַסט ווידער גערעדט מיט חידוש. — ווי איז עס געמאָלט?

— ס׳איז געמאָלט, ס׳איז געמאָלט. די, וועלכע האַלטן פון וועלט־גאולה, מוזן זיך פאַרטראַכטן וועגן יידישער גאולה. משיח גייט מיט ריזיקע טריט. גיי, מיין זון, גיי און גיב אים איבער, דעם רבין דיינעם, אַז אַ ייד אַ מורד־במלכות פאַרשטייט די יידישע גאולה מער ווי ער, דער חוקר, דער אויפ־

געקלערטער. גיי, גיי, — האָט זיך ר׳ הירש אויפגעשטעלט, גענומען דאָס בוך אין האַנט און עס אַ קוש געטאָן. ער איז מיט שווערע טריט צוגעגאַנגען צום ספרים־שראַנק און עס דאָרט אַריינגעשטעלט.

ס׳איז געווען שטיל. דער גאַסט האָט געקוקט אויפן שראַנק, געוואוסט, אַז דאָרט ליגט ניט קיין זילבער און גאָלד, נאָר ספרים און פּאַרמעטן פון טיפער געלערנטקייט, און זיך געחידושט, פאַרוואָס דער אַלטער רב לייגט אַריין דעם דייטשן טריף־פּסול צווישן הייליקע ספרים און פּאַרמעטן.

אין ראַבינער־סעמינאַר

די ראַד שיין ווערט קלענער און קלענער, זי ווערט ערגעץ פאַרפאַלן אין דעם וויטן ווינקל פונעם גרויסן צימער פון ברעסלויער ראַבינער־סעמינאַר.

לעבן ראַד שיין זיצן עטלעכע סטודענטן. ביי יעדן אויף די הענט ליגן העפטן מיט די נאָטיצן וועגן יידישער געשיכטע, וואָס זיי האָבן פאַרצייכנט בשעת אַ לעקציע פון זייער פראָפעסאָר היינריך גרעץ.

אַ סטודענט לייענט עפּעס אַרויס פון זיין העפט און אַלע הערן צו — אַ קריטיק פון זייער לערער וועגן זיין פאָרגענגער, דעם היסטאָריקער יאָסט.

„יאָסטס דערציאונג איז געווען ווי פון אַנדערע ערנסטע יונגעלייט פון יענער איבערגאַנגס־צייט, וואָס זיינען פלוצלונג אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון דער סביבה פון קאַנטשיק פון פוילישן בעלפער אין דער אומגעצוואונגענער אַטמאָספער פון דייטשן אוניווערסיטעט־לעבן, און פון דעם דיאַלעקטישן רעדל פון תלמוד אין די אַקאַדעמישע לערן־זאַלן, און דורכדעם זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון אינערלעכער שפּאַלטונג. פּייאיקע נאַטורן האָבן זיך אַליין דורכגעבראָכן דעם וועג, האָבן איינגענומען אַ נייע געביט און האָבן דאָס אַלטע און דאָס נייע וויסן איבערגעגאָסן אין איין גאַנצקייט. מיטלמעסיקע, להיפך, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער הערשנדיקער מיינונג און האָבן אַראָפּגעקוקט מיט פאַראַכטונג אויף זייערע ווילדע יוגנט־שטודיעס . . . און דעמאָלט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דעם איינזייטיקן דייטשן פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט אין זיין קנאה באַטראַכט פאַר אַן עבירה צו דינען אַ חוץ אים נאָך אַן אַנדערן אידעאַלן האַר . . . זיין ניכטערע, פּראָזאַאישע נאַטור . . . אין זיין בירגערלעכער באַקוועמלעכקייט האָט ער נישט ליב געהאַט קיין שטורעמס, נישט אין לעבן און נישט אין דער געשיכטע. נאָך וואָס זיך אויפרעגן ?

„מיט אַזאַ טבע און מיט אַזאַ השגה האָט זיך יאָסט גענומען צו באַאַרבעטן די יידישע געשיכטע. ווען די שונאי ישראל אין דייטשלאַנד האָבן

זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ העצע קעגן יידן, האָט ביי יאָסטן דערוואַכט דער דראַנג צו באַווייזן זיי אין אַ בעסער ליכט . . . ער האָט טאַקע געוואָלט באַווייזן אויפן יסוד פון זיין געשיכטע, אַז יידן זיינען תמיד געווען פרידלעכע בירגער און געטרייע אונטערטאַנען. אמת, זיי האָבן געוויזן די ציין די רוימישע קיסרים און האָבן זיי טיכטיק געשלאָגן; אָבער דאָס זיינען געווען בלויז איינצלנע היצקעפּ, וואָס זייער טיפּשות דאַרף מען ניט אָפּירוואַרפן דער גאַנצער נאַציע; די יידן ווי אַ כלל, אַ חוץ געציילטע אויסוואורפן, זיינען תמיד געווען אַנשטענדיקע מענטשן . . . יאָסט, דער תלמיד־וותיק פון פרידלענדער און יאַקאָבזאָהן, האָט געלייקנט אין נסים, ניט בלויז אין נסים, וואָס וואַרפן־אום נאַטור־געזעצן, נאָר אויך אין נסים, וואָס קומען צושטאַנד דורך התלהבות און האַרטן עקשנות, אין נסים פון דער געשיכטע, וואָס קומען־אויף דורך אַן אייגענער פאַרקייטלונג פון אומשטענדן, דורך שטויס און קעגנשטויס, דורך אַקציע און רעאַקציע. זיין ניכטערער חוש האָט געזען אין דער געשיכטע בלויז אַן אַנגעוואָרפענע קופּע צופעליקייטן, וואָס אונטערליגן ניט קיין שום געזעץ . . .״

— פרידלאַנד, הער אויף לייענען — מען דאַרף זיך גרייטן צום רעפעראַט פון דר. העס אין צימער 13, — האָט אַ טונקעלער סטודענט מיט צעפלאָנטערטע האָר, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן אַ קליינע יאַרמעלקע, איבערגעריסן דעם פאַרלייענער.

— ווי מיינסטו, איזראַעל, עס וועט זיין אַן אינטערעסאַנטער רעפעראַט?

— ווי דען, ניט? ווייסט דאָך, אַז פּראָפעסאָר גרעץ פאַרערט דר. העסן. ער באַטראַכט אים פאַר זיין תלמיד, — זשמורען די אויגן ביים טונקעלן איזראַעל, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט דער שיין.

אַ שטאַרקער קלונג רייסט־אויף די שטילקייט פונעם צימער. די סטודענטן לויפן אינעם גרויסן צימער נומער 13, אין דער קעגנאיבערדיקער געבײַדע אין הויף.

ס'איז אַ סעפּטעמבער־טאָג, וואָס איז סוף־זומערדיק און לויטער, און דערטראָגט ווייטע ריחות פון נאָענטן האַרבסט, פון יענעם נידערשלעזישן האַרבסט, וואָס רייסט־אויף די אויגן צו דער העלקייט, צווינגט זיי ברייטער און אָפענער שלינגען די שיין.

בערנייס, דער קליינינקער מאָגערער לערער פון גראַמאַטיק, האָט שוין

נישט דאָס ערשטע מאָל געקוקט אויפן זייגער און, ווייזט אויס, געוואַרט ביז דער ווייזער וועט צוקומען אויף אַ באַשטימט אָרט. איצטער, אַז דער ווייזער האָט זיך דערנענטערט צו יענעם אָרט, אויף וועלכן ער האָט געוואַרט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ.

מען האָט שוין געוואוסט, אַז פּראָפעסאָר גרעץ איז פּינקטלעך און וועט ניט פאַרשפּעטיקן מיטן גאַסט.

און אַז דער פּראָפעסאָר מיט העסן זיינען אַריינגעקומען, האָבן די סטודענטן פאַר גרויס יראת־הכבוד אַנגעהויבן אָפּרוקן זייערע שטולן, צו מאַכן פּלאַץ.

אַ ווײַלע האָבן זיך די סטודענטן געשושקעט, געוואָלט טרעפן וואָס פאַר אַ ציטאַט דער רעדנער וועט אויסקלייבן.

העס האָט שוין גערעדט. די טעמע איז געווען: „די דינאַמישע שטאָף־לערע“.

„... די קאָסמישע און אָרגאַנישע וועלט האָבן שוין פאַרענדיקט זייער אַנטוויקלונג; די געזעלשאַפט, קעגן דעם, ליגט נאָך אין אירע קינדער־ווינקעלעך. זי געפינט זיך אויף דער אייגענער מדרגה, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען די קאָסמישע וועלט, בעת עס האָבן זיך אין איר אָנ־געהויבן אַרויסצואַרבעטן פעסטע אָרגאַנישע צענטערן, פעסטע לעבנס־קערנדלעך. זי וועט דערגרייכן דעם לעצטן פּונקט פון איר אַנטוויקלונג, בעת איר פּראָדוקציע וועט זיך אויסגלייכן מיט איר קאָנסומציע. אַהינצו פירט דער סאָציאַליזם, און דערצו שטרעבט ער. אַריינגעטראָטן אין דער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג איז די געזעלשאַפט ערשט מיט דעם מאָמענט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

„די סאָציאַליסטישע טענדענצן און שטרעבונגען, וואָס זוכן אַרויס־צופירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט פון איר איצטיקן כאַאָטישן מצב, כדי זי צו ברענגען צו איר העכסטער מדרגה פון אַנטוויקלונג, צו איר אייגנט־לעכן תיקון, דריקן זיך אויס אַם בוילעטסטן און פולסטן אינעם יידנטום.

„... קיין זאַך אין דער וועלט איז דעם גייסט פונעם יידנטום נישט אַזוי פרעמד, ווי דאָס עגאָאיסטישע נשמה־גליק פון דעם אָפּגעזונדערטן יחיד, וואָס לויט די הייניטיקע פאַרשטעלונגען איז עס דער הויפּט־עיקר פון רעליגיע. דאָס יידנטום זונדערט אין ערגעץ נישט אָפּ דעם יחיד פון דער משפּחה, די משפּחה פון דער נאַציע, די נאַציע פון דער מענטשהייט, די

מענטשהייט פון דער קאָסמישער און אָרגאַנישער שאַפונג, און די שאַפּונג פונעם שעפער. — — —"

העס האָט געראָדט מיט אַ ברען. פילאָסאָפיש באַגרינדעט די געדאַנקען, וואָס ער האָט שוין אַרויסגעזאָגט אין „רוים און ירושלים".

אַנטקעגן איז געזעסן דער ראַבינער אברהם גייגער, דער געוועזענער גייסטיקער פירער פון דער ברעסלויער רעפאָרם־געמיינדע, און האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ הוסט, ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז ניט איינשטימיק. אַ משונהדיקע געלקייט האָט זיך איצט אויסגעלייגט אויף זיין פּנים, און זיין אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ האָט זיך געטרייסלט שווער און אומעטיק.

פאַר די צוהערער האָט גרעץ אַראָפּגעבראַכט כמעט אַ נייעם נאָמען. די סטודענטן האָבן נאָר איין מאָל געהערט וועגן העסן פון גרעצן אַליין. זיי זיינען איצט איבעררראַשט געוואָרן פון די בייע געדאַנקען און דעם טאָן, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. און דאָס, וואָס העס האָט ציטירט זייער געשיכטע־לערער באַגלייך מיט העגעליאַנישע דענקער, האָט ביי זיי גאָר אויסגענומען.

העס האָט שוין אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט אַ ציטאַט: „דאָס יידנטום איז נישט קיין פאַסיווע רעליגיע, נאָר אַן אַקטיווע דערקענטעניש, וועלכע איז אָרגאַניש צונויפגעוואָקסן מיט דער יידישער נאַציאָנאַליסטישקייט."

די סטודענטן האָבן זיך צוגערוקט נעענטער צום רעדנער.

און דער לעקטאָר, ווי ער וואָלט געוואָלט טרעפן עמעצן מיט זיין פּאָרטראַג, האָט געמאַכט אַ שאַרפן זשעסט, זיך אַביסל אַ בויג געטאָן פאָר־אויס, אַז מ'האָט אין אים דערפילט דעם עקשן.

און אַז ער האָט פאַרענדיקט, האָט גרעץ מיט שטאָלץ געקוקט אויפן גאַסט, וואָס איז געבליבן שטיין אַרומגערינגלט פון די סטודענטן, און אויף גייגערן זיך אַפילו ניט אומגעקוקט.

איין סטודענט נאָכן צווייטן איז צוגעגאַנגען צו העסן און אים געדריקט די האַנט.

ביי דער טיר איז געשטאַנען גייגער, אַ בלייכער, מיט די טונקעלע ברילן, און אינדערהייך געוואָרפן שטעכווערטער: — „אַן אַנטוישטער ראַדיקאַל! היפּאָקריטיזם פון ערגסטן מין!"

גרעץ האָט געפּרואווט איינשטילן דעם ראַבינער. ער האָט זיך אָבער

ניט געלאָזט, ס׳האָט פון אים געשפריצט מיט בייזקייט. ער האָט אַ נעם געטאָן גרעצן פאַרן לאַץ און גערעדט:

— פראָפעסאָר, איך זאָל געוועז וויסן, וואָלט איך ניט געווען געלאָזן...

עס האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. גרעץ האָט זיך אָוועקגעקערט.

— העס האָט נאַר־וואָס אָנגערופן גייגערן „דער פּרייסישער אַדעלמאַן פון מאָזאַאישן גלויבן", — האָט אים עמעצער אַריינגערוימט אין אויער.

אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף זיין לענגלעכן פּנים. ער איז צו־געגאַנגען צו העסן, אים גענומען ביי דער האַנט און ביידע זיינען אַראָפּ פון די טרעפּ.

זיי זיינען אָוועק צום אָדער. אַ גלאַנציק־שטאָלענער, אַ גלאַטער איז דער טייך געלעגן און ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואַרט. וואַרט, אַז אַ שיף זאָל צעבויטען זיין רואיקייט. דער שפּיץ פון אַ גאָטישער קירכע האָט אומעטיק געשטאָכן די הויך. ביידע האָבן שפּאַצירטביים ברעג. אַ פייכטע קילקייט האָט זיי דורכגענומען.

די לעצטע טעג פון זיין אויפהאַלטן זיך אין ברעסלוי האָט העס יעדן טאָג באַזוכט די שול אויף וואַל־שטראַסע, גערעדט צו די יידן, אַז די רעפאָרם איז שעדלעך. יידן זיינען אַ פאָלק, ניט קיין גלויבנס־בונד, און די וועלכע האָבן אויסגעמעקט פון סידור דעם פּסוק „ובא לציון גואל", וועלן ענדיקן מיט שמד. און אַז ער האָט פאַרלאָזן ברעסלוי, איז ער ניט געפאָרן גלייך קיין פּאַריז. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פראַנקפורט, אין מאַנהיים, זיך געוואָלט נעענטער באַקענען מיט די פרומע געמיינדעס, וואָס גלויבן אַז די גאולה איז נאָענט און פאַרטיידיקן די פּאָזיציעס פון אַלטער יידישקייט.

יום־כיפור אין מיינץ

אָקטאָבער 1866. אויף זיין וועג פון ברעסלוי קיין פּאַריז האָט זיך משה העס אָפּגעשטעלט אין מיינץ און איז געווען דער גאַסט פון דר. לעהמאַן, רעדאַקטאָר פון דער פרומער צייטונג „איזראַעליט״, וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַ וואַרעמען אַרטיקל וועגן זיין נײַ ווערק „רוים און ירושלים״, און אים איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין דעם פרומען יידישן בלאַט.

עס איז געווען אַ קילער, האַרבסטיקער דינסטיק. די אַלייען, די גאַסן וואָס פירן צום „יידישן פערטל״, זיינען געווען תשרי׳דיק־ברוין. דער הימל — מאַט־בלוי כמעט וואַסערדיק. די טירן פון די קראָמען, וואָס זיינען ביז האַלבן טאָג געווען אָפן ווי שוואַרצע שלונגען, זיינען שוין איצט געווען צוגעמאַכט. מאַנצביל, קינדער זיינען געווען אין די הייזער, זיך געגרייט צום הייליקן טאָג און געהאָלפן די פרויען ציען וואַקסענע ליכט, וואָס וועלן ברענען אין שול ווי אַ זכר צו די הרוגים פון די דריי הייליקסטע קהילות אין דייטשלאַנד, וואָס מען האָט גערופן שו״ם — שפּייער, וואָרמס און מיינץ.

דר. מאיר לעהמאַן — אַ הויכער, אַן איידעלער, מיט אַ בלאַס געזיכט, טונקל־ברוינע אויגן און אַ שפּיציק בערדל — האָט דעם גאַסט אויפגענומען מיט כבוד און אים אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט, וואו די ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט ספרים און ביכער, מערסטנס מיט אַלטע ספרים און יקר־המציאותן.

ער האָט דעם גאַסט באַזעצט אין אַ טיפער, לעדער־געבעטער פאָטעל, און אים דערציילט וועגן די ספרים, וואָס ער האָט אין זיין ביבליאָטעק.

— וויסן זי, מיין הער, — האָט זיך לעהמאַן אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום אַלמער, — איך האָב איין אויסערגעוויינלעכן אַלטן מדרש „אלה אזכרה״ געפונדן, דער פאַרעפּנטלעכט וואַר אים יאַרע . . . דיזער מדרש דעם סאָציאַלן הינטערגרונט פון דעם אַלט־יודישען מאַרטיראָלאָג ערקלערט.

— אַך, זאַ! מערקווירדיק! — האָט העס געזוּמען פון זיין האַנט דאָס ספרל מיט די אַלטע פאַרגעלטע בלעטלעך, אַרויפגעשאַרט די ברילן און גלייך איבערגעלייענט דעם שער־בלאַט.

אַז דער גרויסער וואַנט־זייגער אין עס־צימער האָט אויסגעקלונגען פיר פייערלעכע קלאַנגען, האָט לעהמאַן אַריינגעבעטן דעם גאַסט אין עס־צימער, צו דער סעודה־המפסקת.

פאַרן עסן איז ער פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר דער פאַמיליע און פאַר צוויי מענער: דער יינגערער — אַ שוואַגער פון דעם רעדאַקטאָר, געקליידט אין אַ טונקעלן ראָק ביז די קני און שטאַרק־ווייסע וועש, און אַ זקן מיט אַ שניי־ווייסער באָרד און געדיכטע, ווייסע ברעמען. פון דער בלענדנדיקער ווייסקייט האָט אַרויסגעשיינט אַ רויטלעך פנים מיט גאָלד־געראַמטע ברילן אויף דער גראָבלעכער נאָז, און די אַשיק־גרויע אויגן — קאַלטער פייער, וואָס האָט אים געגעבן דעם אויסזען פון אַ היימישן רב. דאָס איז געווען ר׳ שמריהו בונדי, לעהמאַנס שווער און דער גבאי פון דער אַלטער שול.

מיט ר׳ שמריהו׳ן האָט דער איידעם פאַר העסעס אָנקומען געהאַט אַ שאַרפן איבעררייד. דער איידעם האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף העסן מקרב זיין. מיט דעם אַליין, וואָס ער אינטערעסירט זיך אין דער חברה „ישוב ארץ־ישראל״, איז ער אַ בעל־תשובה, און אַ בעל־תשובה געהערט אין די פרומע רייען. דער אַלטער האָט אָבער געטענהט, אַז ער האָט אַריינגעקוקט אין „רוים און ירושלים״ און דאָרט אויך געפונען „סאָציאַ־ליזמוס״, און דאָס איז אַפּיקורסות. דערצו, זאָגט מען, אַז ער לעבט מיט אַ ניט־יידישער פרוי, און דאָס אַליין איז גענוג, ער זאָל מיט אים קיין מגע־ומשא ניט האָבן. דער איידעם האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס: ישוב ארץ־ישראל וועגט איבער... ערשט נעכטן האָט זיך דער זקן געלאָזט איבעררעדן און האָט אַפילו באַפוילן מען זאָל לכבוד דעם גאַסט אַוועק־שטעלן ערב־יום־כיפור אין שול אַ טעלער פאַר דער חברה „ישוב ארץ־ישראל״. ער האָט דערביי געזאָגט:

— מאיר, פאַרגעס אים ניט זאָגן, דיין פריינט, אַז אויב אים איז שווער צו גלויבן דאָס פון הימל וועט אַרונטערפאַלן אַ וואונדער־בריק, איבער וועלכן די יידן וועלן אַוועק קיין ארץ־ישראל, קאָן איך נאָך וויניקער

גלויבן, אַז קאַלישער מיט העסן, מיט די קערות ערב־יום־כיפור, וועלן קאָנען אויפשטעלן די בריק...

אָפּגעזאָגט, האָט זיך דאָס קאַלטע פייער אין זקנס אויגן איינגעשטילט.

איצט האָט דער זקן באַגריסט דעם גאַסט מיט אַ געמאַכטער העפ־לעכקייט.

עס איז אַריינגעקומען די פרוי. די מענער האָבן זיך אויפגעהויבן, ווי זיי וואָלטן דורכגעפירט אַ צערעמאָניאַל.

די פרוי — מיט ברוינע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטער אַ טיכל, און גרויע אויגן, וואָס בייטן זיך אין גרין, און אַ סך ווייבערישע גוטסקייט אין איר פול פּנים און פיגור, — האָט אָנגעצונדן ליכט, געמאַכט אַ ברכה זייער שטיל, קוים שעפּטשענדיק מיט די ליפּן. און באַלד האָט מען זיך געוואַשן צום עסן. דער זקן האָט אַ קוק געטאָן שטרענג אויפן גאַסט. לעהמאַן, גלעטנדיק זיין דין בערדל, וואָס איז געווען פאַרשפּיצט שאַרף ווי אַ בליישטיפט, האָט אים צוגעטראָגן אַ קליין יאַרמעלקעלע.

ערשט דאַן האָט דער זקן געמאַכט די „המוציא" הויך אויפן קול, אַז העס האָט זיך דערמאָנט אין זיין זיידן אין באָן...

נאָכן עסן האָט מען זיך געאיילט אין שול.

ביי דעם ווינקל פון די האַמבורגער אַלייען און דער שטראַסבורג־שטראַסע, אַנטקעגן דער קאַטוילישער קירך „דער הייליקער יאָהאַן", וואָס שטייט אַרומגערינגלט מיט הויכע צעדער, שטייט אויך די אַלטע שול פון דער אַלטער קהילה „מגנצה" — מיינץ. אַ געמויערטע, מיט אַ משופּעדיק, גרין־בלעכענעם דאַך און געל־בלויע שויבן.

די שול איז אין דער אמתן ניט אַזוי הויך. אַנטקעגנאיבער דער הויכער, בלוי־קופּאָליקער קירך, להבדיל, זעט זי אויס, די אַלטע שול, ווי זי וואָלט געווען געקליידט אין אַלטע בגדים. אָבער זי איז דאָך הויך גענוג, זי זאָל זיך דערהייבן איבער די הייזער פון „יידן־פּערטל". דער משופּעדיקער דאַך איז אינעווייניק, פּונקט אין דער מיט, אונטערגעשפּאַרט מיט הויכע אָפּ־געקאַלעכטע זיילן, און עס הענגען דאָרט אַראָפּ אויף שטריק גרויסע, זיבן־רעריקע הענגלייכטער.

די אַלטע שול איז די הייליקסטע אין שטאָט. די מיינצער יידן האָבן

בקבלה, אַז דאָ האָט נאָך געדאַווּנט ר׳ אמנון, דער מחבר פון „ונתנה תוקף״. אין דער שול טאָר מען, לויטן דין, ניט עסן און ניט רויכערן, און זי ניט באַהייצן. איז דאָרט קאַלט אין ווינטער, און אַפילו אין זומער.

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ פרעמדער דורכפאָרער אָדער דורכגייער קומט אַריין אין שול אין מיטן דער וואָך. ער גייט צו צום עמוד און באַטראַכט אים: איין שורה זייער לאַנגע און זייער שמאָלע, ווי פון האַמער־אויס־געקלאַפּטע אותיות: „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״. זייער אַלט, דורות אַלט, זיינען די אותיות שויתי. דעם פרעמדן דאַכט זיך, אַז זיי דוכענען, אָט די אותיות, דוכענען מיט אַמאָליקער קלוגשאַפט.

די שול איז איצט געווען פול מיט ליכט און טליתים. באַלד האָט זיך דאָס שווערע פּרוכת פאַרצויגן אין אַ זייט. עס איז געוואָרן שטיל, ווי די לופט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. העס האָט געהאַלטן דעם מחזור, וואו די אותיות האָבן זיך געהויבן אין דער הויך, אין דער ברייט. ירושלים האָט זיך געשאָקלט פאַר זיינע אויגן, און ווי ער וואָלט עס געוואָלט אונטער־שפּאַרן, האָט ער פעסטער געהאַלטן דעם מחזור. יידן זיינען צוגעפאַלן צום אָרון־קודש, אַרויסגעטראָגן די שיינענדיקע ספר־תורה׳ס, ווי אויפגעוועקטע פרינצעסינס. אויף זייערע ווייסע, סאַמעטענע מענטעלעך האָבן געבליצט, ווי גרויסע שטערן, מגן־דוד׳ס, אויסגעניייט מיט זילבער און גאָלד. די העלטלעך געקריצט אין זילבער, אויסגעזעצט מיט פערלמוטער און באַ־האַנגען מיט קרוינען און גלעקלעך.

עס איז געוואָרן ליכטיק אַרום די ספר־תורה׳ס. די גאַנצע שול ציט זיך צו זיי, רינגלט זיי אַרום. העס האָט געזוכט דעם אַלטן, וואָס איז שוין געווען בלויז טלית און באָרד, און אים ניט געקאָנט דערקענען.

נאָך כל־נדרי. די לופט, וואָס איז ערשט געווען אַן אָנגעבלאָזענע פון ווייסע טליתים, ווי אויפגעהויבענע פליגלען, איז איצט דינער. די יידן זיינען זיך צעגאַנגען. עס איז איצט פינצטערער אין שול. בלויז פון די וואַקסענע ליכט טריפן דינע זיילעכלעך, ווי טרערן, און פאַרשמעלצן זיך אין הייסן טייכל וואַקס.

ביים מזרח־וואַנט זיצט ר׳ שמריהו אין ווייסן קיטל און וויגט זיך איבערן „שערי תשובה״ פון ר׳ יונה חסיד. ער שמייסט זיין זינדיקע מחשבה מיט הייליקע רצועות פון הכנעה און חרטה אויף שלעכטע כוונות.

— „אמרו עליו — מען האָט געזאָגט אויף אים, אויף אליעזר, דער זון פון דורדיא, אַז ער האָט ניט דורכגעלאָזט אויף דער וועלט קיין איין אויסגעלאָסענע פרוי, ער זאָל זיך מיט איר ניט צונויפקומען. איינמאָל האָט ער געהערט, אַז ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט געפינט זיך זייער אַ שיינע פרוי, וואָס נעמט פאַר אַ באַזוך אַ גאַנצן בייטל געלט. נעמט ער מיט זיך אַ פול בייטל געלט און לאָזט זיך אַוועק צו דער פרוי. ער שנײַדט דורך צוליב איר זיבן טייכן, ביז ער האָט זיך צו איר דערשלאָגן. אינמיטן פאַרוויילן מיט אים, גיט זי אַ פייף און צעלאַכט זיך.

— ביסט שוין אַ פאַרפאַלענער! — זאָגט זי. — אַט ווי דער בלאָז איז אַוועק און קומט ניט צוריק, אַזוי איז שוין פאַר אליעזר דעם זון פון דורדיא ניטאָ קיין וועג צוריק.

די ווערטער האָבן אים געטראָפן אין האַרצן און געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. אַן אַ קאָפּ איז ער אַוועק פון איר, זיך אומגעבלאָנקעט אַ צערודערטער, צווישן בערג און היגלען. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און געזאָגט אַזוי:

— בערג און היגלען, בעט רחמים פאַר מיר!

ענטפערן זיי אים: — אידער בעטן פאַר דיר, וועלן מיר בעסער בעטן פאַר זיך אַליין.

ווענדט ער זיך צום הימל און ערד: — הימל און ערד, בעט רחמים פאַר מיר!

ענטפערן זיי אים: — אידער בעטן פאַר דיר, וועלן מיר בעסער בעטן פאַר זיך אַליין.

ווענדט ער זיך צו דער זון און לבנה, צו די שטערן און פּלאַנעטן, צום ים און די טייכן, און אַלע ענטפערן אים דאָס זעלבע: — אידער בעטן פאַר דיר, וועלן מיר בעסער בעטן פאַר זיך אַליין.

בלייבט ער זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ: הייסט עס, עס ווענדט זיך ניט אין קיינעם, נאָר אין מיר אַליין... האָט ער פאַרבויגן טיף דעם קאָפּ צווישן די קני און האָט אַזוי לאַנג און אַזוי ביטער געוויינט, ביז די נשמה איז אים אויסגעגאַנגען. איז אַרויס אַ שטימע פון הימל און אויסגערופן:

— אליעזר, דער זון פון דורדיא, איז גרייט צום אייביקן לעבן.

און אַז די מעשה איז געקומען צו די אויערן פון רבי יהודה הנשיא, האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט:

— אַן אַנדערער פאַרדינט זיין אייביקע וועלט דורך מי פון לאַנגע יאָרן, און איינער בשעה אחת, אין איין ווײַלע.

און נאָך האָט יהודה הנשיא געזאָגט דערויף:

— ניט גענוג, וואָס אַ בעל־תשובה ווערט אויפגענומען, קרוינט מען אים נאָך מיטן נאָמען רבי. — — —

וואָס־זשע האָט ער, שמריהו, גערעדט בייז אויף אים, דעם זינדיקן, וואָס איז עוסק אין ציון, וואָס איז היינט געווען אין שול? אַז ער איז קונה עולמו בשעה אחת. ער האָט זיך פאַרדינט זיין וועלט. — — —

שפּעט ביינאַכט זיצט משה העס אין זיין צימער איבערן מדרש „אלה אזכרה״. פאַרטרייבט זיינע מחשבות זרות אין די געלע פאַרטרערטע בלעטלעך, וואו עס ווערט איבערגעגעבן די געשיכטע פון די צען „הרוגי מלכות״.

די צען „הרוגי מלכות״ זיינען געווען קרבנות, זינד־פאַרגעבונגען פאַר דעם חטא, וואָס די צען ברידער זיינען באַגאַנגען קעגן יוספן, פאַרקויפט אים פאַר אַ קנעכט. מידת־הדין האָט די גאַנצע צייט מקטרג געווען, ביז זי האָט געפונען אין די שפּעטערע דורות אויף וועמען אויסצוגיסן דעם צאָרן, ווייל אין פסוק שטייט: „ווער עס גנבעט אַ מענטשן און פאַרקויפט אים — ער זאָל געטויט ווערן.״

פון יעדן ווינקל שטייגן־אַרויס און פלאַטערן פאַרביי די געשטאַלטן פון די „הרוגי מלכות״. ר׳ עקיבא, וואָס מען האָט אים יום־כיפור צעקאַרבט אויף שטיקער מיט אייזערנע קאַמען; דער נשיא ר׳ שמעון, וואָס מען האָקט אים אָפּ דעם קאָפּ און זיין צונג לעקט די ערד; ר׳ חנינא בן תרדיון, וואָס מען וויקלט אים איין אין אַ ספר־תורה, מיט נאַסע וואָל אויפן האַרצן, און מען וואַרפט אים אין די פלאַמען; ר׳ ישמעאל כהן־גדול, וואָס די פאַרליבטע קעניגס טאָכטער לאָזט פון אים אָפּשינדן, אין וואַנזיניקער ליבשאַפט, די הויט. — — קריץ עס איין אויפן האַרץ און פאַרזאָג עס אויף דור־דורות: ניט אָפּגעקילט ווערט דער צאָרן אויף יענע, וואָס מאַכן סחורה פון מענטשן. — — —

ער זיצט איבערן ספרל, דעם קאַפּעליוש הויך אַרויפגערוקט, די האָר

צעשויבערט, דער ברייטער שטערן פול מיט גרויסע שוויס־טראָפּנס און די אויגן איינגעגראָבן.

עפּעס האָט פּלוצים אַ שטראַל געטאָן פאַר זיינע אויגן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו דער טיר, געזען ווי ר' שמריהו אין ווייסן קיטל און די ווייסע זאָקן קומט אַריין פון שול, זעצט זיך איבערן ספרל, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיין נשמה איז איצט גאָר ריין און לייכט אַרויס דורך די ווייסע בגדים. — — —

• • •

צומאָגנס, אַ העס האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אים איינגעפאַלן, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען צו פאַרלאָזן פּאַריז און זיך צוריק באַזעצן אין דייטשלאַנד. איז אָבער אויסגעבראָכן דער קריג צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט קיין ברוסעל.

העס איז פון דער ערשטער מינוט אָן געווען פאַרליבט אין מאיר לעהמאַן. ס'ערשטע מאָל געזען אַ פרומען ייד, וואָס רעכנט זיך מיט דעמאָקראַטיע, געזען אין אים דעם פּראָטעסט פון יידישן גייסט קעגן פאַרגליווערטן קירכן־צערעמאָניאַל פון די גייגערס, די פיליפּזאָנס און אַנדערע „דייטשן פון יידישן גלויבנס־בונד". ווי ער איז אָבער געקומען קיין ברוסעל, האָט העס אינגאַנצן פאַרגעסן אין יענעם מיינצער יום־כיפור. ער האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער אַרבעט פון „אינטערנאַציאָנאַל". ער איז געפאָרן פון איין בעלגיש שטעטל אין דעם צווייטן, גערעדט איבער מאַרקס' „קאַפּיטאַל" און געהאָלפן שאַפן צווישן די בעלגישע אַרבעטער אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין גרייט צו יעדן רוף אָנצושליסן זיך אָן אויפשטאַנד קעגן ביסמאַרקן.

ביי דער קאָמונאַרן־וואַנט

.1871

דורך גרענעצן, פאַרצאַמונגען, טראַנשיי־גריבער איז העס געקומען צוריק קיין פּאַריז.

ס׳איז געווען סוף חודש מאַי, נאָכן פאַלן פון דער פּאַריזער קאָמונע. אַנהויב־פרילינג האָט אויפגעבליט אין שוימיקע וואַלן פון סעין. קאַלטע ווינטן האָבן געוויִעט איבער האָטעל־ און קראָמען־שילדן, גריסן שטיקער דעכער פון צעשאָסענע חרובע געבײַדעס, געהוליעט אין די געסלעך פון ווערסאַל.

אין צענטער פון דער שטאָט, אויף שאַנס־עליזעי, אין טומלדיקע הויפּט־גאַסן, האָט קיינער אויפן פרילינג ניט געוואַרט, קיינער האָט אים דאָ ניט דערוואַרט.

צענדליקער קאַפע־הייזער, שאַנד־הייזער האָבן מיט רויטע לאַמטערנס, מיט נאַקעטע שילדן אַרײַנגעשריִען אין די צעטומלטע גאַסן פון דער צעשאָסענער שטאָט.

אַ נעפּלדיקער פּאַריזער טאָג. אין נעפּל ווערן דערטרונקען די טונקעלע מויערן. איבערן טײַך גייט־אום דער פייכטער טאָג און טוט זיך עטלעכע מאָל אַ ריס ערגעץ צו אַ ווײַטן דורכלויכט אין דער הויך.

העס האָט ליב באַקומען אָט דעם טרויעריקן קלאַנג פון ווינט, וואָס יאָגט פּלוצלונג אָן איבער דעם ברייט פונעם טײַך און איבער דער רוישיקער שמאַלקייט פון די גאַסן. די פּאַריזער גאַסן זײַנען פול געווען מיט דער אומרואיקייט פון די „קאָמונע־טעג״.

העסן האָט געצויגן צו דער דאָזיקער אומרואיקייט און ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט די געשעענישן ניט בײַגעוואוינט. אים האָט אַזוי באַנג געטאָן, וואָס ער איז דאַן געווען פאַרטריבן פון דער היים, געוואַנדערט איבער דײַטשלאַנד, שווייצאַריע.

אָפט פלעגט זיך אים דוכטן, אַז די קאָמונאַרן זײַנען צוריק לעבעדיק

געוואָרן און מאַרשירן נאָך ביי דער וואַנט און נעמען ווידער צונויף די רעוואָלוציאָנערן און גרייפן־אָן אויפן שטאָט־ראַט און פּראָקלאַמירן אין נאָמען פון פאָלק:

— זאָל לעבן די קאָמונע!

ס׳איז ביינאַכט. אַ שטאַרקער ווינט מיט אַ רעגן. אויף דער הויכער קופּע שטיינער פלאַטערט אַ רויטע פאָן און לעבן דער פאָן אַ שטורקאַץ. דער ווינט רייסט. פון דערווייטנס דערהערן זיך קולות: „זאָל לעבן די קאָמונע!״ — זיי דערנעענטערן זיך — עס זיינען גאָר ווערסאַלער! זיך אונטערגענאַרט, מיט הורא־געשרייען וואַרפן זיי זיך אויף דער באַריקאַדע: „מיר וועלן אייך געבן אַ קאָמונע!״ — זיי האָבן אַ גוטן רויב: צוויי און פערציק מענער, דריי פרויען און פיר קינדער. זיי מוזן זיך שטעלן אויף די קני, מיט אַנטבלויזטע קעפּ — און מען דערשיסט זיי איינציקווייז.

העסן האָט זיך נאָך געדוכט אין די קאַלעמוטנע פּאַריזער פאַרטאָגן: דעלעקלוז, מישעל זיינען ניט געפאַלן אויף דער באַריקאַדע. זיי האָבן געקעמפט מוטיק, די קאָמונאַרן, געקעמפט און געפאַלן. די קאָמונע איז געפאַלן, אָבער איר גייסט וועט פון היינט אָן דראָען דעם פאַררעטערישן גלאַנץ פון דער בורזשואַזיע.

איינמאָל איז העס לאַנג געשטאַנען אין ווערסאַל ביי דער וואַנט, וואו מען האָט צעשאָסן די קאָמונאַרן. ער האָט זיך אַזוי נאָענט צוגעקוקט, אַז די סאָלדאַטן האָבן אויף אים געווענדט די אויפמערקזאַמקייט. מ׳האָט אים שיער ניט פאַרנומען אין דער פּאָליציי. גוט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

אין די טונקעלע אויגן ליגט נאָך אַלץ באַהאַלטן אַ מאָדנע צעטראָגנ־קייט, ווי ער וואָלט אַמאָל און מיט אַ סך יאָרן צוריק פאַרלוירן זייער אַ טייערע זאַך און ער האָלט עס אין איין אַרומזוכן...

וואָס זוכט ער איצט?

זיין אַלטער חלום פון יאָרן צוריק וועגן אָנהויבן אַ באַוועגונג אין פראַנקרייך, אין גאַנץ אייראָפּע, אַז מען זאָל העלפן יידן זיך אומקערן אין זייער היסטאָריש היימלאַנד, האָט געשלאָגן וואָרצלען אין פאַרשיידענע קרייזן. אַן אָרטאָדאָקסישער רב אין פּרייסן, ביי דער פּוילישער גרענעץ, ר׳ הירש קאַלישער, האָט געגרינדעט אַ חברה „יידישער אַליאַנס״, אָנגעהויבן זאַמלען געלט צו גרינדן אַן אַגריקולטורעלע שול לעבן יפו. אָבער דווקא

אין די אייגענע קרייזן, צווישן די סאָציאַליסטן, איז זיין פּלאַן פאַרשוויגן געוואָרן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן ביי אַ שטויס פּאַפּירן, געשריבן, געזוכט אַלץ נייע באַווייזן, אַז אין גרונט פון אַלע ביז־אַהעריקע רעוואָלוציעס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פעלערן. וועגן פּאַריזער אויפשטאַנד קאָן ער דאָס ניט זאָגן. ער איז היינט געשטאַנען ביי דער קאָמונאַרן־וואַנט און געטראַכט, אַז גערעכט איז מאַרקס: „פּאַריז איז כולו אמת, ווערסאַל — כולו שקר." זי איז הייליק, די קאָמונאַרן־וואַנט, באַשפּריצט מיט הייליק מאַרטירעריש בלוט.

שוין אַ סך מאָל האָט ער פאַרטרויט זיינע אויסגעטראָגענע, אויסגעוויטיקטע אמתן פאַר זיינע סאָציאַליסטישע פריינט, פאַר פרענקלען, פאַר עליזעע דימיטריעוו, אַ יידישער זון, וואָס שטאַמט פון אברבנאַל און אַ רבס אַ טאָכטער פון רוסלאַנד, וואָס האָט אַזוי פיל מקריב געווען פאַר דער קאָמונע. ער האָט געוואָרט, אַז זיי וועלן אים פאַרשטיין און אים העלפן צו פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער אין לעבן, און אַלעמאָל האָט ער אָנשטאָט צוטרוי און באַגייסטערונג באַגעגנט שפּאָט, חוזק און פּיליסטערישע פּלוידעריי. ער, משה העס, איז ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. פון די סאָציאַליסטן איז ער אַוועק צוריק צו די ליבעראַלן, נאָך מיט מער עקשנות געזוכט באַווייזן, אַז ער איז גערעכט. סאָציאַליזם מוז לייזן די יידן־פראַגע. די באַפרייאונג פון רוים דאַרף אויך פירן צו דער באַפרייאונג פון ירושלים. אָבער ער טרעפט אָן אויף פאַרשטאָפּטע אויערן, אויף טויבע ווענט.

ער האָט געהאָפט, אַז באַלד ווי ער וועט קומען קיין פּאַריז וועלן אים זיינע סאָציאַליסטישע פריינט אויפנעמען מיט באַגייסטערונג, אים זאָגן: „העס, קומט אַהער! פאַר אונדז איז קלאָר, אַז אייער אָרט איז צווישן אונדז. איר טראָגט זיך אַרום מיט אַ גרויסן אידעאַל — באַזעצן יידן אויף זייער ערד, בויען פאַר זיי אַ פרייע מלוכה. מיר וועלן העלפן."

אָבער אומזיסט. די היגע אָנפירער פון די אַרבעטער־קרייזלעך, וואָס פּריידיקן דעם סאָציאַליזם, זיינען ענלעך צו זייערע עלטערן: זיי רעדן וועגן סאָציאַליזם פּונקט ווי זייערע טאַטעס, די קרעמער, פלעגן חזרן דעם אַלטן פּסוק: „לשנה הבאה בירושלים" און גאַרנישט טאָן פאַר פאַרווירקלעכן אים, און דערווייל געשמאַק ,געהאַנדלט מיט תבואה און שניט־סחורה אויף אַלע מערק, — אַזוי האַנדלען די סאָציאַליסטן פון יידישן אָפּשטאַם מיט

פסוקים פון וועלט־באַפרייאונג און מיען זיך ניט צו באַפרייען זייער אייגן פאָלק...

שלאָפט די נאַכט אונטער די פענצטער — זעלט־ווען הילכן דורך טריט פון פאַרשפעטיקטע פאַרבייגייער, שטאַרבן אָפּ אין דער ווייט, און ווידער איז שטיל אין שמאָלן געסל. די פענצטער ביי אַלע שכנים זיינען אויס־געלאָשן. סיביל איז אויף אַ פאַרזאַמלונג.

העס באַשליסט:

נאָך מאָרגן וועט ער קומען אין סאָציאַליסטישן פאַראיין, רעדן פאַר זיינע פריינט יידן און ניט־יידן וועגן זיין דערלייזערישן אידעאַל, וועגן יידישן טרוים. שיקט זיך, אַז קיינער זאָל אים ניט פאַרשטיין?

די גאַסיקע פענצטער האָבן שוין געקוקט מיט טיפער נאַכט, ווען העסעס באַוועגלעכע פיגור איז אַריין אין שלאָף־צימער און אַ מידער איז ער געבליבן זיצן אויפן בעט. דאָס פנים איז אים פון נעכט ניט־שלאָפן געוואָרן שמאָל און ביינערדיק, די אויגן פאַררוקט טיף אונטערן שטערן און דער מוח האָט זיך געצונדן מיט מחשבות וועגן כותל המערבי, וועגן דער קאָמונאַרן־וואַנט...

די באַגעגעניש אין קאַרלסבאַד

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט זיך היינריך גרעץ אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון זיין היים־שטאָט ברעסלוי, וואו די ביימער אין די ברייט־צעוואָרפענע אַלייען זיינען געווען דין און שיטער. פון די ברייטע גאַסן איז ער אַריין אין אַ ניט־ברוקירט געסל, וואו צוויי־שטאָקיקע הייזלעך האָבן זיך געטוליעט צו אַלטע דייטשע קירכן, געבויט אין גאָטישן סטיל.

ער האָט געבלאָנקעט אָן אַ ציל און געטראַכט וועגן זיין לעצטער באַגעגעניש מיטן „רויטן דאָקטאָר", וואָס איז די שרעק פון מלכים און מלוכות, וועגן קאַרל מאַרקס.

זיין באַקאַנטשאַפט און זיינע שמועסן מיט מאַרקסן האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַ מאָדנער שטימונג. ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן יענעמס אופן פון רעדן. צווישן די פיל דייטשע, פראַנצויזישע היסטאָריקער, פילאָסאָפן און געלערנטע, וואָס ער האָט געהאַט באַגעגנט, איז מאַרקס אַן אויסנאַם. אַ דענקער פון אַזאַ שניט זעט מען ניט. די שאַרפקייט פון דעם „רויטן פראָפעסאָר" האָט אים דערמאָנט אין די אַמאָליקע גאונים, די בעלי־תוספות. ער איז איצט זיכער געווען, אַז מאַרקס' עקשנותדיק פאַרהאַלטן זיך ביי איין אמת האָט ער געירשנט פון זיין פאָלק, פון זיין שטאַם, וואָס האָט געשאַפן דעם מאָניזם, דעם איין־און־איינציקן אמת. היינט יענעמס ברעזן! דער שאַרפער גלאַנץ פון זיינע אויגן! אַזוי האָט געדאַרפט אויסזען אַ רמב"ם, אַ טאָמאַס אַקווינאַס, אָדער גאָר אַ מהר"ם שיף.

פאַר די אויגן פון דעם היסטאָריקער און פראָפעסאָר פון טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ברעסלוי האָט זיך געטראָגן ס'געשטאַלט פון מאַרקסן, זיין רונדער קאָפּ, גרויע האָר, זיין דיקלעכע נאָז, די געדיכטע ווייסע באָרד און די קליינע, טיף־שוואַרצע און דורכדרינגלעכע אויגן, וואָס האָבן געברענט כמעט אומנאַטירלעך ביי אַ מענטשן פון אַזאַ עלטער...

באַגעגענענדיק זיך צום ערשטן מאָל מיט דעם שאַרפן קוק, האָט ער, היינריך גרעץ, זיך דערפילט אַביסל נישטיק. ביי אים, דעם באַרימטן

יידישן היסטאָריקער, וואָס איז שוין געווען אין די פופציקער, האָט זיך ס׳האַרץ צעפויקט, ווי ביי אַ ייִנגל, וואָס שטייט פאַר אַן עקזאַמען פון אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט שוין געלערנט און האָט מער ניט וואָס צו לערנען, נאָר קאָנטראָלירן דאָס וואָס ייִנגערע פון אים לערנען.

צום אָנהויב האָט ער אים געוואָלט דערציילן וועגן זיין לאַנג־יאָריקער פריינטשאַפט מיט משה העסן, וואָס האָט איבערגעזעצט דעם דריטן טייל פון זיין געשיכטע. עס איז אים אַפילו אַ וואונדער אויף העסן, האָט ער זיך געוואָלט באַקלאָגן, וואָס האָט אין זיין „רוים און ירושלים״ אַזויפיל לויב־ווערטער פאַרן חסידיזם. ווי קומט צו אַ רעוואָלוציאָנער אַזאַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אַן אבערגלויבערישער, אַנטי־ראַציאָנאַליסטישער סעקטע? — דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן. איז אָבער געגוג געווען אַז מאַרקס זאָל אויף אים אַ שאַרפן קוק געבן, ער זאָל זיך איבערצייגן, אַז אַזאַ ענין ווי חסידיזם איז אים ווילד־פרעמד.

האָט מען שפּאַצירט אין שטאָט־גאָרטן, געשמועסט וועגן וועטער, וועגן די הייל־קוואַלן און וועגן משפחה־זאַכן, און מען האָט זיך גלייך דערפילט ווי אַלטע היימישע.

אויף מאָרגן, ביים מאָלצייט, האָט ער געזען ווי דער גאַסט, דער איבערצייגטער מאַטעריאַליסט, עסט זייער ווייניק. צו די געשמאַקע און זעטיקע מאכלים רירט ער זיך אַפילו ניט צו. ער האָט בלויז פאַרזוכט פון די שאַרף־געווירצטע עסנס און האָט מער גערעדט ווי געגעסן. שפּעטער איז אים שוין קלאָר געוואָרן פאַרוואָס יענער האָט אַזוי ווייניק געגעסן. מענטשן מיט שאַרפע מוחות האָבן געוויינלעך שלעכטע אַפּעטיטן, דער מאָגן אַרבעט ביי זיי ווייניקער ווי די געהירן.

מאַרקס האָט אים געפרעגט וועגן דער באַציאונג פון שלעזיע צו דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה פון 1870, וועגן דער מפּלה פון דער פראַנצויזישער קאָמונע, און, ווי ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, זיך באַלד צערעדט וועגן אַנדערע זאַכן, וועגן רוסיש־טערקישן קריג, וועגן ביסמאַרקן און די קאַטאָליקן. ער איז איבערגעגאַנגען פון צייט־פּאָליטיק צו געשיכטע. באַוויזן מיט היסטאָרישע ביישפּילן, אַז די איבערקערעניש־פּאַרטייען אין פּאַרצייטיקן רוים האָבן, פונקט ווי היינט די סאָציאַליסטן, אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער מלוכה און דער רעליגיע און געלייקנט, אַז דעם קעניגס ווילן איז דער העכסטער געזעץ...

גרעץ האָט מיט אַ שטאַרקן נייגער געשלונגען מאַרקס׳ רייד און זיך דערביי יעדעס מאָל פֿאַרזיכטיק אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט מיט דעם געגעבן דעם רעדנער אַ שטומען צייכן: פֿאַרזיכטיק! מען געפֿינט זיך אין אַן עסטרייכישער שטאָט. ווי זאָגט דער פֿאַרצייטיקער עפּיקורייער, וועמען יידן רופֿן קהלת: „אַפֿילו אין דיין געדאַנק טו ניט שילטן קיין מלך, און אין דיינע שלאָף־קאַמערן טו ניט שילטן דעם עושר; וואָרים אַ פֿויגל אין הימל וועט פֿאַרטראָגן דאָס קול, און דער וואָס האָט פֿליגל וועט דערציילן ס׳וואָרט.״ — אָט דעם פּסוק האָט ער געוואָלט פֿאַר אים איבערזאָגן. דערזען אָבער ווי יענעם קימערט ווייניק זיין שרעק, האָט ער גענומען שמייכלען אונטער די טונקעלע ברילן און צושאָקלען מיטן קאָפּ, כאָטש ניט אַלץ האָט ער פֿאַרשטאַנען און ניט מיט אַלץ, וואָס ער האָט יאָ פֿאַרשטאַנען, האָט ער מסכים געווען.

נאָכן געשפּרעך, ווען זיי האָבן זיך האַרציק צעשיידט, האָט גרעץ אין זיין נאָטיץ־ביכל פֿאַרשריבן איין געדאַנק: „די צרה איז, וואָס די גרויסע היסטאָריקער זעען אָפּטמאָל דעם ציל, אָבער ניט דעם וועג צו אים; זיי זעען די גרויסע עולם־הבא און ניט די טרויעריקע עולם־הזה, דורך וועלכן מען מוז דורכגיין. קורץ, זיי זעען ניט די ברודיקע און ליימיקע מאַטעריאַלן, פֿון וואָס דער שענסטער בנין ווערט געבויט.״ אַזאַ געדאַנק — האָט ער געטראַכט — וועט אים צוניץ־קומען...

יענע באַגעגעניש האָט שוין דעם היסטאָריקער ניט אָפּגעלאָזן. גאַנצע וואָכן האָט ער געטראָגן אין זיך זיין בליק, זיין אומרו, דעם טיפֿן קלאַנג פֿון זיין קול.

ס׳איז געוואָרן נאַכט. אַ חושך האָט איינגעהילט די ביימער. ליכט האָבן אויפֿגעפֿלאַמט אין די פֿענצטער. גרעצן האָט דערעסן דאָס בלאַנקען אָן אַ ציל איבער די ברעסלויער גאַסן, און ער איז אַוועק אַהיים.

אין זיין קאַבינעט אויפֿן טיש האָט ער געטראָפֿן אַ בריוו־פּאַקעט. מיט אַ שאַרף העלצל האָט ער פּאַמעלעך געעפֿנט דעם דיקן קאָנווערט, אַרויסגענומען צוויי ביכער: „דאָס קאַפּיטאַל״ און „בירגער־קריג אין פֿראַנקרייך״ — אַ געשאַנק פֿון קאַרל מאַרקס צו פּראָפֿעסאָר היינריך גרעץ!

ער האָט פֿאַררויכערט די ליולקע אין דרייעקיקן לייכטער, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש. גענומען דאָס ביכל „בירגער־קריג אין פֿראַנקרייך״ און פֿאַרטיפֿט געלייענט. — — —

ווייטע יאָרהונדערטער פאַרזאַמלען זיך, שטעלן־אָפּ אויף אַ ווײַלע דעם לויף פון יאָרן און קוקן מיט אויגן פון קלוגע זקנים. „די וועלט־געשיכטע איז דאָס וועלט־געריכט", זאָגט העגעל, און פאַרן אומרעכט און פאַרברעכן פון די אַלע דורות האָט די צייט אַליין באַצאָלט.

לויפן פאַרביי די אויגן פעלקער און קלאַסן, געשמידטע אין קייטן און געפּענטעטע אין יאָכן. ציען זיך דורות געדריקטע, פאַרשקלאַפטע, אַז אַ סוף, ביז — עס שטייען אויף מענטשן מיט הייסע הערצער און שטאָלענעם מוט, און ווי שטראָמען אין אַ צעברויזטן ים, ווי פעלזן אין אַ פלאַמיקן אויפרייס, צעברעכן זיי פּאַלאַצן פון מלכים און קיסרים, נעמען נקמה אין טראָן און באַראָן. טוישט זיך נאַכט אויף טאָג, און באַלד — ווידער נאַכט. און ס'הערשט דער נייער קלאַס און ס'ווילדעוועט „י נייע מאַכט.

קומט דער געלערנטער און אַנטדעקט דעם סוד פון די דורות, אַנט־בלויזט די פאַרנעפּלטע סיבות פון לעבן, מאַכט קלאָר דעם זינען פון צייט און פון זיין.

„די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף" — איז פון דעם געדרונגען, אַז דער זיג פון דעם נייעם קלאַס איז דער זיג פון דער געשיכטע. וועט קומען די צייט ווען דער מענטש, צי איז זיין הויט ווייס, געל אָדער שוואַרץ, וויבאַלד די פּליסיקייט אין זיינע אָדערן איז רויט, ווי ס'איז רויט דער באַגינען, ווי רויט ס'איז די שקיעה, — אָט דער מענטש וועט דערוואַכן און וואַרפן אין אָפּגרונט דאָס אַלטע, פאַר־פוילטע, כדי צו עסן דאָס ברויט פון אמת צו זאַט. — — —

ס'איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט. גרעץ האָט געלייענט דאָס בוך און אין זיין מידן מוח זיינען געשוואומען שטיקער בילדער פון געשיכטע, געבלאָנדזשעט שווער אין זיין קאָפּ, געשווערט ווי שטיקער בליי, און מיט־אַמאָל האָט פון פענצטער אַריינגעשלייכט אַן אומקלאָרע שיין, זיך אויס־געמישט מיט דער העלקייט פון די ווייסע ליכט.

איז שוין פרימאָרגן?

גרעץ האָט פאַרענדיקט לייענען. ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר און אָנגעוואָרפן געשנירלטע דייטשע אותיות, אַ בריוו צו מאַרקסן:

„הויך געערטער פריינט!

„... און ווען איר וואָלט אַפילו באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַר־ברעכן — דעם לעצטן פון די מלכים געהאַט אויפגעהאַנגען אויף די געדערים פון דעם לעצטן פון די כהנים, וואָלט איך אייך אויך מוחל געווען — אַזוי שטאַרק האָבן מיך אונטערגעקויפט אייער בריוו, די בייגעלייגטע בילדער און די געשעצטע שריפטן.

„יאָ, איר האָט מיר פאַרשאַפט דערמיט גרויס פרייד, וואָס איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם לאַנגן וואַרטן אויף אַ ידיעה פון אייך. די ביידע פאָטאָגראַפיעס דערמאָנען מיר כסדר די אַנגענעמע, הגם קורצע, צייט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט אין קאַרלסבאַד.

„אייער ׳קאַפּיטאַל׳ פאָדערט אַן אויספירלעכן שטודיום. פאַר־קערט, די בראָשור ׳בירגער־קריג׳ לייען איך מיט גרויס הנאה: ׳פאַריז איז כולו אמת — ווערסאַל איז כולו שקר׳ — און בעת איר זאָגט דאָס, פילט מען אַזוי ווי דער לעצטער יום־הדין פון דער וועלט־געשיכטע וואָלט אַרויסגעטראָגן דעם דאָזיקן פסק פון כולו חייב.

„איר האָט מיך אָבער מיט די אַנגענעמע מתנות געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. איך ווייס ניט וואָס איך קאָן אייך פון מיינע אַכצן ווערק פאָרלייגן ווי אַ פאַרגיטיקונג. דער אינהאַלט פון מיין צוועלף־בענדי־קער געשיכטע ליגט ווייט, ווייט מחוץ אייער האָריזאָנט. על כל פנים וואָלט מיין אַרבעט וועגן קהלת אין אַ געוויסער מאָס געווען צוטריט־לעך פאַר אייך. מחמת זיין מחבר, ווי איך פאַרשטיי אים, איז געווען אַ האַרטער רעאַליסט אין מיטן פון אַ פאַנטאַסטיש־הימל־קוקנדיקער וועלט און האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן קלאָר, אַז די רעאַל־עקזיס־טירנדיקע וועלט איז וויכטיקער ווי די ספּקדיקע יענע וועלט, און האָט נאָך מיט ביינצן הונדערט יאָר צוריק געפּריידיקט די רעהאַביליטירונג פון דער מאַטעריע.״

גרעץ האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, אַרויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. פון מזרח־זייט האָט זיך געריסן אַ ווייטער דורכלויכט. ער האָט געעפנט דאָס פענצטער און אַרויסגערוקט דעם הייסן שטערן. פון די ביימער אַנטקעגן איז אויפגעגאַנגען אַ האַרבער ריח פון טוי און בלומען. ס׳איז דערגאַנגען אַ לייכטער וואַסער־רויש פון אַ קוואַל און איז פאַרלוירן געוואָרן צווישן די ביימער.

דער מזרח איז אַלץ רויטער געוואָרן. ס׳איז געוואָרן טאָג.

אַ לעקציע

עס האָט זיך געגרייט צו האַלטן אַ רעפעראַט אין דער געגנט לעבן „באַסטיל״ וועגן „מזרח־אייראָפּייאישע יידן״. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויס געווינס, ווען מען האָט אים צו וויסן געלאָזן, אַז צום רעפעראַט וועלן קומען אַ גרופּע קאָמונאַרן, מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל, און אַז לעאָ פרענקל וועט דאָרט אויך זיין.

פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען איז העס אַריין אין הויף פון אַ דריי־שטאָקיקן מויער אויפן באַסטיל־פּלאַץ און איז אַרויף אין זאַל, וואָס איז שוין געווען פול מיט אַ וואַרטנדיקן עולם. די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפ־געהויבן פון די ערטער און זיך נעענטער צוגערוקט צום טישל, וואו העס האָט זיך אַוועקגעזעצט.

דער פאָרזיצער, אַ יונגערמאַן געקליידט אין שוואַרצן, מיט אַ צע־פלאַמט פּנים און צוויי קוילעכלעך־אויגן, וואָס האָבן געפינקלט, און ס׳איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט דעם גרעסטן חלק אין דעם היינטיקן צוזאַמענקומען זיך, — האָט אויפגעהויבן זיין האַנט — אַ צייכן, עס זאָל שטיל ווערן, און גענומען פאַרשטעלן דעם גאַסט. העס האָט געקוקט אין פענצטער, וואו דער הימל איז שוין אינגאַנצן געוואָרן פאַרצויגן מיט נאַכט און נאָר איינציקע שטערן האָבן זיך אין דער הויך געצונדן, ווי פּלוצימנדיקע אויפרייסן פון קוילן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם ערשט ווען מען האָט אים אויפגערופן צום רעדן.

ער האָט אָנגעהויבן געלאַסן. מיט קלאָרע ווערטער, אונטערשטיצט מיט ציפערן און היסטאָרישע באַווייזן, האָט ער גערעדט וועגן די מזרח־אייראָפּייאישע יידן. ער אַליין איז ניט קיין פרומער ייד, נאָר ער קאָן ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז די פרום־יידישע שיכטן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס רופן זיך „חסידים״, האָבן מיט זייער גייעם צוגאַנג צו דער פאַרגליווערטער רעליגיע און די פאַרשטיינערטע טראַדיציעס דערנענטערט זייער פאָלק צום אייראָפּייאישן פרייהייט־געדאַנק און געמאַכט פּייאיק דאָס

האַרץ פון די יידישע מאַסן, אַז דער סאָציאַליזם זאָל אַהין אַריינדרינגען.

„לאָמיר זאָגן", האָט ער געערעדט העכער, „היינט קומט משיח, דער אמתער משיח, און וועמעס קומען יעדער ייד גלויבט אין טיפן האַרצן, אַז ער מוז קומען און אויסלייזן די יידן און די גאַנצע וועלט. צו וועמען זאָל זיך אַזאַ משיח ווענדן? אפשר צו די רייכע, צו די רעפאָרמער? צו די גרויסע געשעפטסלייט? אָט די אַלע דאַרפן אים ניט, זיי אַלע זיינען שוין באַזאָרגט. זיי איז גוט אויף די אויסגעוואָרעמטע ערטער און זיי וועלן זיך ניט רירן פון זייערע ערטער, סיידן מען וועט זיי צווינגען, טרייבן מיט שטעקנס... דעריבער גלויב איך, אַז די סעקטע, וואָס רופט זיך 'חסידים', וועלכע לעבן אין זייער פריוואַט לעבן אין אַ געוויסער מאָס סאָציאַליסטיש און דאָס הויז פון רייכן איז שטענדיק אָפן פאַרן אָרעמאַן, אַז זיי וועלן זיין בכח אָפּפרישן דאָס יידישע לעבן אומעטום, מאַכן יידן פאַר אַ פאָלק.

„עס איז קיין צופאַל ניט", האָט ער שוין איצט גערעדט מיט אינער־לעכער איבערצייגונג, „וואָס די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פוילן האָבן געשטיצט דעם געדעכטן אויפשטאַנד פון פוילישן פאָלק אין יאָר 1863. באַר מענטשן, וואָס זיינען פיאיק צו אַזאַ מאָראַל און באַגייסטערונג, קאָנען שטיצן אַזאַ מין אויפשטאַנד.

„די אַסימילאַטאָרן, די רעפאָרמער, האָבן ניט געקאָנט באַנוצן דעם יידישן בוים, וואָס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן פון דער מאָדערנער צייט, כדי אויסצושמידן זייערע טעמפּלען, וועלכע האָבן אין זיך גאָרניט פון יידישן גייסט.

„דערלויבט מיר צו זאָגן", האָט ער פאַרענדיקט זיין קורצע באַלייכטונג וועגן די יידן אין די סלאַווישע לענדער, „דערלויבט מיר צו זאָגן דעם האַרבן אמת, אַז סאָציאַליסטן דאַרפן העלפן יידן ווערן אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך. דאָס וועט לייזן דאָס פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם. אין יענע לענדער זיינען דאָ די קרעפטן, וואָס האָבן דעם כוח אויפצופרישן דעם אַלטן יידישן אָרגאַניזם, אַריינבלאָזן אַ נייעם גייסט אין זיינע ביינער און אים צוריק אויפשטעלן אויף דער אַלטער ערד פון זיינע נביאים."

אונטער שוואַכע אַפּלאָדיסמענטן האָט ער פאַרענדיקט זיין קורצן רעפעראַט.

דער פאָרזיצער האָט גלייך נאָכדעם געפרעגט:

— וויל זיך עמעצער מעלדן צום וואָרט? וויל עמעצער אַ פראַגע?

די גאַנצע צייט פון העסעס רעדן איז אַנטקעגן געזעסן אַ נידעריקער, האַריק־באַוואַקסענער מענטש מיט אַ יידישן נאָמען — לעאָ פרענקל. ער האָט זיין קאָפּ געהאַלטן אויסגעדרייט אָן אַ זייט; זיינע קורצזיכטיקע אויגן אונטער גרויע גלעזלעך האָבן מיט אַ גלייכגילט געקוקט אין אַ זייט, ווי זיי וואָלטן אַ גאַנצע וועלט וועלן דערמאָנען, אַז זייער באַלעבאָס איז עטלעכע יאָר אָפּגעזעסן אין טורמע, אַז ער איז איינער פון די גרינדער פון אינטער־נאַציאָנאַל, האָט אָנגעפירט מיטן קאָמונאַרן־אויפשטאַנד און געדענקט אויף אויסנווייניק דעם גאַנצן ערשטן באַנד פון מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״.

איצט האָט ער זיך געמאָלדן צום וואָרט.

„איך ווייס ניט וויפיל מענער און פרויען פון יידישן אָפּשטאַם עס געפינען זיך אין זאַל״, — האָט ער אַרונטערגענומען די ברילן, געוויזן, אַז ער גרייט זיך רעדן לאַנג, — „אָבער אויב אַזעלכע זיינען יאָ דאָ, און זיי געהערן צו אונדזער זאַך, וועלן זיי מיט מיר לייכט איינשטימען, אַז הער העס האָט אונדז געלאָזט הערן אַזעלכע געדאַנקען, וואָס דאַרפן אונדז בלייבן פרעמד.

„מיר לעבן שוין היינט ניט אין די צייטן פון די שבטים, און ניט אַלץ מוז מען אַריינפּאַסן אין קעסטעלעך — אַ ייד, אַ טערק, אַ רוס, אַ פראַנצויז. קאָנען מיר דען האַלטן די יידן פאַר אַ פאָלק, אויב טעריטאָריעל זיינען זיי קיין פאָלק ניט? וואָס, פריינט העס? איר געדענקט ניט מאַרקס׳ דעפיניציע וועגן דער ׳יידן־פראַגע׳?״

ביי די לעצטע ווערטער האָבן העסעס אויגן קאַלט אַ גלאַנץ געטאָן. ער האָט געטראַכט: אַ מאָדנע זאַך מיט דעם פרענקל, ווען ער וויל אַרגו־מענטירן קעגן אים, אייגנט ער זיך צו מאַרקסן, און אויף אַ זיצונג פון אינטערנאַציאָנאַל האָט ער אים באַנוצט ווי אַן אַרגומענט קעגן מאַרקסן...

פרענקלס נידעריקער גוף האָט זיך אַלץ געריסן נעענטער צום אָרט, וואו העס איז געזעסן:

„פאַרוואָס זאָלן סאָציאַליסטן רעדן אין אַזאַ נאַציאָנאַליסטישן טאָן? העס רעדט וועגן די יידן אין די סלאַווישע לענדער, און וואָס איז מיט די מער־פאַרגעשריטענע יידן פון מערב־אייראָפּע, פון פראַנקרייך און דייטש־לאַנד? זיינען זיי ניט באַרעכטיקט צו אַסימילאַציע?״

פרענקלס אַרגומענטן זיינען געוואַקסן. פון יידן איז ער אַריבער־געגאַנגען צו העסן אַליין.

„אין וואָס, אַ שטייגער, באַשטייט דער גאַנצער אויפטו פון זיין ווערק ׳רוים און ירושלים׳ ?" — האָט ער הויך און היציק אַ פרעג געטאָן. — „וואָס דאַרף, לויט זיין מיינונג, געטאָן ווערן צו די יידן, וואָס ווילן ניט גיין קיין פאַלעסטינע ?"

אַז העס האָט זיך אויפגעשטעלט ענטפערן, איז זיין קול געווען אַביסל אויפגערעגט און זיינע גרויסע אומעטיקע אויגן האָבן קוים באַלויכטן די דורכזיכטיקע הויט אויף זיין פּנים. ער האָט אַרומגעקרייזט דאָס טישל און אַריינגעטענהט אין דעם פאַרזאַמלטן עולם:

„פרענקל רעדט וועגן פאַרגעשריטענע דייטשע און פראַנצויזישע יידן, אָבער ביי אַ בלוט-בלבול אין דמשק האָט מען קיינעם ניט געפרעגט, צי איז ער רעליגיעז אָדער ניט, צי איז ער סאָציאַליסט, ליבעראַל אָדער רעאַקציאָנער, און מען שלעפּט אונדז אַלעמען צוזאַמען אין איין סטאַדע און מען מאַכט אַלעמען פאַראַנטוואָרטלעך, און אַלעמען שרייט מען נאָך: ׳העפּ, העפּ, יודע !׳

„און וואָס איז שייך מאַרקס׳ צוגאַנג צו יידן, איז עס סכאָלאַסטיק. די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיק יונג און זי דאַרף און וועט מסתמא ניט איין פּונקט אויסבעסערן אָדער צוגעבן צו מאַרקס׳ שריפטן, דעם געניאַלסטן צווישן אונדז. באַזונדערס, אַז דאָס זיינען פלעקן, פון וועלכע אויך די ליבע זון איז ניט פריי...

„איך גלויב אין דער סאָציאַלער מיסיע פון יידן און וועל שוין מסתמא מיט דעם גלויבן שטאַרבן. מען דאַרף וויסן, אַז די זוימען פון אָפּ־געשטאַרבענע פלאַנצן טראָגן זיך אין דער לופט מיטן ווינט, אָפטמאָל יאָרהונדערטער לאַנג, ביז זיי פאַלן צוריק אויף אַ פרוכטבאַרן באָדן און וואַקסן ווידער און אַקלימאַטיזירן זיך. זיי נעמען אָן געוויסע ענדערונגען אין פאָרם צוליב די אויסערלעכע סיבות, אָבער דער אור־קערן פון דעם געדאַנק בלייבט אַלעמאָל דער זעלבער, ווי מענטשלעכע יידן און טוגנטן, אַזוי ווי דער מענטשלעכער קערפּער..."

ווען העס האָט געענדיקט, האָבן די פאַרזאַמלטע ניט געוואוסט ווי צו רעאַגירן אויף דעם ענטפער. פאַר דעם גרעסטן טייל פון די צוהערער זיינען די געדאַנקען געווען פרעמד.

העס איז שוין געזעסן אַ מידער. דעם גרויסן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף

די הענט. דער קנייטש צווישן זיינע ברעמען איז געוואָרן לענגער און טיפער און ער איז זיכער געווען, אַז ער האָט פאַרלוירן...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, געזען ווי סיביל שמועסט האַרציק מיט פרענקלען און יענער העלפט איר אָנטאָן דעם אויבערמאַנטל, איז ער צוגעגאַנגען און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו פרענקלען.

משה העס האָט זיך ווידער פאַרבונדן מיט דער חברה „ישוב ארץ־ישראל״, האָט אויסגעפועלט אַ היפשע סומע געלט ביים „אַליאַנץ״ פאַר דער אַגריקולטורעלע שולע „מקוה ישראל״, וואָס זיין פאַריזער פריינט קאַרל נעטער האָט געהאַלטן ביים גרינדן לעבן יפו, און האָט געטראַכט וועגן אַ פּלאַן איבערצופירן עטלעכע הונדערט יידן פון פוילן און רומעניע קיין ארץ־ישראל און זיי באַזעצן אויף ערד־אַרבעט.

עס האָבן אָנגעהויבן גיין אָפטע בריוו פון ר׳ צבי קאַלישער צו העסן, און צוריק.

אויפן באַרג נבו

אָקטאָבער, 1874.

פון זיין לערן־אינסטיטוט איז היינט דער אַמסטערדאַמער ראַבינער יוסף צבי דינער אַהיימגעקומען אַן אויפגעלייגטער. ער האָט דערוואַרט אַ חשובן גאַסט.

אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט שטילע אויגן וואָס פאַרמאָגן אַ קאָליר פון שוין ניט איינמאָל איבערגעטליעטן אַש, איז דער געלערנטער הויפּט פון אַמסטערדאַמער לערן־אינסטיטוט געשטאַנען לעבן זיין ביכער־שראַנק און עפּעס געזוכט.

אַן איידעלע חשיבות איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף יוסף צבי דינער. זיין גרויסע געלערנטקייט און זיין נייער אַמט אַלס הויפּט פון לערן־אינסטיטוט אין אַמסטערדאַם האָט אים ניט געשטערט צו זיין אַ שטאַרקער אַנהענגער פון משה העסן, וועמעס נייע ווערק „רוים און ירושלים" ער האָט געהאַלטן פאַר אַן אַנטפּלעקונג.

שטורעמדיק און פּילזייטיק איז פאַרלאָפן זיין לעבן ביז אַהער. ער האָט געלערנט און באַקומען „סמיכה" אין קראָקע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און געשמט אַלס „עילוי". פון דאָרטן אַוועקגעוואַנדערט קיין אויס־לאַנד. געלערנט אין דער אוניווערסיטעט פון באָן, באַקומען זיין דאָקטאָר־טיטול. געשריבן און איבערזעצט אַ סך היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע ביכער אין העברייאיש, ביז ער האָט אַנגעשלאָגן קיין אַמסטערדאַם, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפּט פון דאָרטיקן לערן־אינסטיטוט.

מיט משה העסן האָט אים פאַרבונדן אַ יוגנט־פריינטשאַפט. זיי האָבן זיך באַך געקענט פון די אוניווערסיטעט־יאָרן אין באָן. און אַז העס האָט אים צוגעשיקט זיין „רוים און ירושלים", האָט זיך פאַרקניפּט צווישן זיי אַן אָפטער בריוו־קאָנטאַקט.

לעצטנס האָט ער באַקומען אַ בריוו פון זיין פריינט וועגן זיין פּלאַן פון באַזעצן מזרח־אייראָפּייאישע יידן אין ארץ־ישראל אויף ערד־אַרבעט.

און ער האָט אים אָנגעפרעגט, צי קאָן ער אים ניט באַהילפיק זיין ביי דעם באַנקיר עקיבא לערן, איינער פון די רייכסטע יידן אין אַמסטערדאַם. דינער האָט אים איינגעלאַדן קיין אַמסטערדאַם און העס איז אַהין אָנגעקומען הושענה־רבה מיט אַ בריוו פון ר׳ צבי קאַלישער צו ר׳ עקיבא לערן, דעם ממונה אויף דער „חלוקה״ אין ירושלים. אין דעם בריוו האָט העס גע־שריבן צו זיין יוגנט־פריינט, אַז אויב עס וועט זיי געלינגען צו פאַר־אינטערעסירן דעם באַנקיר אין דעם פּלאַן און אַרויסבאַקומען פון אים אַ גרעסערע סומע, וועט ער אַליין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון זיינע חלומות.

מיט אַ וואַרעמער פריינטשאַפט האָט דינער אויפגענומען זיין גאַסט, און העס האָט זיך גלייך דערפילט היימיש. מען האָט גערעדט ווי אַלטע יוגנט־פריינט, זיך געווענדט אויף „דו״.

דינער האָט געקוקט אויפן בלאַסלעכן אָפענעם פּנים פון זיין עלטערן חבר, אויף זיין בוילעטן שטערן, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די ווייסע האָר פון זיין גרויסן קאָפּ. יענער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט דורכשטודירט זיינע ווערק און אים געפעלט באַזונדערס דער פאַרגלייך, וואָס ער האָט געמאַכט צווישן סענעקאַ און הלל הזקן.

— עס איז אַ וואונדערלעכער איינפאַל, — האָבן העסעס אויגן גע־לויכטן. — הלל האָט טאַקע געלעבט אין איין צייט מיטן רוימישן דענקער, און ביידע האָבן זיי גערעדט מיטן זעלבן לשון פון די סטאָאיקער. ביידע האָבן זיי געלערנט צו הייבן די מאָראַל. . . . פאַרן חורבן פון בית שני האָבן זיי ביידע געווירקט. ענלעכע געדאַנקען האָבן דעמאָלט באַהערשט די גרעסטע מענטשן אין רוים, אַזוי ווי אין ירושלים...

די גאַנצע צייט פון שמועס איז יוסף דינער געזעסן אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרגאַפטער, קיין וואָרט ניט צוגעגעבן. אַז העס האָט זיך אויף אים אומגעקוקט, האָט ער אין זיינע אויגן דערזען יענע פריינטלעכקייט פון אַמאָל, פון זייערע לערן־יאָרן אין באָן.

ווען העס האָט פאַרענדיקט, האָט זיך דינער אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום ביכער־שראַנק:

— מאָזעס, איך האָב פאַר דיר אַ מתנה. אַלעקסאַנדער הערצענס „פון יענער זייט״. עס איז ערשט דערשינען. האָסט עס נאָך ניט געלייענט?

דינער האָט דערביי צוגעגעבן, אַז ער איז באַגייסטערט פאַר דעם פרייען רוסישן רעוואָלוציאָנערן טריבון, וואָס דעמאַסקירט די מיאוסקייט פון דעם מאַנאַרכיסטיש־לייבאייגנטימערישן רוסלאַנד.

— איך קען אַפילו ניט באַנעמען זיין געדאַנק. ער איז צו לירישׂ־סוביעקטיוו, — האָט דינער צוגעגעבן, — אָבער זאָג מיר, מאַרקס שטייט העכער פאַר אים? יאָ, מען וואָלט געדאַרפט לייענען מאַרקסן.

— יוסף, — איז העס געוואָרן ערנסטער, — אויף איין פוס איז שווער צו דערקלערן. אָבער אונדזערע אַלעמענס מיינונגען, הערצענס, מיינע, זיינען גאָרנישט קעגן זיינע. מאַרקס׳ שרייבן איז ווי געקריצט מיט אַן אייזערנער פען אויף שטאָל, וואָס וועט קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן; אונדזער שרייבן איז ווי אַ לייכטער געמעל אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. הערצען קעגן אים איז, ווי זאָל איך דיר זאָגן, נו, ווי עסיק קעגן וויין...

ווען זיי זיינען אַרויס פון הויז און זיך אַריינגעזעצט אין קאַטש, האָבן זיי ביידע געשוויגן. ערשט ווען זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין די אָרעמע געסלעך, האָט זיך העס דערמאָנט אין היינעס אַ רייזע־באַשרייבונג וועגן די אָרעמע יידן, וואָס ער האָט געטראָפן פון יענער זייט שלעזיע אין פּוילן. ער האָט אַ הוסט געטאָן.

— הער נאָר, מיין פריינט, — האָט ער געזאָגט גאַנץ שטיל, — איך צווייפל, צי דער באַנקיר וועט אונדז העלפן אין אונדזער מיסיע. ווי אַ נגיד, איז ער זיכער פאַראינטערעסירט אין אויסטיילן צדקה צו די אָרעמסטע פון ירושלים, נאָר ניט אין העלפן באַזעצן דעם אָרעמען יידישן פּראָלע־טאַריאַט אויף ערד־אַרבעט.

דינער האָט געשוויגן.

זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין אַ ברייטער גאַס לעבן אַ קאַנאַל.

העס האָט געפילט, ווי עס שוועבן נאָך דאָ אַרום די לעגענדעס פון שבתי צבי און דער טרויער פון אָפּגענאַרטע האָפענונגען, אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות דורך נסים.

דער קאַטש האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ שטרענגער געמויערטער געביידע, וואו צוויי אויסגעשניצטע פיגורלעך אויפן אַריינגאַנג האָבן פרעמד געקוקט און אָנגעזאָגט: אין דעם הויז גייט אַ רייך און זאַט לעבן.

יוסף דינער און העס האָבן זיך אויפגעהויבן אויף עטלעכע מאַרמאָרנע טרעפּ און אַ צי געטאָן דעם גלאָק. ס׳האָט זיך אויפגעעפנט די שווערע טיר

און ס׳האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער באַדינער, וואָס האָט געפרעגט אויף האָלענדיש:

— דעם נאָמען, ביטע?

— ראַבינער דינער און זיינער אַ גאַסט.

— מער גאָרניט?

— מער גאָרניט!

דער דינער האָט זיך הכנעהדיק פאַרנויגט און געלאָזן די געסט אין פאָדער־זאַל. פון אַ ווינקל האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ הויכער ייד, שלאַנק ווי אַ צעדער, מיט אַ ברוינער באָרד און דיקע פיאות, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט און דערגרייכט דעם קאָלנער פון זיין גרין־טוכענער קאַפּאָטע. ער איז צוגעגאַנגען צום ראַבינער און אים דערלאַנגט אַ דינע, בלייכע, רבנישע האַנט. העס האָט באַוויזן צו זען דינע בלוילעכע אָדערלעך, וואָס פלעכטן זיך איבער און בלייבן ניט אונטער דעם אָרבל.

— הער ראַבינער, — האָט דער ירושלימער משולח אָנגעהויבן מיט אַ הייזעריק קול, — איך בין אַ משולח פון „כולל חיבת ירושלים", וואַרט שוין צוויי טעג דער הער לערן זאָל מיך אויפנעמען. בין געקומען בעטן מען זאָל פאַרגרעסערן די חלוקה. ישיבה־לייט, זקנים, תלמידי־חכמים זיינען זיך מפרנס בצער.

בשעת דער משולח האָט גערעדט צום אויפגעקלערטן ראַבינער, האָט העס דערווייל באַטראַכט די בילדער און מאָלערייען, וואָס זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט. דאָ זיינען געווען בילדער פון רעמבראַנדטן און אַנדערע האָלענדישע און פלאַנדערישע מאָלער. ס׳האָט אים איבערראַשט די גרויסע מייסטערשאַפט.

עס האָט זיך באַוויזן אַ נידעריקער ייד מיט אַ ברייט ווייס בערדל, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרקעט צו אַ דיקער זייגער־קייט אויף דער סאַמעטענער זשילעט. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום ראַבינער און צו העסן, און ווי פאַרגעסן אין דעם משולח.

— דער ייד וואַרט שוין דאָ לענגער, — האָט דער ראַבינער אויפ־געהויבן מיט ווירדע דעם קאָפּ. — מיר קאָנען אויסוואַרטן.

— וואָס ווילט איר? — האָט זיך דער באַלעבאָס געוואָנדט גלייך צום יידן. ווייזט אויס, ער האָט שוין מיט אים איינמאָל געהאַט צו טאָן.

דער משולח האָט געשוויגן.

דער באַנקיר האָט אַריינגעבעטן די געסט און ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט האָט ער זיך צערעדט:

— שוין עטלעכע מאָל האָב איך געבעטן, אַז די משולחים וואָס באַקומען שטיצע זאָלן זיך ווענדן ניט צו מיר דירעקט, נאָר צו מיינע מענטשן. ס'איז פאַראַן אַ ביורא, ס'איז פאַראַן אַ מענטש וואָס פאַרנעמט זיך, געלויבט דער אויבערשטער, מיט די ענינים פון דער ירושלימער „חלוקה".

העס האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויפן גביר און באַלד אַרונטערגעלאָזן די אויגן.

יוסף דינער האָט אָנגעהויבן אין אַ יידישן דייטש:

— דעם בריוו פון ראַבינער קאַלישער אויס טהאָרן האָבן זי זיכער באַקומען. איך גלאָוב, אַז דער פּראָפעסער פון „רוים און יערוזאַלעם" אַליין וועט אייַנען קענען דערקלערן דעם פּלאַן פון באַזעצן די אָרעמע יודען אויס פּאָלניש לאַנד און רוסלאַנד אויף ערד־אַרבעט אין הייליגען לאַנד.

דער באַנקיר האָט מיט אַ געמאַכטן שמייכל געענטפערט:

— ליידער, קאָן איך זיך מיט דעם פּלאַן ניט באַשעפטיקן. איך בין בלויז אינטערעסירט אין שטיצן די תורה־לערנער פון יערוזאַלעם. איבעריקנס, גלויב איך ניט אין דער אויספירבאַרקייט פון דעם פּלאַן. הער העס, ווי דער ראַבינער אויס טהאָרן שרייבט, קלייבט איר זיך צו פאָרן אין הייליקן לאַנד, ווען איר וועט מיר פון דאָרטן שרייבן, וועלן מיר דעם ענין ווידער באַטראַכטן...

דינער איז געבליבן זיצן דערשלאָגן. ער האָט נאָך באַוויזן צו הערן ווי העס געזעגנט זיך מיטן באַנקיר און זאָגט אים:

— אַנטשולדיקט, הער לערן, וואָס מיר האָבן פאַרנומען אייער צייט.

— ביטע, ביטע, — האָט זיי לערן פריינטלעך אַרויסבאַגלייט פון דער טיר.

ביידע זיינען געגאַנגען פאַרזונקען אין שוייגן. מיטאַמאָל האָט העס געזאָגט מיט ביטול:

— יוסף, איך האָב פריער געוואוסט, אַז דער הער לערן, וואָס האָט פינאַנציעלע פאַרבינדונגען מיט דעם רוסישן צאַר, וועט דעם פּלאַן ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט. פאַר מיר איז עס נאָר אַ באַשטעטיקונג, אַז מער ווי אויף דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אַליין קאָן מען זיך ניט שטיצן.

— וואָלסטו אפשר אָנגעשריבן וועגן דעם אין דער פּרעסע?
— מען האָט שוין געשריבן.
— ווער האָט געשריבן?
— מאַרקס אַליין, אין אַ קאָרעספּאָנדענץ צו דער „ווינער פּרעסע״.

העס האָט אַרויסגענומען אַן אויסשניט פון דער „ווינער פּרעסע״, מיט אַן אויפשריפט: „מוסולמאַן און קריסט — צו דער אָריענט־פראַגע״, פון דר. קאַרל מאַרקס. האָט אַראָפּגענומען די ברילן, געבליבן שטיין ביי אַ בריקל, וואָס האָט צעטיילט צוויי וואַסער־קאַנאַלן, און געלייענט מיט אַן אויפגערעגט קול:

„עס איז נישטאָ גאָרניט וואָס קאָן פאַרגליכן ווערן מיט דעם עלנט און די ליידן פון די יידן אין ירושלים. זיי באַוואוינען דעם שמוציקסטן פערטל פון שטאָט, און זיי זיינען דער אייביקער קרבן פון מוסולמאַנער אונטערדריקונג און אומטאָלעראַנץ; זיי ווערן באַליידיקט פון די גריכן, געיאָגט פון די לאַטיינער, און זיי לעבן בלויז פון די קליינע נדבות, וואָס זיי באַקומען פון זייערע אייראָפּייאישע ברידער. צו מאַכן די דאָזיקע יידן נאָך אומגליקלעכער, האָבן ענגלאַנד און פּרייסן אין 1840 באַשטימט פאַר ירושלים אַ בישאָף, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע עס איז אָפּצושמדן די יידן...״

— איבערצייגט עס דיך, יוסף? — האָט העס אַ שטרענגן קוק געטאָן אויף דינערן.

— איך בין איבערצייגט, איבערצייגט, מאַזעס! בלויז אַ שאָד, וואָס דיין פּלאַן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל וועט דערוויל ניט צושטאַנד קומען.

העס האָט געשוויגן און האָט פאַרחלומט געקוקט אויף די קאַנאַלן און די שמאָלע געסלעך אַרום זיי.

איבערמאָרגן, שמחת־תורה, איז העס געווען דער גאַסט פון דער אַלטער אשכנזישער שול. ער איז אַהין געקומען הערן די דרשה פון זיין יוגנט־פריינט פאַר קריאת־התורה.

דער ראַבינער האָט גערעדט וועגן משיח־באַגריף, אָנגעקניפּט זיין דרשה אין זכריהו הנביאס ווערטער, אַז משיח וועט זיין אַן אָרעמאַן און רייטן אויף אַן אייזל — דער סימבאָל פון גאולה איז אָרעמקייט און שווערע אַרבעט.

ווען ער איז אַרונטער פון דער בימה און זיך געזעצט לעבן גאַסט, האָט אים העס שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן:

— יוסף, בשעת דער דרשה איז מיר איינגעפאַלן, אַז דער אונטערשייד פון משיחס צייט ביז אונדזערער איז וואָס דאַן וועט דער אָרעמאַן רייטן אויפן אייזל, היינט — רייט דער אייזל אויפן אָרעמאַן...

דינער האָט פאַרשטאַנען דעם מיין און זיך נחתדיק צעשמייכלט.

העס האָט אַריינגעטאָן די אויגן אין אָפענעם חומש און געהערט ווי דער בעל־קורא לייענט מיט אַ פאַרטרערט קול:

ויעל משה על הר נבו . . . מנגד תראה את הארץ ושמה לא תבוא.*)

דינער האָט געקוקט אויף זיין פריינט, געזען ווי זיינע אומעטיקע אויגן פייכטן זיך פון טרערן...

*) און משה איז אויפגעגאַנגען אויפן באַרג נבו . . . פונוויטנס וועסטו זען ס'לאַנד און אַהין וועסטו ניט אַריינקומען.

דער סוף

דער 26טער אַפּריל, 1875. פּאַריז זינקט אין פרימאָרגנדיקן נעפּל. מען זעט נאָר אַרויס דעם שפּיץ פון הויכן „נאָטר־דאַם". די מויערן זיינען טיף פאַרקראָכן אין נעפּל און פאַרשוואונדן. דער נעפּל שווימט נידעריק איבער דער סעין.

אין דער הויך האָט זיך אַ וואָלקנדל צעשפּאָלטן, אַ בלויע פּאַסמע הימל האָט אַ וואונק געגעבן און ביי די מענטשן האָט אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ: ווער ווייסט? אפשר וועט נאָך היינט אַ שיין טאָן די זון איבער דער שטאָט.

שוין אַ וואָך, אַז העס ליגט אין בעט. היינט האָט ער געוואָלט האָבן געמיט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער באַגינען איז נאָך ערגעץ ווייט, דאָרט איז שוין פון לאַנג טאָג, און דאָ, אויף די ברעגן פון דער סעין, איז נאַכט. און ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך די נאַכט וועט דויערן...

פאַרטאָג פאַרמאַכט ער די אויגן. ער זעט: אַ בלאַסער הימל־אָקעאַן שוועבט איבער אַ פעלד, וואָס ביים רהיין. עס שווימט אַרויס די שטאָט באָן. אָט איז דעם זיידנס הויז. פון ברייטן צימער שיילט זיך אַרויס דער זיידע. ער איז אַ הויכער, מיט אַ סך איבערגעלעבטע צרות אויפן פּנים, נאָר די גרויע אויגן זיינען יונג און פאַרצויגן מיט אַ שאָטנדיק־פינקלענדיק הייטל, ווי ער וואָלט זיי נאָר־וואָס אויסגעוואָשן אין בוימל. ער זיצט און לייענט אַ ספר.

לאַנג לייענט ער פאַר זיך. דער הויכער שטערן צעקנייטשט אין טיפע פאַלדן און די ווייסע באָרד פאַרגייט אין רויטקייט, ווי די שיין פון די צוויי ליכט אויפן טיש איז אין באָרד אַריין און זי אַנגעצונדן.

העס האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, אָנגעהויבן קעמען מיט ביינער־דיקע פינגער העגגלעך האָר אויפן שטערן, זיך געוואָלט דערמאָנען אין אַמאָליקן פאַרגעסענעם ניגון פון זיידנס „תיקון חצות".

לאַנג האָט העס דעם פאַרגעסענעם ניגון געזוכט, צום סוף אים שטיל

געפונען. דער געפונענער ניגון האָט פרעמד און ווי ניט קיין געבעטענער אַרומגעבלאָנקעט צווישן פעק דייטשע צייטונגען, זיך געטוליעט צו שווערע סאַמעטענע פאַרהאַנגען, אומגעשוועבט אין העל־באַלויכטענעם צימער מיט זכרונות וועגן קינדער־יאָרן אין באָן, וועגן פערציקסטן יאָר, ווען עס זיינען צו אים דערגאַנגען די ידיעות וועגן דמשקער בלוט־בלבול, וועגן אַכט־און־פערציקסטן יאָר אין באַדען — — —

על נהרות בבל שם ישבנו

גם בכינו בזכרינו את ציון. — — —

ווען דער ניגון האָט זיך אָפּגעריסן און איז פאַרשטומט געוואָרן אין די אויערן, האָט העס פלוצים אַריינגערופן סיבילן און גענומען דערציילן וועגן זיין קינדהייט.

אין דער שטאָט באָן, אין מיטן פון איינער אַ גאַס, שטייט אַן אַלטע מויער, שטייט באַזונדער און אָפּגעטיילט פון אַלע אַרומיקע, טראָגט אויף זיך פון יאָרן אַ בלעכענעם דאַך. אין דער שטוב איז דער זיידע געזעסן און געלערנט, און אים גענומען אויף די קני און אים דערציילט וועגן ירושלים, וועגן בית־המקדש, וואָס טיטוס האָט פאַרברענט.

פערצן יאָר אַן אויפהער האָט ער מיטן זיידן געוואוינט.

אין טיפע ווינטער־נעכט. דאָס הויז זינקט פאַרנורעט אין טונקלקייט, אין שטילקייט. ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, גייט־צו צו דער טיר, זעט: דער זיידע זיצט אויף דער ערד, אין די זאָקן, האַלט אין האַנט אַ ליכט, וואָס וואַרפט צעדרייטע שאָטנס אויף די ווענט און ספרים־שראַנק, וואָס איז פאַרהאַנגען מיט אַ ברוינעם טוך, ווי אַ פרוכת.

אַ סך פלעקן זיצן טיף אין טוכענעם פאַרהאַנג. אין דער טונקלקייט זעען די פלעקן אויס ווי טראָפּנס פאַרגליווערט בלוט אויפן פרוכת פון בית־המקדש, וואָס טיטוס האָט געשטאָכן אויפן וועג קיין רוים. — — —

דער נעפל איז סוף־סוף פאַרשוואונדן. אין די שויבן האָט אָנגעהויבן שימערירן דער פרילינגדיקער טאָג. העס האָט דערפילט אַ לאַנג־געגאַרטע גרינגקייט. ער האָט זיך געפּרואווט אויפהויבן, אָבער אָטעמען איז אים געווען שווער.

— איך וועל פרואוון אַראָפּגיין, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַראָפּ־

געלאָזט אַ פּוס פון בעט, אַרויפגעוואָרפן דעם כאַלאַט אויף זיך, צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש און אַ קוק געטאָן אין פענצטער.

ער האָט עפּעס אַ געשריי געטאָן, מיט איין האַנט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַרצן, די צווייטע אויסגעשטרעקט צום הימל און אַ פאַל געטאָן.

• • •

אַפּריל 27, 1875. —

איבער פאַריזער גאַסן ציט זיך אַ לוויה. עס גייט אַ רעגן געמישט מיט האָגל. פאָראויס — צוויי פערד, וואָס שלעפּן אַ וואָגן. אין וואָגן — אַ שוואַרצער קאַסטן באַדעקט מיט אַ רויטער טוך. ווי טרערן רירן פון איר אַראָפּ אויפן וואָגן טראָפּנס רעגן.

נאָכן וואָגן גייט־נאָך אַ גרויסער עולם. האַרט ביים וואָגן, וואו עס ליגט דער קערפּער פון משה העס — „פאָטער פון דייטשן קאָמוניזם" — שפּאַנען די באַוואוסטסטע פּריינט.

פרענקל צעשמועסט זיך מיט אַ פראַנצויז:

— איר האָט געקענט דעם חבר העס?

— האָב אים ליב געהאַט אויך ווי אַ טרייען זון פון אַרבעטער־קלאַס און אַ טרייען זון פון אַ געפּייניקט און עלנט פאָלק.

די לוויה האָט זיך אַ רוק געטאָן צום „גאַר די נאָר" — די צפונדיקע באַן סטאַנציע. קעפּ פון עטלעכע פאַנען זיינען נידעריק געבויגן, טריפן אויף דעם אָרון מיט רויטקייט, ווי פאַרבאַקן בלוט. עליזע דעמיטריעוו רעדט צו סיבילן, דערמאָנט איר העסעס וואָרט ביי אַ צוזאַמענפאָר פון אינטערנאַציאָנאַל: „רויט איז די קרוין פון ליבע."

מען פירט דעם אָרון קיין דויטץ, ביים רהיין. העסעס וואונטש איז געווען צו ליגן לעבן זיינע עלטערן.

די וועגן זיינען צעשוועגקט פון פרילינגדיקע רעגנס. דער רעגן האָט די וויינשטאָקן, וואָס ביים רהיין, איינגעבויגן, געלאָזן שטיין מיט איינ־געבויגענע צווייגלעך צו דער ערד.

אין טאָל, ביים אָנהויב בית־עולם, שטייט אָפן אַ קבר. אַנטקעגן פון ביידע זייטן וויסן זיך צוויי מצבות:

פ"נ

הגאון ר' דוד טעוועלע העס

מו"ץ דק"ק מאַנהיים יע"א.

און אויף דער צווייטער מצבה:

פ״נ

אשת חיל

מרת הינדל העס ע״ה

מנוחתה בכבוד.

משה העס וועט ליגן לעבן זיידן און דער באָבען.

לאָזט מען אַראָפּ דעם אָרון אין קבר און מען פאַרשיט...

ביים פרישן קבר האָט קאַרל שמידט, דער סעקרעטאַר פון דייטשן סאָציאַליסטישן פאַראיין, גערעדט אין נאָמען פון די דייטשע אַרבעטער:

„נאָך איין קבר האָט זיך געעפנט פאַר אונדז; נאָך איין ריינער, ערלעכער, ליכטיקער מענטש האָט אונדז פאַרלאָזט; נאָך איין מענטש, וואָס האָט געהערט צו דער גרויסער משפחה פון אַרבעטער און האָט אויס־געדריקט מיטן אומשטערבלעכן וואָרט די ליכטיקסטע האָפענונגען און די פאַרבאָרגנסטע שטרעבונגען פונעם פאָלק. הונדערט טויזנט דייטשע אַר־בעטער טרויערן נאָך זייער גייסטיקן פירער מאָזעס העס.״

ווייניק מענטשן האָבן באַזוכט דעם קבר אויפן בערגל, וואָס קוקט אַראָפּ צום רהיין.

צום ערשטן יאָרצייט האָט עמעצער אַוועקגעלייגט אויפן קבר אַן איבערגעשריבן ליד פון היינען וועגן דעם פיכטנבוים, וואָס שטייט אויף אַ קאַלטן נאָרדישן באָדן און טרוימט וועגן זיין ליבער פאַלמע אין וואַרעמען קלימאַט פון מזרח...

סיביל, וואָס האָט דאָס ליד געפונען, האָט זיך דערמאָנט אין היינעס אַ פערז: „אַלע טייכן זיינען ענג פאַרבונדן אין אַן אייביק־פליסנדיקן קרייז״...

שטייט העסעס קבר און קוקט אַראָפּ צום רהיין. און דער בלויער רהיין ציט זיך אַזוי לאַנג ביז ער פאַלט אַריין אין צפון־ים. אַלע טייכן פליסן צום ים. און איינמאָל אין זיבן יאָר באַגעגנט זיך דער נאָרדישער ים מיטן מיטלענדישן, וואָס וואַשט די ברעגעס פון ארץ־ישראל...

אינהאַלט

זייט

דער ווידעראויפגעלעבטער משה העס (אַריינפיר)—נחמן מייזיל 3
פון דעם מחבר 11

א. קינדהייט

ביים רהיין 15
אַ תשובה פון טריער 17
ביים וויגל 23
די משפחה העס 28
תיקון־חצות און משיח 30
פון צפון קיין מזרח 33
פירות פון ארץ־ישראל 37

ב. טעג אין טריער

„די סוחרים פון לוד" און דער מאַרק אין טריער 43
דער טרויעריקער ברית 53
דער לעצטער רב פון טריער 57
אין שאָטן פון קרייץ 61
פאָטער און זון 64

ג. פרילינג און שטורעם

דער סוחר און זיין זון 69
אין דער אוניווערסיטעט־שטאָט 74
די באַגעגעניש 78
דער נביא און דער סוחר 85
סיביל 94
אמת, יושר און ליבע 100
מרים פון מגדל 106
דער „אני מאמין" 111
אין ברוסעל 117
1848 123
האָפענונג 131
עמוס 133
הושע 141
געראַנגל 149
דאָס קאַפּיטאַל 154

ד. רוים און ירושלים

יהודה הלוי 161
אַנטפלעקונג 167
אין ברעסלוי 174
די רויז פון יריחו 177
ר' צבי קאַלישער 183
אין ראַבינער־סעמינאַר 187
יום־כיפור אין מיינץ 192
ביי דער קאָמונאַרן־וואַנט 199
די באַגעגעניש אין קאַרלסבאַד 203
אַ לעקציע 208
אויפן באַרג נבו 213
דער סוף 220